STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00866

SHMUESN VEGN DER YIDISHER LITERATUR UNTER DER DAYTSHER OKUPATSYE

Nachman Blumental

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Bernice & Larry Mazer
in memory of
Grandfather Max Mazur

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן בלומענטאַל

שמועסן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע

ביבער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

175

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

נ ח מ ן ב ל ו מ ע נ ט אַ ל

שמועסן וועגן
דער יידישער ליטעראַטור
אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בועגאָס־איירעס, 1966 — תשכ"ו

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען
מיט דער סובוועגץ פון דער
פונדאַציע פאַר יידישער קולטור

א י נ ה אַ ל ט

אַריינפיר־וואָרט: אַ פאָלק גייט אונטער — — — — — — — — — — — — 9

I. טויטן־לאַגערן

די כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער ליטעראַטור אונטער דער
דייטשישער אָקופּאַציע — — — — — — — — — — — — — — — 19
וואָס זענען די הויפּט־שטריכן פון דער ליטעראַטור? — — — — — 35
אויפשריפטן אויף ווענט, ספרים און ביכער — — — — — — — — 39
KÄMPFEN UND SINGEN! — — — — — — — — — — — — — — 53
די מיטגראַציע פון יידישן פאָלקסליד אונטער דער דייטשער אָקו־
פּאַציע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 69

II. כעלמנאָ

פּערדס־מייערן — — — — — — — — — — — — — — — — 91
אַ צוואה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 107

III. בעלזשעץ

בעלזשעץ — — — — — — — — — — — — — — — — — — 127

IV. טרעבלינקע

טרעבלינקע — — — — — — — — — — — — — — — — — 147

V. אוישוויץ

אוישוויץ — — — — — — — — — — — — — — — — — — 169

גליקלין איז דער און געבענשט זאָל דער ווערן,
וואָס וועט פעראייביגען אייערע טרערן,
הייליגע, צווייטויזענד־יעהריגע טרערן.

ח. נ. ביאַליק

Die Geschichte der neuern Juden ist tragisch, und schreibt nan über dieses Tragische, so wird man noch ausgelacht. — Das ist das Allertragischste.

Heinrich Heine

אַריינפיר - וואָרט:
אַ פאָלק גייט אונטער

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין מיטן קולטורעלן אייראָפּע, איז אַ גרויס שטאַרק פאָלק באַפאַלן אַ קליין אומשולדיק פאָלק, עס אומגעבראַכט אויפן אַכזריותדיקסטן אופן. דאָס, וואָס מ׳האָט אַפילו אין ערגסטן חלום נישט געקענט פאָרויסזען; דאָס, וואָס מ׳האָט אַפילו אויפן רעיון נישט געקענט נעמען, אַז ס׳איז בכלל דורכפירבאַר — איז געשען!

מיר געדענקען אַלע: אין געוויסע מדינות פון אייראָפּע איז דאָס אַזוי-גערופענע יידן-פּראָבלעם פאַר דער מלחמה געשטאַנען זייער שאַרף. מ׳קען זאָגן: אויפן שפּיץ מעסער. מיר געדענקען גאַנץ גוט, אַז אין געוויסע מקומות פלעגן אונטערן איינפלוס פון געוויסע מענטשן-פרעסערישע שוואַרץ-מאַהניקעס אויסברעכן אַנטיסעמיטישע אומרוען. מיר געדענקען פון פאַר דער מלחמה — פשיטיק און טשענסטאָכאָוו, בריסק און גראָדנע! און מיר געדענקען נאָך און נאָך, פון פריערדיקע צייטן און פון נאָך פינצטערע מלוכות: קעשענעוו און ביאַליסטאָק! אָבער וואָס זענען די אַלע קליינינקע פּאָגראָמען קעגן איין דייטשער **אַקציע**, דורכגעפירט אַפילו אין קלענסטן יידישן ישוב.

אין ליכט פון די היינטיקע געשעענישן זעען זיי דאָך אויס ווי נישטיקע קינדער-שפּילערייען.

און אין דער אמתן זענען דאָך די פריערדיקע פּאָגראָמען נישט געווען קיין זעלבסט-ציל, נאָר אַ מיטל אויף צו ווייזן, ווי אַזוי ברענענדיק עס איז דאָס יידן-פּראָבלעם, אַז מען מוז עס גלייך לייזן (פּויילן). טייל מאָל האָט דער פּאָגראָם אויך נישט געהאַט אַפילו דעם דאָזיקן בייגעשמאַק: ער האָט, אַזוי צו זאָגן, גאָר נישט אויסן געווען

קיין ייִדן. ס'האָט זיך געהאַנדלט גאָר פּשוט אין אַפּוועגדן די אויפ־מערקזאַמקייט פונעם המון פון גאָר אַנדערע פּראָבלעמען, פון גאָר אַנדערע פּראַגעס, און דער ייִד — דער געפאַלענער אין פּאָגראָם — איז גאָר געווען אַ גאַנץ צופעליקע דערשיינונג, אַ טפל־זאַך (צאַריש־רוסלאַנד). זייער אָפט האָט דער ייִדן־פּאָגראָם גאָר קיין שייכות נישט געהאַט צום „ייִדן־פּראָבלעם!".

וואָס פאַר אַ געפערלעכסטער אַנטיסעמיט האָט דאָס געוואָגט פריִער צו וואַרפן די לאָזונג: „פולשטענדיקע פאַרניכטונג"! ער האָט עס נישט געוואָגט, ווייל מעגלעך: דאָס איז אים גאָר אַפילו אויפן זינען נישט געקומען. אַזוי נידעריק איז ער דאָך נישט געפאַלן. דאָס אייגענע געוויסן האָט אים דערצו נישט דערלאָזט. און היינט די דרויסנדיקע וועלט! וואָס וואָלט דאָס וועלט־געוויסן געזאָגט?! וואָלט דען די מענטשהייט געשוויגן? האָט דאָך אַפילו דער „לא יזכר ולא יפקד" אַליין נישט געוואָגט אַרויסצורוקן דעם געדאַנק פון הונדערט־פּראָצענטיקער אויסראָטונג פון ייִדנטום אין די דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן שוין נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1939. רעדט ער דאָך נאָך אין 1940 וועגן ייִדן־פּראָבלעם, ווי איינס פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס ער דאַרף דערליידיקן נאָכן דעראָבערן פון פוילן. אמת, ער גיט נישט אָן — דער ימח שמו — אַפילו קיין שום לייכטסטע אָנדייטונג וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס פּראָבלעם דאַרף באַשיידט ווערן, אָבער וועגן אַ מאַסן־טויט רעדט זיך דאָך נישט. פאַרקערט, אין איינער פון זיינע דרשות, געהאַלטענע אין אָט דער צייט, מערזייניקער, פילט זיך ווי אַ מין סימפּאַטיע, מיטלייד־געפיל צום ייִדישן פאָלק, וועלכעס מ'האָט אָפּגענאַרט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוזאָגנדיק אים ארץ־ישראל און, גלייכצייטיק, — לויט דעם ימח־שמו — האָט מען דאָס לאַנד צוגעזאָגט די אַראַבער און דערמיט זיי אויך אָפּגענאַרט.

וואָס איז אייגנטלעך געשען, וואָס מיט אַ מאָל האָבן זיך אָנגעהויבן די מוראדיקע אַקציעס, מיט דעם לאָזונג: „פּאָגראָם לשם

פּאָגראָם״? וואָס האָט דאָ געווירקט? זענען, למשל, די תשובות, וואָס עס גיבן דערויף די „בונקער־מענטשן״, ד״ה די יידן, וואָס זע־נען אַרויס לעבעדיק פון די דייטשע הענט און געלעבט אַ שטיק צייט אין קעלערס, גריבער אאַז״וו. אָבער אומפאַרענטפערט בלייבט דאָך איין פראַגע:

ווי אַזוי האָט אַ מענטש געקאָנט דערקייקלען זיך צו אַזאַ טייוולאָנישן פּלאַן? און אויב אַפילו ער, דער „פירער״, האָט זיך שוין יאָ דערשלעפּט צו אַזאַ מדרגה, ווי אַזוי זשע האָט ער געקאָנט געווינען פאַר זיין „אידעע״ זיינע מיטקעמפער, זיין פאָלק?

עס איז דאָך אַ טעות צו מיינען, אַז די אַקציעס זענען אויסגע־פירט געוואָרן נאָר אויפן באַפעל פון איין מענטש — אין דעם פּרט: דעם פירער, — וועלכן ס׳האָט זיך „געמוזט״ אונטערוואַרפן „גע־האָרכזאַם״ דאָס דיסציפּלינירטע דייטשע פאָלק. עס איז נישט נאָר אַ טעות, נאָר אַ בפירושער ליגן, אַ ווילקירלעכער צי אומווילקיר־לעכער. ווייל ראשית האָבן דאָך בלויז אויף דעם געביט פון יורי־דישן, לעגאַלן, באַגרענעצן די יידן געאַרבעט נישט איין דייטשער „מיניסטער״, נישט איין דייטשער „געלערנטער״. און דאָס זעלבע איז שייך אַנדערע געביטן. מ׳קען דאָך זאָגן, אַז די גאַנצע דייטשע „וויסנשאַפט״, אַלע אָן אויסנאָם, מינים „וויסנשאַפטלער״, „אינ־טעליגענטן״ — האָבן געאַרבעט אויפן געביט פון אויסראָטן דאָס יידנטום. און דאָס נישט נאָר דורך העלפן שאַפן די אַנטי־יידישע געזעצן דירעקט (אויף יעדן געביט זענען דאָך געווען עקסטרע גע־זעצן פאַר יידן. ווי לעכערלעך זיי קלינגען טייל מאָל, ווען מ׳לייענט זיי בלויז, ווי טראַגיש זיי זענען אָבער אויס, ווען מ׳זעט זיי אָנגע־ווענדטע אין לעבן!), נאָר אויך אין דעם שאַפן „זייערע״ אַ „ווי־סנשאַפט״ אָן יידן. איינער שרייבט אַ „פיזיק״ אָן יידן, דער צווייטער אַ „כעמיע״ אָן יידן, דער דריטער אַ „ליטעראַטור־געשיכטע״ אָן יידן אאַז״וו.

דער נאָמען פון אַ יידישן שרייבער, צי וויסנשאַפטלער טאָר

נישט דערמאָנט ווערן; אַ „ייִדישע" דערפינדונג טאָר נישט אָנגע־געבן ווערן, אַז זי שטאַמט פון אַ ייִדן אאַז"וו, אאַז"וו.

מיט איין וואָרט: אַט די אַלע „גרויסע", אַלע „גדולים", דײַ־טשע קאַרפּן־קעפּ זענען מיטשולדיק אין שאַפן טעאָרעטיש אַ ייִדן־ריינע אייראָפּע. יעדער איינער „אינטעליגענט" האָט אין זיין גע־ביט געגעבן פון זיך דעם מאַקסימום, וואָס ער האָט נאָר געקענט פון זיך געבן, זיין גאַנצע דערפינדערישקייט, אַרבעטזאַמקייט, דייטשע „שטומפּזיניקייט" אאַז"וו.

אָ, ניין, דער דייטש, דער געלערנטער, אינטעליגענטער, איז נישט געווען קיין פּאַסיווער, אומשולדיקער האָרכער פון רבינס תורה. אָ, ניין!

און דאָס זעלבע איז שייך די פּראַקטיקער, וואָס האָבן זיך באַ־מיט דורכצופירן די תורה אין לעבן. אַט די אַלע „זאָנדערדינסטן", „ראָלקאָמאַנדעס", געסטאַפּאָ, ס. ס. און ווי אַזוי זיי זאָלן נישט הייסן: די מלאכי־חבלה, — האָט יעדער פון זיי אַריינגעלייגט זיין גאַנצן שעפערישן כוח, זיין גאַנץ לייב־און־לעבן אויף בעסער אויס־צופירן דעם רבינס תורה. זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרשטיין דעם רבין אויפן ווונק, איבעריאָגן זיינע ווייטסטע געדאַנקען און חלו־מות, איבעריאָגן זיין פּלאַן און אים אויסאַרבעטן איבער די נאָרמעס. זיי זענען נישט געווען קיין בלינדע אויספירער פון אַ זיי אָנגע־וואָרפענעם באַפעל. אָ, ניין! דער תלמיד האָט איבערגעשטיגן דעם רבין. און דערמיט זענען די אויספירער, דירעקטע צי אומדירעקטע, און זייער צאָל איז מיליאָנען — מיטשולדיק.

ווען דו הערסט נאָר דערציילן, ווי אַזוי עס זענען פאָרגעקו־מען די אַקציעס, ווי אַזוי עס זענען דערמאָרדעט און געשענדט גע־וואָרן ייִדישע לעבנס — זעט מען, ווי איין פאַל איז נישט געווען ענלעך צום צווייטן. יעדער האָט געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון זיין אָנפירער: קאָמענדאַנט, אונטערקאָמענדאַנט, צי פּשוטן סאָל־דאַט. יעדער האָט אויף זיין אייגענעם אופן — לויט זיין אינדיווי־דואַליטעט און אייגנאַרט — געהרגעט ייִדן. אָ, דאָ קען מען נישט

ריידן וועגן קיין אַרויפגעצוווּנגענער טאַט, וועגן אַ האַנדלונג פון אַ מאַסע, וואָס גייט נאָך בלינד דעם באַפעל. ניין, יעדער האָט זיך באמת צו אַרבעטן לפנים משורת הדין, איבער דער מאָס, איבער דעם געזעץ און טייל מאָל, אפשר אויך, קעגן געזעץ (אפילו היט-לערישן!).

הערט דערציילן, מיט וואָס פאַר אַ צופרידנקייט דער דייטשער פּשוטער סאָלדאַט שטעקט אַריין זיין באַיאָנעט אַ קינד אין בייכל און הייבט עס אויף אין דער לופטן, ווי עפעס אַ סימבאָל, אַ פאָן. אַ, אַזאַ באַפעל האָט ער, דער פּשוטער דייטשער „יעקע" — נישט באַקומען! אָדער זעט מיט וואָס פאַר אַ צופרידנקייט אַן אַנדער דייטשער „אומשולדיקער" פּריץ שיסט אַריין אַ קויל אין בויך פון אַ יידענע און קוקט זיך צו מיט דעם גרעסטן תענוג, ווי זי גייט אוים אין די שאַרפסטע יסורים. זעט דעם גראָבן נידעריקן נעקער, ווי ער שיסט אַריין אַ דום-דום-קויל גלייך אין מענטשנס שאַרבן אַריין און לויפט גלייך אין יודענראַט, מ'זאָל אים באַצאָלן, ווייל ער איז נישט קיין באַרבאַר, חלילה, נישט קיין אוקראַינער! ער שיסט נישט אַזוי, אַז דער מענטש זאָל זיך מוטשען. ער איז אַ הומאַני-טאַרער מענטש, אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ — ער, אַז ער שיסט, שיסט ער גלייך אין קאָפּ אַריין, דער מענטש זאָל זיך נישט מו-טשען. איז נישט ווערט אַזאַ שטיקל אַרבעט אַ גאָלדענעם זייגער „פאַר קאָפּ"? פון לויטער גוטהאַרציקייט נעמט ער צו די מתנה פון יודענראַט.* איבעריקנס, פּרוּווט גיט אים נישט.

פאַרגעסט נישט, אַז דער אונטערטעניקער יודענראַט איז אויך באַשטימט צום טויט, נישט מער „ער גייט צום לעצטן" און דאָס זייבע האַרץ פון געסטאַפּאָ-מאַן קען פון יידישער חוצפּה האַרט ווערן אויך! און גייט זאָגט, אַז די אַלע מענטשן זענען אומשולדיק, אַז זיי האָבן זיך נאָר אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ.

און היינט דאָס זוכן דעם יידן, דאָס נישטערן, דאָס איינוואַל-

---

* אַן אמתע פּאַסירונג אין שטעטל באַרשטשוו.

גערן הייזער נאָר אויפֿן פֿאַרדאַכט, אַז דאָרט געפֿינט זיך אַ נישט־אַנטדעקטער ייִדישער בונקער מיט אַ ייִדן, דאָס נאָכיאָגן זיך נאָך אַ ייִדן, ווען דאָס „געזעץ" אַליין וואָלט אים געקענט נישט באַמערקן.

ניין, און נאָך אַ מאָל ניין! נישט נאָר היטלער איז שולדיק אין דער ייִדישער אויסראָטונג־אַקציע, נאָר דאָס גאַנצע דייטשע פֿאָלק. ווייל, וואָס פֿאַר אַ באַטייט קענען האָבן אַ פּאָר הונדערט באמת גוטע דייטשן אין אַ מחנה פֿון אַ 80 מיליאָן מענטשן!

און עס בלייבט ווידער אַ פֿראַגע, צי אפֿשר אַ רעטעניש: ווי אַזוי האָט זיך דאָס דייטשע פֿאָלק צוגעשלאָגן צו אַזאַ נידעריקער מדרגה? ווי אַזוי איז עס אַזוי נידעריק געפֿאַלן? וואָס האָט דאָס אַלץ גורם געווען?

נו, יאָ, לאָמיר זאָגן, אַז די אַקציעס זענען שוין געענדיקט, מער וועלן זיי זיך שוין נישט אומקערן. אַלץ גוט, שלום, שלום אויף דער וועלט. אָבער פֿון וואַנען נעמען די גאַראַנטיע, די זיכערקייט, אַז דאָס זעלבע דייטשע פֿאָלק, צי אַן אַנדערס וועט נאָך אַ געוויסער צייט, אַ צייט פֿון פֿאַציפֿיסטישן צוזאַמענלעבן מיט אַנדערע פֿעלקער, — ווידער ביי אַ גינסטיקער לאַגע נישט אָנהויבן דעם זעלבן שדים־טאַנץ. מיר זעען שוין, קיין שום אָפּהאַלט קען דאָך דאָ נישט זיין. נישט די קולטור, נישט די רעליגיע, נישט די מענטשלעכקייט, די גאַנץ פּשוטע אינסטינקטיווע מענטשלעכקייט.

דאָס דייטשע פֿאָלק האָט צעטרייסלט און אומגעוואָרפֿן אַלע אידעאַלן, אַלץ וואָס איז אַמאָל געווען הייליק; אַלץ האָט עס באַשמוצט, אַלץ פֿאַראומווירדיקט! און עס כאַפּט זיך אַריין אַ חשד: ווער ווייסט, צי אַנדערע פֿעלקער קענען אויך נישט אַרויסגעבן אַזאַ נייעם מין המן, אויסטראַכטן אַזאַ נייע מין „אַקציע"? ווער ווייסט? דער גלויבן אין מענטשלעכן יושר, געוויסן, מעגלעכקייט פֿון צוזאַמענלעבן איז אויפֿגעטרייסלט, ווער ווייסט צי נישט גענצלעך פֿאַרשוווּנדן.

וואָס קען דעם מענטש אָפּהאַלטן פֿון די שרעק־מעשים: גער־

זעץ? געווים? — לעכערלעך! אפשר רעליגיע? — יאָ, אָבער רע־ליגיע קאָן דינען דעם רבונו־של־עולם; רעליגיע קאָן אויך דינען דעם שטן. און עס דערמאָנען זיך די ווערטער פון פּרץ מאַרקישעס קדיש, וועלכן ער האָט אָפּגעזאָגט נאָך די הרוגים פון שטעטל האָ־ראָדישטש אין אוקראַינע, בשעת די פּעטליורע־פּאָגראָמען: „אַנט־קעגן זיצט דער קלויסטער, ווי אַ טכויר ביי אַ קופּע אויסגעשטיק־טע עופות!״.

און בשעת דאָס יידישע פאָלק האָט געבלוטיקט, בשעת דאָס יידישע פאָלק איז פאַמעלעך אויסגעגאַנגען, האָט זיך אַזוי ווייניק געענדערט אין דער אַרומיקער וועלט. פון איין זייט ווערט אַ פאָלק אין גאַנצן אויסגעראָטן, ווערט ליקווידירט, הערט אויף צו עק־סיסטירן. עס בלייבן נאָר פון אים נישט־דערשלאָגענע פּליטים, מענטשן קאַליקעס, האַלב־קראַנקע, — אַלנפאַלס, הורכוים פאַר־אומגליקטע און פאַריתומטע. און אַט קוקט זיך צו צו דעם אַרום. דאָ האָט זיך גאָר נישט געענדערט. און אויב יאָ אַן ענדערונג, איז עס אַן ענדערונג צום גוטן. די „סביבה״ איז רייכער געוואָרן, אויס־געוואַקסן, פאַרנומען די הייזער, די אַרבעט־שטעלעס, וועלכע די יידן האָבן געמוזט איבערלאָזן.

צווישן די איבערגעבליבענע יידן און אַרומיקן עולם איז אויס־געוואַקסן אַ תהום, אַ שנאה, וואָס לאָזט זיך נישט אַזוי גיך אָפּ־רוימען און וואָס קען קיין גוטס נישט פאַרשאַפן. פון איין זייט שנאה צו די יעניקע, וואָס זענען דערביי געווען, און אין בעסטן פאַל געווען בלויז שטומע (פאַסיווע) עדות. פון דער אַנדערער זייט פאַראַכטונג צו די, וואָס מ׳האָט אַזוי לייכט געקענט מאָרדן און וואָס האָבן זיך אַזוי לייכט געלאָזט מאָרדן. צוויי וועלטן!

נאָך אַן אָפּוועזנקייט פון העכער דריי יאָר, בין איך צוריק געקומען אין מיינע היימישע מקומות. פון דער אַמאָליקער משפחה — קיין זכר; פון די אַמאָליקע פּני־העיר יידן — קיין סימן; קיין יידישע מאַסע, קיין יידישער צענטער מער. געבליבן געציילטע מענטשן. נישט קיין חבר, נישט קיין גואל. עס זענען מיך געקומען

באַגריסן די אַמאָליקע חברים פון דער נישט-יידישער וועלט; מנחם אָבער זיין און צוגלייך אויסדריקן די פרייד, וואָס איך בין געבליבן לעבן... און מערקווירדיק, אָט די דאָזיקע מענטשן, די חסידי-אומות-העולם, וואָס האָבן זיכער נישט אָנטייל גענומען אין קיין שום יידישער אַקציע, וועמענס סימפּאַטיע איז זיכער געווען אויף דער יידישער זייט, — ריידנדיק און פרייענדיק זיך מיט מיר, קוקן עפּעס משונהדיק אין אַ זייט. נישטאָ דער אָפענער פרייהאַרציקער בליק. ווי פיינלעך דאָס איז! רעדסט מיט אַן אַמאָליקן פריינד, צעקושט זיך מיט אים גאָר האַרציק, נאָר בשעתן ריידן מיט אים — שעמסטו זיך אים צו קוקן גלייך אין פּנים אַריין און ער דיר — אַוודאי! איר רעדט און אייערע אויגן בלאָנדזשען אין אַ זייט, אַלץ ווייטער און ווייטער...

און עס דערמאָנט זיך: בשעת די דייטשן האָבן פאַרנומען אַלץ נייע טעריטאָריעס און זיך באַזעצט אין אַלץ נייע מקומות, זענען זיי געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער היימישער באַפעלקע-רונג, אַפילו מיט דער יידישער. עס פלעגן זיך אַפילו אָנקניפּן סימ-פּאַטיעס צווישן איינצלנע דייטשן און איינצלנע יידן. און עס פלעגט זיך אָפט טרעפן: דער דייטש איז אויף אַ געוויסער צייט ערגעץ אַרויסגעפאָרן, צי דער ייד ווידער איז איניקע טעג ערגעץ געווען פאַרשטעקט אין אַ מויזן-לאָך, זיך באַהאַלטן פאַר אַן אַק-ציע. און אָט טרעפן זיך ווידער די צוויי „פריינד".

— „וואָס, יודע, דו לעבסט נאָך?!" — רופט אויס דער דייטש מיט גרויס חידוש צו זיין יידן; „וואָס, דו לעבסט נאָך?" ווי אַזוי, הייסט עס, איז דאָס מעגלעך? היתכן? — קיין אַנדער באַגריסונג האָט דער דייטש פאַרן יידן נישט געהאַט.

און ווען די חסידי-אומות-העולם האָבן מיך אויפגענומען, ווי אַן אַלטן גוטן פריינד, האָט אין מיינע אויערן געקלונגען די דייט-שע באַגריסונג-פאָרמול: „וואָס, יודע, דו לעבסט נאָך?"...

באַרשטשעוו, 1944.

I

טויטן־לאַנערן

די כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער ליטעראַטור אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע

צוערשט באַשטימען די באַגריפן פון אונדזער טעמע:

דריי פאַרטייטשונגען פונעם באַגריף „יידישע ליטעראַטור“:

1. ליטעראַטור, געשאַפן דורך יידן, אומאָפּהענגיק פון שפּראַך: יידיש, פּויליש, העברעיש א״אַ; מיר האָבן אין אונדזערע זאַמלונגען פון דער צייט אַפילו לידער אין אונגאַריש, רומעניש א״אַ.

2. ליטעראַטור וועגן יידן (יידישע מאָטיוון) — פון נישט־יידן — אומ־אָפּהענגיק פון שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט פון מחבר. אַזוי, למשל, קאָן איך אוקראַינישע פאָלקסלידער וועגן אַקציעס אויף יידן, געשאַפענע דורך אַ פויער — אַן אוקראַינער. אַהער געהערן אייניקע לידער פון דער אַנטאָלאָגיע „ז אָטכלאַני“, געשריבן דורך נישט־יידן און דערשינען אין וואַרשע 1944.[1] בכלל קען מען דעם סוג ליטעראַטור איינטיילן אין צוויי גרופּעס: „פּראָ“ און „קאָנטראַ“. וואָס די באַגריפן באַדייטן — איז קלאָר. אין דער גרופּע „קאָנטראַ“ וועט זיך געפינען די גאָר רייכע דייטשישע פּראָדוקציע וועגן „יודאַ“. אויב אַפילו די דאָזיקע ליטעראַטור איז נישט אין גאַנצן געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, איז אָבער די דאָזיקע ליטעראַטור אין דער צייט אַקטואַליזירט געוואָרן. איך באַנוץ דעם באַגריף „אַקטואַליזירן“, ווייל אויף געוויסע יידישע און אַנדערע ליטעראַרישע ווערק, אויפגעקומענע פריער, ווערן אין דער צייט אַקטואַליזירט (געבירטיגס: „עס ברענט, יידעלעך, עס ברענט“, יידישע פאָלקסלידער, למשל „די מאַמע“;

---

[1] די דאָזיקע בראָשור (בינטל לידער) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם אונטערערדישן „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט“ ביי דער מיטהילף פון פּוילישן אונטערערד; פאַרשטענדלעך, אַז די אויסגאַבע איז געווען אַן אומלעגאַלע, זי איז זיך אָבער צעגאַנגען אין אָקופּירטן פּוילן און דערגאַנגען קיין אויסלאַנד אין יענעם יאָר נאָך.

„דאָרט אין אַ וועלדל, דאָרט לעבן אַ טייכל, דאָרט שטייט אַ מאַמעניו און ברעכט אירע הענט"... ביאַליקס: „די שחיטה"; פראַנץ ווערפלס: „פערציק טעג פון מוסאַ־דאַג" א"אַ).

און אויב מיר ווילן געגוי אָפּשפּיגלען דאָס ליטעראַרישע לעבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, מוזן מיר בויטוועגדיקערהייט האָבן אין אויג אויך די אַקטואַליזירטע „קאָנטראַ"־ליטעראַטור. אַ פּראָדוקציע, וואָס איז טייל־וויז געניצט געוואָרן דורך ייִדן — געצוווּנגענערהייט אָדער נישט געצוווּנגען — כ'מיין דאָ: די לאַגער־לידער, וואָס זענען געווען באַשטימט צום זינגען פאַר ייִדן, וואָס האָבן זיך אין לאַגער געפונען, און ביים זינגען האָבן די ייִדן זיך פאַרהאַלטן נישט נאָר פּאַסיוו. זיי האָבן נישט נאָר פאַרייִדישט דעם טעקסט, טיילמאָל נישט פאַרשטייענדיק קיין דייטש. עס האָט זיך דעריבער געשאַפן אַ מין אַלטערטימלעך ייִדיש־דייטש, נישט תמיד פאַרשטענדלעך פאַרן זינגער אַליין, — נאָר זיי האָבן אויך אַריינגעפירט באַוווסטזיניק, ענדערונגען, וואַריאַנטן. למשל, אין סאַביבאָווער „הימן": „די יודען ציהען הין, די יודען ציהען הער" — זינגען די ייִדן: „די וואָלקען ציהען אַהין און די וואָלקען ציהען אַהער". אין דעם דאָזיקן ליד קומט דאָס פאַר דער אויספיר: „מאַך די קלאַפּע צו, דאַן האָט די וועלט רו". — די ייִדן האָבן נישט געוואָלט זינגען וועגן זיך אָט־דעם טויט־אורטייל און געענדערט אויך די דאָזיקע פּוענטע.

די דאָזיקע ליטעראַטור דאַרף גענויער אויסגעפאָרשט ווערן, און דער עיקר — דער ייִדישער אָנטייל אין איר. מיר האָבן דאָ צו טאָן אויך מיט אַ שפּראַכלעכן ווידערשטאַנד פון ייִדן. אַ צווייטער אַספּעקט פון אָנווענדן דעם מין ליטעראַטור איז דאָס זינגען אַנטי־ייִדישע לידער דורך ייִדן, וואָס זענען דערצו נישט געווען געצוווּנגען. אַזוי, למשל, זינגען ייִדישע בחורים פון בילגאָראַי (לובלינער קרייז), אַרויסלאָזנדיק זיך פון געטאָ אויף איינצוקויפן פּראָדוקטן אין דאָרף, כדי צו מאַסקירן זיך ווי „אַריער", דאָס פּויליש אַנטיסעמיטישע לידל: „זשיד גודלאַי". דער טראַגיש־טרויעריקער פאַקט, ווי אויך אַ ריי אַנדערע, דאַרף גענומען ווערן אין אַכט, כדי דאָס בילד זאָל זיין אַ גאַנצס.

3. ליטעראַטור אין ייִדיש — ד"ה געשריבן אויף ייִדיש, אומאָפּהענ־

גיק פון נאַציאָנאַליטעט פון מחבר. פּראַקטיש וועט עס זיין אַ ליטעראַטור געשריבן דורך ייִדן פאַר ייִדן אויף ייִדיש — ווייל איך קען נישט קיין איין פאַל, פון אַ נישט־ייִדן, וואָס האָט געשריבן אין דער אָקופּאַציע־צייט ייִדיש. די 3טע גרופּע איז, בכן, אין דעם פאַל אַ סוב־גרופּע פון נר׳ 1.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע דריי גרופּעס האָבן פאַר אונדז אַ ריזיקע באַדייטונג און דאַרפן ביז אין די קלענסטע פּרטים אויסגעפאָרשט ווערן, נישט בלויז פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. און אפשר גאָר דער ליטעראַרישער צוגאַנג צו דער ליטעראַטור פון יענער צייט איז פון צווייטראַנגיקן באַטייט. וויכטיקער איז דער אַלגעמיין היסטאָרישער אַנאַליז.

אין מיין איצטיקן רעפעראַט וועל איך זיך באַגרענעצן נאָר צו דער גרופּע 3.

אַז די דאָזיקע דריי ליטעראַטור־גאַטונגען האָבן אַ ווערט נישט נאָר פאַר ליטעראַטור־געשיכטע, איז אפשר איבעריק צו זאָגן. אין פּרט „היטלעריזם״, מער ווי אין יעדער אַנדערער שטרעמונג, גייט די ליטעראַטור פאַר דער געשיכטע (פּאָליטישע, עקאָנאָמישע). אין היטלעריזם איז אַלץ קודם־כל געניי פּלאַנירט, אַרומגערעדט און ווי געהעריק צוגעגרייט [רעזשיסירט] געוואָרן; דערנאָך ערשט איז געקומען די טאַט, דער געשיכטלעכער פאַקט. די ליטעראַטור האָט דאָ געווירקט אויף דער געשיכטע און נישט פאַרקערט. גאָר נישט איז דאָ איבערגעלאָזט געוואָרן דער סטיכיע, דעם נישט־אָרגאַניזירטן אויפברויז, דעם ווילקיר, די דעם פרייען ווילן פון בירגער. איידער דער היטלעריזם איז צוגעטראָטן צום דורכפירן די אויסראָטונג־פּאָליטיק, האָט ער געשאַפן די אויסראָטונג־טערמינאָלאָגיע, די אויסראָטונג־ליטעראַטור. צום אַלעם ערשטן איז געווען דאָס וואָרט — דאָס היטלעריסטישע וואָרט — אָבער דאָס איז געוויס אַן ענין פאַר זיך.

אין אַן אַנדערן זינען האָט אַ היסטאָרישן ווערט די ליטעראַטור אין ייִדיש, ווי אַן איבערגעבליבענער דענקמאָל, אַ זכר פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, בעת די מענטשן גופא זענען אומגעקומען.

מיר גייען אַריבער צו די ווייטערדיקע באַגריף־באַשטימונגען:

וואָס הייסט דייטשישע אָקופּאַציע? נישט די געשיכטלעכע דאַטן פֿון באַפרייען דאָס פּוילישע לאַנד, צי די אַנדערע אָקופּירטע לענדער, איז פֿאַר אונדז מאָסגעבנדיק; ווייל ווען, למשל, ס׳איז אין יאַנואַר 1945 באַפרייט געוואָרן לאָדזש, האָבן זיך דאָ געפֿונען נישט מער ווי אַ 800־850 ייִדן, דאַקעגן האָבן זיך אַ צוויי צענדליק טויזנט לאָדזשער ייִדן געפֿונען אין דעם מאָמענט נאָך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, דער גרעסטער רוב אין פֿאַרשידענע לאַגערן פֿון דער נאָך אָקופּירטער אייראָפּע, צי אין דייטשלאַנד גופֿא; אַ קליינער טייל אויף דער אַרישער זייט. דאָס זעלבע איז שייך אַנדערע שטעט. אַ כלל: דאָס „יודענלאַנד" דעקט זיך נישט מיט קיין שום גרענעצן און געפֿינט זיך דאָרט, וווּ עס לעבן ייִדן!

דעריבער דאַרף מען נעמען אַלס גרענעץ־דאַטעס: דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 און דעם 8טן מאַי 1945, ווען אַלע ייִדן פֿון דער גאַנצער דייטשישער טעריטאָריע זענען שוין געווען פֿריי און די אָקופּאַציע (עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין טעריטאָריע!), ד״ה אירע פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן האָבן אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן.

טעאָרעטיש וואָלט מען געדאַרפֿט די ערשטע צייט־גרענעץ אַראָפּנידערן ביזן יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, און אַלע ייִדן אין דייטשלאַנד האָבן אויף זיך דערפֿילט זיין שווערע האַנט און פֿאַקטיש זיך געפֿונען אין אַן אָקופּאַציע־אַטמאָספֿער. דאָס זעלבע איז שייך די ייִדן אין עסטרייך, וואָס זענען אַריינגעפֿאַלן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, מערץ 1938, בעתן אַזוי גערופֿענעם „אַנשלוס", און די ייִדן פֿון בעמען, מערן און סלאָוואַקיי (כלומרשט אַן אומאָפּהענגיקע מדינה צו דער צייט), וואָס זענען באַזעצט געוואָרן דורך היטלערן אין מערץ 1939, און אַזוי אַרום אויך אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן היטלער־רעזשים. איין טייל פֿון טשעכאָסלאָוואַקיי האָט אין יענעם מאָמענט דאָס אויסגעמיטן, ווייל ס׳איז אָקופּירט געוואָרן דורך אונגאַרן; עס האַנדלט זיך דאָ וועגן קאַרפּאַטאָ־רוס, מיט איר גענוג גרויסער ייִדיש־ריידנדיקער מאַסע.

איך מייד אָבער אויס דאָס צו טאָן, ווייל אויף ווי וויט מיר איז באַקאַנט — איז אין דער דאָזיקער היטלער־תּקופֿה (1933־1939, ביזן אויסברוך פֿון דער וועלט־מלחמה) אין די גרענעצן פֿון נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־

טישן רעזשים נישט געשאַפֿן געוואָרן קיין גרעסערע, צי בכלל צאָלרייכערע ליטעראַרישע ווערטן אין ייִדיש.[2]

און איצט: וואָס הייסט ייִדישע ליטעראַטור אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע? אַ באַמערקונג: דאָס גאַנצע ליטעראַרישע שאַפֿן פֿון דער צייט פֿון אָקופּאַציע, לויט די אויבן געבראַכטע דעפֿיניציעס — דער גאַנצער מאַטעריאַל איז צו אונדז דערגאַנגען נישט אין אַ געדרוקטער פֿאָרעם, נייערט אין כּתב־ידן [אַ חוץ געציילטע קלייניקייטן]; טיילווייז אין דער גערעדטער פֿאָרעם, וואָס באַקומט ערשט איצט, שוין נאָך דער באַפֿרייונג, די נאָרמאַלע פֿאָרעם פֿאַר היינטצייטיקער ליטעראַטור — די שריפֿטלעכע.

פֿון דעם נעמען זיך פֿאַרשידענע שוועריקייטן. אין כּתב־ידן איז צומייסט קיין דאַטעס נישטאָ, — איז שווער דעריבער פֿעסטצושטעלן, צי אַ געוויס ליטעראַריש ווערק איז אויפֿגעקומען ביזן 1טן סעפּטעמבער 1939, צי נאָך דער דאַטע. נעמען אין אַכט דעם אינהאַלט איז אויך נישט גענוג, עס וועט קודם־כּל נישט אַנטשפּרעכן דעם פּראָבלעם: אָפּשפּיגלען דאָס פּאַקטישע פּנים פֿון גאַנצן ליטעראַרישן לעבן פֿון דער צייט; צווייטנס, ביי אַזאַ צוגאַנג, אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט דעם אינהאַלט פֿון ליטעראַטור, וואָס דאַרף זיין ספּעציפֿיש „אָקופּאַנטיש", אַזוי צו זאָגן, איז דאַן מעגלעך, אַז אַ כּך ווערק, וואָס זענען אַנטשטאַנען שוין נאָך דער באַפֿרייונג, וועלן אויך דאַרפֿן באַטראַכט ווערן ווי פֿאַר ליטעראַטור פֿון דער אָקופּאַציע למשל, אַ ליד „די ייִדן־גאַס" (ביאַליסטאָק) — געשאַפֿן שוין איצט, נאָך דער באַפֿרייונג, האָט אַלע סימנים פֿון אַן אָקופּאַציע־ליד. דאָס איז חל אויך אויף די יעניקע, וואָס זענען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע נישט געווען, איצט שטויסן זיי זיך אָן אויף די פּראָבלעמען פֿון איר אָקופּאַציע, לעבן זיך אין זיי איין און שאַפֿן אונטער דעם איינדרוק. דעריבער מוז מען צוגיין צום ענין ריין מע־

---

[2] דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט, I: דער גרויסער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע פֿון די ייִדן אין די לענדער; II: די מער נאַציאָנאַלע ייִדישע עלעמענטן — און בעיקר ייִדישע שרייבער, געזעלשאַפֿטלעכע טוער — האָבן ס'רוב באַוויזן צו פֿאַרלאָזן די טעריטאָריע באַצייטנס, נאָך איידער זי איז אָקופּירט געוואָרן דורכן נאַציזם, אָדער תּיכּף נאָך דעם; III: די דייטשן האָבן דאָ — ביי זיך אין לאַנד — געהאַט מער צייט און געקאָנט מיט מער פּרעציזקייט אויסראָטן אַלץ, וואָס ייִדיש!

כאַניש, האַלטן זיך אין באַשטימטע צייט־גרענעצן. איבעריקנס איז אין דער ליטעראַטור־געשיכטע אַנדערש נישט מעגלעך, ווען מ׳רעדט וועגן טיילן זי אויף תקופות, גאַטונגען, צי ריכטונגען אאַז״וו.

די אויבן דערמאַנטע אָקופּאַציע־דאַטעס זענען ענדגילטיקע און דעצידירן, צי אַ זאַך דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר אַן אָקופּאַנטישער צי נישט, אומאָפּהענגיק פון טעמע.

אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט, אָדער מיר האַלטן, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט, געהערט צו דער אָקופּאַציע־ליטעראַטור; אַלץ איבעריקע — נישט. אַזוי אַרום וועט, למשל, אַ באַנד מעמוארן, וואָס מיר האָבן געפונען אין לאָדזשער געטאָ, וואָס נעמט אַרום דעם צייט־אָפּשניט פון סוף 19טן י״ה און אָנהייב פון 20סטן, מעמואַרן, וואָס זענען העכסט וואַרשיינלעך געשריבן געוואָרן אין געטאָ, דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר אָקופּאַציע־ליטעראַטור; דאַקעגן אַ בוך, וואָס שפּיגלט אָפּ די אָקופּאַציע־צייט און איז אָבער אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דער אָקופּאַציע, געהערט שוין נישט צו דער עפּאָכע.

עס איז וויכטיק אַרומצונעמען די גאַנצע ליטעראַרישע פּראָדוקציע פון דער אָקופּאַציע־צייט אַלס איין גאַנצעס. עס וועט דורך דעם בולטער ווערן דאָס בילד פון דער צייט. דאָס נישט פאַרנעמען זיך מיט אָקופּאַציע־ פּראָבלעמען אין דער צייט איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר געוויסע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַמיט צו אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט און לעבן מיטן עבר, מיט די „אַלטע גוטע צייטן״, צי פאַרקערט — חלומען וועגן נענטערן צי וויטערן עתיד. פון דער אַנדערער זייט, אַ ווערק פון אַ שפּעטערער תקופה קען שוין נישט האָבן, נישט דעם קאָלאָריט און נישט די אידעאָלאָגיע פון דער אָקופּאַציע־צייט! עס איז שוין נישט עכט. פאַרשטייט זיך, אַז טעותים זענען דאָ מעגלעך (אַ באַנד לידער „שוואַרץ און בלאָנד״ פון אלתר טנור — ווען אויפגעקומען?).

אַ באַזונדער פּראָבלעם: די ווערק פון לעבן־געבליבענע שרייבער, וואָס ווערן איצט דורך זיי רעסטאַוורירט. דאָס איז דער פאַל, למשל, פון טויבע גערשאָוויטש (בידגאָשטש), י. שפּיגל, לאָדזש) א״אַ. צי געהערן די דאָזיקע ווערק צו דער אָקופּאַציע־ליטעראַטור, ווייל אין דער צייט זענען זיי אַנט־

שטאַנען, צי לכל־הפּחות פֿאַרטראַכט געוואָרן, צי להיפּוך געהערן זיי צו דער נאָך־אָקופּאַציע־ליטעראַטור, ווייל אין דער צייט זענען זיי פּאַקטיש אָנגעשריבן צי פֿאַרענדיקט געוואָרן. גערשאַוויטש האָט אירע לידער פֿאַרפֿאַסט און אָנגעשריבן אין דער אָקופּאַציע־צייט, דער כּתב־יד איז אָבער פֿאַרלוירן געגאַנגען, די ווערק זענען דורך איר איצט „רעסטאַווירט" געוואָרן, ד"ה פּאַקטיש אויפֿסניי געשאַפֿן געוואָרן. אויף וויפֿל עס האָט דאָ דעצידירט דער זכּרון און אויף וויפֿל די דיכטערישע פֿאַנטאַזיע, איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט מעגלעך צו זאָגן. ס'רובֿ פֿאַלן פֿון רעסטאַוראַציע זעען אַזוי אויס.

אין אַ מילדערער פֿאָרעם טרעט אַרויס דאָס דאָזיקע פּראָבלעם ביי די שרייבער, וועלכע האָבן איצט געפֿונען זייערע כּתבֿ־ידן און פֿירן אין זיי דורך געוויסע קלענערע, צי גרעסערע שינויִים (שפּיגל). די פֿראַגע בלייבט אָפֿן.

עס מוז אויך באַטאָנט ווערן, אַז די ליטעראַטור שבעל־פּה פֿון יענער צייט, וואָס באַקומט ערשט איצט איר שריפֿטלעכן לבֿוש, איז אויך אין אַ געוויסן זין רעסטאַווירט, באַוווּסטזיניק צי אומבאַוווּסטזיניק, דורך דעם, וואָס גיט זי איבער בעל־פּה. וועגן די שינויִים פֿון קלאַנג, ריטם, עקספּרעסיע — איז אַוודאי שווער עפּעס וואָס צו זאָגן. ווייל ווער קען זיי פֿעסטשטעלן?!

מקורים

וואָס ווייסן מיר וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון דער צייט, און פֿון וואַנען שעפּן מיר די דאָזיקע ידיעות?

פֿריִער פֿון אַלץ: קיין געדרוקטע ביכער אין ייִדיש זענען אין דער צייט פֿון דער אָקופּאַציע נישט דערשינען. עס זענען נאָר געדרוקט געוועזן לוחות, די „געטאָ־צייטונג" אין לאָדזש, 1941, און עס איז אויך געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו דרוקן ייִדישע לערן־מאַטעריאַל. איינצלנע בלעטלעך [4 זייטן צום לייענען אין דריטן קלאַס זענען צו אונדז דערגאַנגען,[3] אָבער קיין ביכל

[3] דער מאַטעריאַל, צומייסט אָריגינעלער, איז צוגעפּאַסט צו די געטאָ־באַדינגונגען.

אַלס גאַנצס, איז בכלל נישט דערשינען. דאָס איז לאָדזש. אין וואַרשע איז דערשינען נאָך זשאַבאָטינסקיס טויט אַ הספּד נאָך אים אין דער פאָרעם פון אַ געדרוקטער בראָשור, און דאָס איז גאָר.

און אַזוי איז געווען אויך אין אַנדערע געטאָס.

איך רעכן אַהער נישט אַריין די ליטאָגראַפּישע אויסגאַבעס, פון וועל־כע ס׳איז כדאי צו דערמאָנען: די רייכע אונטערערדישע פּרעסע [מיט אָרי־גינעלע יידישע לידער!] אין וואַרשעווער געטאָ. אין פאַרלאַג „דרור" איז אויך דערשינען (1941) י. קאַצענעלסאָנס ביבלישע דראַמע „איוב" און אַן אַנטאָלאָגיע „פּיין און גבורה" (1940).

דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור, וואָס איז צו אונדז נישט דערגאַנגען אין אַ שריפטלעכער פאָרעם, באַגרענעצט זיך צו דעם, וואָס אונדז איז געלונגען אָנצוזאַמלען, און געלונגען איז אונדז אין דעם פּרט זייער ווייניק: קודם־כל צוליב אונדזער שולד אַליין, מיר האָבן זיך צו ווייניק מיט דעם אָפּגעגעבן; צווייטנס, איז פאַראַן אַ ביטול־באַ־ציִונג צו דער פראַגע מצד אונדזער געזעלשאַפט בכלל. גייט פרעגט אַ ייִדן, וואָס האָט דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנום און קוים מיט נסים אַרויס אַ לעבעדיקער, צי געדענקט ער נישט אַ לידל, וואָס מ׳האָט געזונגען אין אַ טרעבלינקע, צי אַ מאַידאַנעק![4]

**
*

[4] צו דער צייט, ווען דער רעפעראַט איז געהאַלטן געוואָרן (סעפּטעמבער 1945) איז נאָך נישט אַנטדעקט געוואָרן דער רינגעלבלום־אַרכיוו. איצט קען מען צוגעבן, אַז אַ גרויסע צאָל ליטעראַרישע ווערק פון באַקאַנטע פון פאַר דער מלחמה, ווי אויך פון ניי־אויפגעקומענע שרייבער האָבן זיך אָפּגעפונען אין דיביידע טיילן פון דעם דאָזיקן ווונ־דערלעכן אַרכיוו, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן, דער ערשטער טייל אין 1946, דער צווייטער טייל — 1950. ענלעך האָט מען גרעסערע אויסגראָבונגען פון דעם מין געמאַכט אויך אין לאָדזש. אין ביידע געטאָס [ווי אויך אין ביאַליסטאָק און ווילנע] האָט מען ציל־באַוווסט געזאַמלט ייִדישן פאָלקלאָר, וואָס ברוכטיילן פון דער אַרבעט איז צו אונדז דערגאַנגען. קלענערע זאַמלונגען צי איינצלנע שאַפונגען האָט מען אויך געפונען אין אַנדערע מקומות.

אין וואָס פּאַר אַ פּאַרהעלטעניש איז דאָס, וואָס איז איבערגעבליבן, צו דעם, וואָס איז פּאַקטיש געשאַפן געוואָרן? כ׳מיין, אַז מ׳דאַרף אָננעמען די זעלבע פּראָפּאָרץ, וואָס איז נוגע די לעבן־געבליבענע ייִדן, ווייל אויב מיר האָבן פּאַקטן, וואָס ווערק זענען צו אונדז דערגאַנגען און זייערע מחברים לעבן נישט, האָבן מיר נישט ווייניקער פּאַקטן, וואָס די מחברים האָבן זיך געראַטעוועט, און זייערע ווערק זענען פּאַרלוירן געגאַנגען. בדרך כלל: דער מענטש איז מער באַוועגלעך, ער קען זיך שיצן, דאָס ווערק איז מער שוצלאָז.

פון אַלע זייטן הערט מען, פּאַראַן אויך שריפטלעכע ידיעות וועגן דעם, אַז עס האָבן עקסיסטירט אין די געטאָס און לאַגערן נאָך אַ גאַנצע ריי ווערק. באַקאַנטע און אין גאַנצן אומבאַקאַנטע שרייבער האָבן געשריבן, ווי ס׳גיבן איבער עדות, זייער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע ווערק (סיי בעלעטריסטישע, סיי וויסנשאַפטלעכע), טייל מאָל זענען צו אונדז אַפילו דערגאַנגען די נעמען פון די ווערק, אָבער די ווערק גופא זענען אונדז געבליבן אומבאַקאַנט. (די פּאָעמע „יזכור״ פון י. קאַצענעלסאָן א״אַ).

ליטעראַרישע קריטעריעס

צי האָט די דאָזיקע ליטעראַרישע שאַפונג, וואָס איז רייך אין כמות, עפּעס אַ ליטעראַרישן ווערט? צי האַלטן זיי אויס, אין אַלגעמיין, אַ ליטעראַרישע קריטעריע? — איך וואָלט אויף דער פראַגע געענטפערט מיט אַן אַנדערער: צי קען מען בכלל צו די שאַפונגען צוגיין מיט די אַלע אַלטע ליטעראַטור־קריטעריעס? איך מיין, אַז למשל, טרעבלינקע, צי סאָביבאָר, זענען נישט נאָר עפּיזאָדן פון אומקום און קאַמף אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט קעגן באַרבאַריזם. פּאַר מיר זענען זיי עפּעס מער: זיי זענען ווי אַן התגלות — זיי האָבן אַנטפּלעקט דעם מענטשן! זיי האָבן אויפגעטרייסלט די גאַנצע ביז איצטיקע אונדזערע לעבנס־אויפפאַסונג; זיי האָבן אויסגעאיבט אַן אייג־פלוס אויפן גאַנצן גייסטיקן לעבן אונדזערן. זיי האָבן דעריבער אויך גע־ווירקט און געענדערט אונדזערע ליטעראַרישע באַגריפן און אָפּשאַצונגען. ריכטיק האָט אַ פראַנצויזישער שריפטשטעלער באַמערקט, אַז — אין ליכט פון דעם, וואָס ס׳איז געשען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָט דאַנטע

אייגנטלעך אין גיהנום גאָרנישט נישט געזען! ווען איך וואָלט געוואָלט אָנ־ווענדן די דייטש־פּאַשיסטישע טערמינאָלאָגיע צו דאַנטעס גיהנום, וואָלט איך עס אָנגערופן „ערהאָלונגסהיים״ (אין זייער ספּעציפישן זינען: „דערהאָ־לונגסהיים פיר יודען״) — און צי זעט נישט אויס היינט־צו־טאָג ביאַליקס „שחיטה־שטאָט״ ווי אַ מין אידיליע פון אַמאָליקן, גוטן ליבן לעבן?!...

אויב ס׳איז אמת, אַז קונסט איז נישט בלויז אַ זאַך פון קלאָרן שכל, נאָר מער אַ געפיל־זאַך, אַז ביים אָפּשאַצן אַ קונסטווערק שפּילט אַ גרויסע ראָל דער געפיל־טאָן פון קריטיקער־לייענער, אַז ביים אָפּשאַצן אַ קונסט־ווערק שפּילט אויך אַ ראָל דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן מחבר — זיין לעבן, אופן פון אַרבעט (מילטאָן — בלינד, אָסטראָווסקי — פּאַראַליזירט), איז דער געפיל־טאָן און עמאָציאָנעלע ענערגיע פון אַ ליד, וואָס איז אַנטשטאַ־נען אין אַ פאַרניכטונג־לאַגער, אַזוי גרויס, אַז ער פאַרדעקט אַלץ איבעריי־קע, און דאָס ווערק קען זיך אונדז אויסווייזן ווי דאָס שענסטע אין דער וועלט! מאַידאַנעק און טרעבלינקע פּאַטראָניזירן דער דאָזיקער ליטעראַטור. און קעגן זיי מוז אַלץ בלייך ווערן.

די גענעזע פון דער ליטעראַטור

עס איז באַקאַנט, אַז אין דער צייט האָבן געשריבן נישט נאָר שרייבער, מענטשן, וואָס האָבן באַטראַכט דאָס שרייבן ווי זייער פּראָפעסיע, ביי־ערט אויך גאַנץ פּשוטע מענטשן. ס׳איז אַנטשטאַנען עפּעס אַ מין עפּידעמיע אויף שרייבן. געשריבן האָבן מענטשן, וואָס זענען יאָ געווען באַקאַנט מיט הלכות אָרטאָגראַפיע, געשריבן האָבן האַלבע און אַפילו גאַנצע אַנאַלפאַבעטן; די לעצטע האָבן, פאַרשטייט זיך, אימפּראָוויזירט. געשריבן האָבן אַלע שיכטן: סיי אַלט, סיי יונג, סיי גרויס, סיי קליין; אַזוי, למשל, שרייבט אַן אומ־באַקאַנטער רעצענזענט וועגן אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט מיטן נאָמען זילבער־שטיין, אַן עלטערן ייִדן, אַ געווער חסיד, וואָס פלעגט אויפשטיין ביינאַכט, צו גרויס פאַרוווּנדערונג פון זיין פרוי און קינדער, און שרייבן געדיכטן אין ייִדיש. פון אָנהייב האָט ער געשריבן נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער פאָרעם, צו ביסלעך האָט ער זיך אויך באַקענט מיט די פּראָבלעמען פון גראַם און ריטם און געשטרעבט צו אַ ליטעראַרישן אויסדרוק פון זיינע אי־

בערלעבעניש. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן אַ גאָט און... אַ רבין. אַזעלכע פאַקטן קען מען אַנציילן אין די טויזנטער. עס שרייבט, דווקא אינ־טערעסאַנטע ליטעראַטור, דער בעקער־מייסטער יעקב הילער; זייער אינטע־רעסאַנטע איבערלעבענישן — דער שוסטער קאָמאַשניק טשעכאָוויטש, דער שלאָסער פאָגעלמאַן (לידער און זכרונות). מ׳קען זאָגן, אַז יעדער איינער, וואָס האָט נאָר די פיזישע מעגלעכקייט געהאַט דערצו, האָט געשריבן, גע־שאַפן ליטעראַטור, ריינע, מענטשלעכע ליטעראַטור.

פון וואַנען נעמט זיך דאָס?

כ׳מיין, אַז די הויפּט־סיבה וועט זיין דער דראַנג איבערצולאָזן אַ זכר נאָך זיך. די מאַסע האָט געפילט, אַז זי גייט אונטער, אַז עס דראָט, אַז די וועלט זאָל אַפילו נישט וויסן וועגן דעם, ווי אַזוי זיי זענען אויסגעריסן גע־וואָרן. מ׳דערציילט וועגן צענדליקער פאַלן, ווען אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן, האָבן די קרבנות געשריגן: „יידן, נעמט נקמה!". אַ קאָוונער ייִד האָט מיט די לעצטע ביסלעך כוחות אָנגעשריבן אויף דער וואַנט פון הויז, ווו מ׳האָט אים געשאָכטן, מיטן אייגענעם בלוט, דאָס וואָרט „נקמה".
— אַזאַ מין־אַ נקמה־רוף איז די אָקופּאַציע־ליטעראַטור! דער דאָזיקער מאָ־טיוו ווערט איבערחזרט דורך די מחברים אַליין אויף פאַרשידענע אופנים.

מיר האָבן דאָ אויך צו טאָן מיט אַ דערשיינונג, וואָס איז פיל וויכטי־קער; אַ דערשיינונג, וואָס צעוואַקסט זיך צו אַ מין קאָסמישער גרויסקייט — מיר האָבן דאָ פאַר זיך דעם מקור פון פּאָעזיע בכלל. די גרויסע איבער־מענטשלעכע איבערלעבענישן האָבן אַרויסגעיאָגט דעם מענטשן פון טאָג־טעגלעכן לעבן — ער איז איבערגעוואַקסן די קליינלעכע טאָג־פּראָבלעמען; די גרויסע געפיל־קוואַלן, וואָס האָבן זיך אין אים אָנגעזאַמלט, האָבן נישט געקענט בלייבן שטיל. זיי האָבן פון אים געשפּאַרט, געריסן זיך, און נישט געפינענדיק קיין אַנדערן אויסוועג אויף אויסצופורעמען זיך, האָבן זיי אָנ־גענומען בעל־כרחה די פאָרעם פון אַ שטילן, רויקן שפּראַך־אויסדרוק...

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אור־דערשיינונג פון פּאָעזיע, — דערביי־בער האָט זיך דאָ דאָס וואָרט ענג פאַרפלאָכטן מיט מעלאָדיע און טייל מאָל אַפילו מיט טאַנץ. אונטערן איינדרוק פון דער גוטער בשורה, אַז די רויטע אַרמיי איז שוין גאָר, גאָר נאָענט, צעטאַנצט זיך אין מיטן וואַלד, ווו זי האָט

זיך אויסבאַהאַלטן, די פולשטענדיק נישט־געלערנטע ווייסבראָט[5] און זינגט אַ ליד, איר אייגנס אַ ליד, אַ ליד — אַן אימפּראָוויזאַציע. דער דאָזיקער פאַקט איז נישט פאַראײנצלט. אַזוי זענען אויפגעקומען ס׳רוב באַפרייונג־לידער.

צי קען מען צו אַזעלכע דערשיינונגען צוגיין מיט אונדזערע אָפּגעשטאַ־נענע, „מאָדערנע״ באַגריפן וועגן ליטעראַטור, גראַפאָמאַניע אאַז״וו. מיר האָבן פאַר זיך אַ שטיק נאַטור־דערשיינונג — און אָפּשאַצן זי מיט באַגריפן פון מענטשלעכער געמאַכטער „קונסט״ — הייסט נישט פאַרשטיין זי.

דאָס געזאָגטע איז נישט חל, פאַרשטייט זיך, אויף דער גאַנצער ליטע־ראַטור — זי נעמט אַרום די אימפּולסיווע שאַפונג פון פשוטן מענטשן. עס געהערן נישט אַהער די אויסגעקליגלטע — רייכע אַפּאָלאָגעטיק — „ליטע־ראַטור״, די „הויף״־ליטעראַטור פון לאָדזשער געטאָ, — די, אַזוי צו זאָגן, אָפיציעלע ליטעראַטור, פונעם „קעניג״ (ווי מען האָט רומקאָווסקין אין שפּאַס גערופן) „חיים דער ערשטער״, „חיים גראָזני״.

פאַראַן אָבער אויך אַנדערע סיבות פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

די גרויסע עוולה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, דער פאַרברעכן, האָט גערופן צו פּראָטעסט. עס אַנטשטייט אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע ליטעראַ־טור. דער מענטש פּראָטעסטירט אין זיינע ווערק — ער פּראָטעסטירט קעגן היטלעריסטישן רעזשים, ער פּראָטעסטירט אויך קעגן זיינע מיטהעלפער אויף דער יידישער און נישט־יידישער גאַס...

עס ווילט זיך נעמען נקמה, נישטאָ אָבער דערצו קיין שום מעגלעכ־קייטן. פאַרשפּאַרט אין אַ בונקער, מורא האָבנדיק אַרויסצולאָזן אַ העכער קול, זינגען פון דעסטוועגן די קינדער, ביי אַ מיטפילנדיקער געגנוגטואונג פון די עלטערע, אַ ליד אויף זייער יודן־עלטסטן, וואָס האָט לויט זייער מיי־נונג דערפירט צו אַן אַקציע... „אָסקאַר דער בערלינער האָט פערציק אַר־

[5] דער שפּעטער פאַרשריבענער דורך מיר טעקסט פון דעם ליד געפינט זיך אין מיין באַזיץ. מיר וועלן אים ברענגען אין דער זאַמלונג פאָלקסלידער פון יענער צייט, וואָס מיר האָפן בקרוב אַרויסצוגעבן.

דעגונגס־דינער״... יעדע שטאָט זינגט וועגן איר טרויעריק־באַרימטן העלד. אַט אַזוי הייבט זיך אָן דער פּראָטעסט, וואָס גייט דערנאָך אַריבער אין אַ ריי פֿאַלן צו ריכטיקע קאַמף־האַנדלונגען...

דער דאָזיקער פּראָטעסט־גייסט, דער ווילן צו שטעמפּלען געוויסע פּערזאָנען און דערשיינונגען, ברענגט דערצו, אַז אין אַ ריי אַזעלכע לידער געפֿינען מיר גענויע דאַטעס וועגן טאָג און צייט פֿון די געשעענישן, די צאָל הרוגים, די נעמען פֿון די מערדער אאַז״וו. אַן אומדערשאַצלעכער קוואַל פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער צייט.

אָבער אין דעם פֿאַל שטויסן מיר זיך שוין אָן אין אַן אַנדער פּראָבלעם.

כאַראַקטער פֿון דער ליטעראַטור

היטלעריזם — ווי אַ רעאַקציע־כוואַליע — ווערט כאַראַקטעריזירט ווי אַ צוריקקער צום פֿינצטערן מיטלאַלטער. מיר קענען דאָס באַווייזן אויפֿן געביט פֿון געזעצגעבונג,ווירטשאַפֿטלעכן לעבן אאַז״וו. די דאָזיקע מיינונג דאַרף אָבער אויך פֿאַרברייטערט ווערן אויפֿן געביט פֿון וויסנשאַפֿט, ליטע־ראַטור אאַז״וו.

געוויסע פּראָבלעמען פֿון דער היטלעריסטישער וויסנשאַפֿט וועלן פֿאַר אונדז קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן זיי פֿאַרזעצן, איבערטראָגן אין דער צייט, צו וועלכער זיי געהערן לויט זייער מהות, צום אַלטן גערמאַנישן מיטלאַל־טער. געזעצן פֿון קוקווינקל פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פֿון פֿאַר און נאָכן היטלעריזם, זענען זיי אַן אויסטערלישע, אומפֿאַרשטענדלעכע דערשיינונג.

דער צוריקקער צום מיטלאַלטער האָט זיך אָבער אָפּגערופֿן נישט נאָר אויף די דייטשישע לעבנספֿאָרמען. ער האָט אָנגעוואָרפֿן איר׳ע פֿאָרמען אויך אויף די אַלע פֿעלקער, וואָס זענען אונטעריאָכט געוואָרן דורכן היטלעריזם — צווישן זיי אויך, אין דער ערשטער ריי — אויף די ייִדן.

דער פּאָליטישער און ווירטשאַפֿטלעכער מצב פֿון געטאָ האָט אַרויס־גערופֿן אַ ריי מיטל־עלטערלעכע דערשיינונגען אויף די פֿאַרשיידנסטע גע־ביטן, צווישן אַנדערן אויך אויפֿן ליטעראַרישן.

עס מוז דאָ געזאָגט ווערן: געוויסע דערשיינונגען פֿון טיפֿן מיטלאַלטער,

וועלכע זענען געווען פאַר אונדז ווייטע, גאָר ווייטע — זענען פּלוצים, אַ דאַנק דעם היטלעריזם, געוואָרן אונדז גאָר נאָענט. פּראָבלעמען, וועלכע מ׳האָט נישט ריכטיק דערזען און דערשאַצט, זענען אַ דאַנק דעם וואָס זיי זענען אומדערוואַרט איבערגערוקט געוואָרן אין אונדזער צייט, געוואָרן אונדז נענטער און פאַרשטענדלעכער. זיי קענען איצט גענוי אויסגעפאָרשט ווערן — בשעת פריִער זענען זיי — אַ דאַנק זייער ווייטקייט, אַלטקייט, פרעמדקייט, — נישט געווען צום אָפּשאַצן.

דאָס איז אויך שייך די פאָרמען פון ליטעראַרישן שאַפן אין דער אָקו־פּאַציע־צייט ביי אונדז ייִדן.

קודם־כל: די ליטעראַטור דערגייט צום עולם איצט, ווי אַמאָל, אין דער גערעדטער שפּראַך: עס שאַפן זיך „קרייזלעך״, ווו ס׳ווערן פאָרגעלייענט די נייעסטע שאַפונגען אַפילו פון „גרויסע״ שרייבער אין לאָדזש, וואַרשע (אין עפנטלעכע לאָקאַלן צי אין פּריוואַטע וווינונגען); ס׳ווערן אָרגאַניזירט דיכ־טעריש־אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען (למשל, דורך הויז־קאָמיטעטן). דאָס איז פאַר דער אינטעליגענץ; פאַרן פּראָסטן עולם איז דאָ דער שפּילמאַן — דער פאָלקסזינגער, דער — ווי ער ווערט אָנגערופן אין לאָדזשער געטאָ: גאַסנזינגער. די מסורה גיט איבער אַ גאַנצע ריי נעמען פון אַזעלכע זינגער (לייבל, אהרן, מלך און דער לעבן־געבליבענער יעקב הערשקאָוויטש פון לאָדזש). יעדע שטאָט גיט איבער וועגן אירע גאַסנזינגער, רופט אָן נעמען. טייל מאָל אָבער געדענקט מען שוין זייערע נעמען נישט. מ׳געדענקט נאָר דעם איינדרוק, וואָס די לידער־אימפּראָוויזאַציעס האָבן איבערגעלאָזט, — און דער איינדרוק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער! מענטשן האָבן אַזאַ דיכטער אַרומגערינגלט אין גאַס — ער שטעלט זיך אַוועק אויף אַ קאַסטן, צי אַ פּעסל, און דרשנט — און דער עולם גיסט טייכן טרערן, ווען ער זינגט אַ וויינענדיקס — אָדער קייכט פון געלעכטער, ווען ער שטעלט צום צעטל די געטאָ־גדולים („וואָס וועלן די שישקעס טאָן נאָך דער מלחמה?״), אָדער היטלערס אַ חלום אאַז״וו.

עס שרייבט וועגן דעם דאָזיקן פאַקט אין זיין בריוו פון 10טן פעברואַר 1942 דער דיכטער־קדוש ש. שאַיעוויטש (לאָדזש):

„ווי כ'האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה, ווי נאָכצוטאָן די אַמאָליקע טרובאַדורן, מינעזענגער און אונדזערע יידישע בראָדער־זינגער, אַרויסטראָגן אַליין דאָס אייגענע ליד, ווערן די דרשנים, וואָס גייען צום פאָלק מיט זייערע דרשות. ס'איז נאָר בלויז דער ווייטיק, וואָס דאָס פאָלק — און מיר בתוכם — האָבן פיל בילכערע דאגות...”

אָבער דער זעלבער שפּילמאַן — פּונקט ווי אין מיטלאַלטער — האָט נאָך אַ פונקציע: ער איז נישט נאָר דער זינגער פון שיינעם, — ער דער־פילט אויך אַ סאָציאַלע פונקציע. זיין אויפגאַבע איז צו אינפאָרמירן, סיג־נאַליזירן דעם עולם, איבערגעבן די לעצטע נייעס, — אַ מין לעבעדיקע צייטונג.

נאָך יעדער נייער פאַראָרדענונג פון דער מאַכט, נאָך יעדער שאַנדטאַט פון אַ יודנראַט, נאָך יעדער וויכטיקער געשעעניש — אַנטשטייט אַ ליד, אַ פּאַראָדיע, אַ סצענע, אַ וויץ, אַ ווערטל, — די גאַס רעאַגירט גיך און שאַרף און — אומברחמנותדיק! צווישן אָט־די צוויי פּאָליוסן — שוועבט די יידי־שע ליטעראַטור — דערהויפּט די פאָלקס־ליטעראַטור — אין דער צייט פון געטאָ. פון איין זייט דאָס שטרעבן צו פאַראייביקן די שרעקלעכסטע גוואַלד־טאַט אין דער וועלט, איבערגעבן דאָס אוממענטשלעכע לדורות; פון דער צווייטער זייט — אויפכאַפּן דאָס טאָג־טעגלעכע, דאָס פאַרביילויפנדיקע, נישט איין מאָל אַפילו דאָס קאָמישע אין דעם גרויסן וועלט־געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס.

אַרויסגייענדיק פון קוקווינקל פון מיטלאַלטער וועלן מיר אויך פאַר־שטיין די ספּעציעלע ליטעראַטור־פאָרמען פון דער צייט.

די ליטעראַטור איז דער עיקר — אַ געראַדטע, — און פּאָעזיע איז לייכטער פאַרגעדענקען און צו רעציטירן — דעריבער דער איבערגע־וויכט פון פּאָעזיע: ווערק, וואָס זענען לויט אונדזער אָפּשאַצונג — לויט זייער מהות — פּראָזאַישע, ווערן געשריבן אין פערזן — למשל, אַ לאַנגע, גע־גראַמטע כראָניק פון אַן אומבאַקאַנטן „דיכטער” וועגן דער „מאָביליזאַציע פון 1טן וושעשיען” (לאָדזש). אַ טיפּיש מיטל־אַלטערלעך ווערק. דאָס זעל־בע דוד פאָגעלמאַנס (וואַרשע) פּאָעזיע „ווישעדליעניע”, „פּאַוויאַק” אאַז״וו.

וואָס מער חידוש: אַפילו דער גראַם, דער סטיל קלינגט אָפּט פֿאָלקסטימלעך־מיטל־אַלטערלעך — הגם די מענטשן, פֿאַרשטייט זיך, האָבן וועגן מיטל־אַלטער גאָרנישט נישט געהערט. למשל, אין אַ ליד (4־15) זינגט זיך: „משה רבינו האָט געטאָן לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר", אָדער דער סוף פֿון ליד „פּאַוויאַק" (3־148):[6]

„וואָס ווייטער איז מיט מײַנע חברים געשען,
דאָס קען איך נישט וויסן, ווײַל איך האָב נישט געזען.
יעדער איז זיך צעלאָפֿן אין פֿאַרשידענע זײַטן,
פֿילײַכט וועלן מיר זיך טרעפֿן אין בעסערע צײַטן..."

[6] די ציפֿערן זענען די נומערן פֿון לידער אין מײַן זאַמלונג.

וואָס זענען די הויפּט־שטריכן פון דער ליטעראַטור?

איך וועל דאָ נאָר אָנצייכענען און נישט אַרומריידן די טעמע.

1. קודם־כל וואַרפט זיך אין די אויגן — צו אונדזער גרעסטער פאַר־וווּנדערונג, — אַז דער יאוש־געפיל צי געדאַנק טרעפט זיך אין גאָר אַ קליי־נער צאָל לידער. די לידער האָט געשאַפן אַן אונטערגייענדיק פאָלק, אין די שווידערלעכסטע באַדינגונגען — און פון דעסטוועגן קלינגט זייער אָפט גאַנץ בולט דער האָפערדיקער מאָטיוו: די גערעכטיקייט וועט זיגן!

2. אַ צווייטער מאָמענט: אין די געשעעענישן זעט דער דיכטער קודם־כל דאָס אַכזריותדיקע, דאָס באַרבאַרישע, דאָס אוממענטשלעכע פאָלק, וואָס האָט זיך דערקייקלט ביז צום נידעריקסטן שטאַפל פון חיהשקייט. קעגן אים איז געווענדט די ליטעראַטור: די ליטעראַטור, וואָס רופט צום קאַמף, נקמה. דאַקעגן געפינען מיר כמעט נישט דעם אַפּאָלאָגעטישן, דעם פאַרטיידיקונגס־מאָמענט. די ייִדן ליידן, ווייל זיי זענען ייִדן אָבער אויפן באַגריף „ייִד״ שטעלט מען זיך נישט אָפּ.

3. מאָטיוו: טענות צו גאָט, וואָס ער לאָזט דערצו צו; „איכה״־לידער, פון ליד „איכה, ווי אַזוי? פאַר וואָס שווייגסטו דעם גוי״ (אין איין וואַריאַנט: „אַך, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי?״. אַפּנים דער מחבר האָט נישט פאַרשטאַ־נען דאָס העברעישע „איכה״). דער מאָטיוו פון קאַמף מיט גאָט טרעפן מיר אויך נישט אין דער פאָלקס־ליטעראַטור.

4. אַ נייעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז דער מאָטיוו פון קאַמף מיטן שונא, דאָס רופן צום ווידערשטאַנד. עס צייכענען זיך אין דעם פּרט אויס די יונגע ווילנער גרופּע (שמערקע קאַטשערגינסקי, לייב ראָזענטאַל, הירש גליק). עס אַנטשטייען פאַרטיזאַנער־לידער אאַז״וו.

5. אַ גאָר פאַרשפּרייטער מאָטיוו וואָלט איך אָנגערופן „מיין היים״־מאָטיוו: „כ׳האָב געהאַט אַמאָל אַ היים״, אָדער „איך וויל צוריק אַהיים״

אאַז״ו. די דאָזיקע שורות זאָגן שוין עדות וועגן דעם כאַראַקטער און אינ־האַלט פון דער גאַטונג. מיט דעם מאָטיוו בינדט זיך דאָס געזעגענונג־ליד; דער מחבר געזעגנט זיך בעת אַ „גירוש״ מיט זיינע בני־בית, באַזונדערס (צו דער קאַטעגאָריע געהערט שאַיעוויטשעס פּאָעמע „לך לך״, ווו ער גע־זעגנט זיך מיט זיין שטוב, זאַכן, ספרים, טיש, בעט אאַז״ו). טייל מאָל גע־זעגנט זיך דער דיכטער מיט די שוין טויטע און איז זיך פּאַר זיי מתנצל: שענקערס לידער, אַנטשטאַנענע אין טרעבלינקע.

„שלאָף מיין קינד, שלאָף,
נישט אין בעטעלע דיין,
נאָר אין בערגעלע אַש,
מיין קינד שלאָף איין.

דו האָסט ליב געהאַט
צו שלאָפן מיט דיין מאַמען,
צי ליגסטו כאָטש היינט
מיט איר צוזאַמען?״

6. אַן אַנדערער נעבן־מאָטיוו, וואָס טרעפט זיך כמעט אין יעדער הקדמה, פּאָעטיש צי פּראָזאַיש ווערק, איז — דאָס קלאָגן זיך אויפן מאַנגל פון אַנטשפּרעכנדיקע ווערטער אויף צו קענען אָפּמאָלן דאָס, וואָס איז פאַר־געקומען. (דערויף קלאָגט מען זיך נישט נאָר אין דער יידישער ליטעראַ־טור און נישט נאָר סתם־מענטשן, נאָר אַפילו גאָניטע שרייבער).

ווי אויף אַ ביישפּיל פון אַ ליד פון דער צייט, וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן אַ ביסל בפרטיות אויף דעם „טרעבלינקע־ליד״, באַקאַנט זענען מיר עטלעכע וואַריאַנטן. אויף דעם דאָזיקן ליד, און נישט נאָר אויף דעם ליד (איבע־ריקנס איז דאָס נוגע נישט נאָר ליטעראַטור, מיר קענען דאָס אויך פעסט־שטעלן אין אַנדערע געביטן פון וויסנשאַפטן פון דער צייט) קענען מיר זען פאַרשידענע דערשיינונגען, וועלכע זענען נישט אַזוי שכיח, דערשיינונגען, וועלכע זענען געבונדן דער עיקר מיט דער פאַרגאַנגענהייט — און דאַרפן

צו זייער אַנטשטיין — אַ לענגערן צייט־אָפּשניט. אין דער קורצער אָקופּאַציע־צייט זענען אָבער די געשעעניש געוואָרן קאָנדענסירטער, דער צייט־פאַרלויף פאַרגיכערט. דעריבער קענען מיר באַמערקן, אָבסערווירן, אין דער קורצער סוף כל סוף־צייט, דערשיינונגען, וועלכע דאַרפן בדרך־כלל — אויף זייער פאַרלויף אַ פּאָר מענטשן־דורות.

אַנטשטאַנען איז דאָס ליד וואַרשיינלעך אין וואַרשע (צווייטע העלפט 1942) — וווערט עס גיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן (אַ חוץ גאַליציע — גאַליציע האָט דער עיקר געהערט צום ווירקונגס־קרייז פון בעלזער טויטן־לאַגער) און באַקומט דעם פּראָווינציאַלן נוסח (צווייטער וואַריאַנט).

1. וואַריאַנט (וואַרשע): „דאָ הערט מען אַ בלאָקאַדע (אָנהייב) — (ווייטער) נישט ווייט דער אומשלאַג־פּלאַץ" —

2. וואַריאַנט (פּראָווינץ): „אין אַ קליין שטעטל, גאַנץ פריי פאַרטאָג" (אַגב, אַ טיפּישער אָנהייב פון אַ ליד געווידמעט אַן אַקציע, צי אויסזידלונג).

געמיינזאַם איז: דאָס בילד פון קינד, וואָס פרעגט דער מאַמען, פאַר וואָס זי לאָזט עס אַליין, „פאַר וואָס נישט צוזאַמען?" — דאָס בילד פון יידישער פּאָליציי, וואָס זאָגט־צו צוויי, צי דריי קילאָ ברויט פאַר די, וואָס פאָרן; אין ביידע איז דעם מחבר באַוווסט, וואָס מ'טוט אין טרעבלינקע מיט די אָנגעקומענע. אין דער פּראָווינצער אויסגאַבע געפינען מיר אויך — דאָס קלאָגן זיך אויף אונדזערע ברידער פון יענער זייט ים, וואָס ווייסן נישט וועגן דעם, וואָס ס'קומט פאַר דאָ. און געמיינזאַם איז דער סוף:

„קוואַלן טרערן וועלן רינען,
אַז מ'וועט אַמאָל געפינען
דאָס גרעסטע קבר פון דער וועלט..."

מיט דעם טרייסט זיך דער מחבר.
אַ נעבעכדיקע טרייסט!

**
*

דאָס איז אַ קיצור פון אַ רעפעראַט, וואָס דער מחבר האָט געהאַלטן אויף דער צווייטער וויסנשאַפטלעכער באַראַטונג פון דער „צענטראַלער

ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן", אין דער שטאָט לאָדזש, דעם 19טן סעפּטעמבער 1945.

און הגם דאָס וויסן וועגן דער ליטעראַטור פון יענער צייט האָט זיך אין משך פון דער צייט באַרייכערט מיט נישט איין פּרט, האַלט אָבער דער מחבר, אַז די הויפּט־געדאַנקען אַרויסגעזאָגטע דעמאָלט, האָבן גאָרנישט נישט פאַרלוירן פון זייער אַקטועלקייט און ריכטיקייט אויך אויפן היינטיקן טאָג.

אַ שאָד בלויז וואָס קיינער ביי אונדז ייִדן האָט זיך נישט פאַראינ־טערעסירט ביז אויפן היינטיקן טאָג מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען.

אויפשריפטן אויף ווענט, ספרים און ביכער

מיר ווייסן נישט, וועגן וואָס פאַר אַ ישוב עס רעדט זיך דאָ. מיר ווייסן נישט, ווער דער מחבר איז — אָבער וואָס איז די נפקא־מינה, צי דאָס איז פאָרגעקומען אין וואָרמס, שפייער צי מײַנץ? און וואָס פאַר אַ חילוק — ווער עס האָט עס געשריבן? אַז ביי אונדז יידן איז עס — ווי מיר ווייסן — געווען אַ מעשה שבכל יום ובכל מקום! — און דאָס, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן נעכטן אין דער און דער ק״ק, האָט זיך געקענט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אָפּשפּילן אין אַן אַנדערן מקום, וואָס ליגט בשכנות אָדער אויף טויזנטער קילאָמעטער ווייטער...

אויפן ראַנד פון אַ חומש, וואָס איז על־פי נס ניצול געוואָרן פון דער גרויסער בהלה, האָט אַ ייִדה, וואָס איז אויך על־פי נס ניצול געוואָרן, אויפ־געשריבן אין דער צייט פון דער שוואַרצער מגפה פאָלגנדיקע קורצע ווער־טער:

— — — „הלא זה (אוד) מוצל מאש ביום האף והחמה ששפך השם באש חמתו על קהל קדש מלגמא דשטדון, כי כלם קדשו הש״י טף ונשים ביום אחד. בשנת ק״ח (1348 — נ. ב.) ...פרשת והעבירו תער (בהעלותך) והובא אלי זה החומש בעייר איגש בשנת ק״ט פרשת שוב אשוב... (וירא) ונשארתי אני לבדי כי הוזמנתי ונקראתי לפני אדונתנו המלכה העירה אבי־ניון ושמהן שבתי ובכיתי במר נפשי״.[7]

פון אַ גאַנצער עדה יידן איז געבליבן איינער, וואָס האָט זיך צופעליק נישט געפונען בעת הנמהרה ההיא — ווי ס'דריקן זיך אויס אונדזערע אַמאָ־ליקע כראָניקער, אין דאָזיקן מקום. און פון אַלץ דאָס, וואָס האָט אַמאָל גע־שאַפן דאָס קאָכעדיקע לעבן פון דער קהילה, פון דער גאַנצער קהילה, פון

[7] שמעון ברנפלד: „ספר הדמעות״, כרך שני, ע׳ פ״ט.

זייער גאַנצן האָב און גוטס, פון זייער קדשי־קדשים און פון זייער קהלישן און פּריוואַטן רכוש, וואָס מ׳האָט מיט אַזוי פיל מי אין משך פון יאָרן דער־ראָבערט און מיט אַזוי פיל ליבע און אויסדויער אָפּגעהיטן „לדורות״ — איז געבליבן איין האַלב־צעניזוקטער ספר, וואָס מ׳האָט געבראַכט צום איינ־ציקן יורש — אַ בן־עיר פון דער דאָזיקער קהילה. און אויפן ראַנד פון דעם חומש האָט ער מיט פּשטות, קורץ און טרוקן, איבערגעגעבן דעם ספּור־המעשה און פאַרענדיקט: „ישבתי ובכיתי במר נפשי״. ווי איז צום איבער־געבליבענעם!

אַזוי איז דאָס געווען אַמאָל, אין די גאָר פינצטערע צייטן פון דעם „גרויזאַמען מיטלאַלטער״, אין אַן אַלטער ווייטער שטאָט...

און אַזוי איז עס — אָדער נאָך ערגער! — פאַרבליבן ביז אין די לעצטע יאָרן פון אונטער צייטאַלטער (1939־1945).

אָנהייב 1945, זוכנדיק און נישטאַרנדיק אין די פּוסטע, אויסגעליידיק־טע הייזער פון לאָדזשער געטאָ, פון וואַנען מ׳האָט די נאָך לעבעדיקע ייִדן אין לעצטן מאָמענט, זומער — האַרבסט 1944, פאַרשיקט קיין אָשוויענ־טשים, האָב איך דערזען אַ נאַרמאַל, פּשוט נישט אָנזעעוודיק, ביכל מיט גאָר אַן איינפאַכן איינבונד, אַ זכר פון די פריִערדיקע גוטע, אַלטע צייטן. עס האָט זיך אַפילו נישט געלוינט אָנצובייגן זיך און אויפצוהייבן עס פון הויפן שטויבזאַכן, וואָס אויף אים האָט זיך עס געפונען. נישט דאָס האָבן מיר דאָך געזוכט אויף די חורבות פון אַ ייִדיש לעבן, ווען עס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז אָט־וואָס איז דער בעל־הבית מיט דער משפחה אַרויס אויף אַ ווײַלע פון דער וווינונג און אין אַ ווײַלע קערט ער זיך אום. אַלץ איז נאָך געשטאַ־נען און געוואַרט אויף זיין צוריקקער, אַפילו די משפחה־פאָטאָגראַפיעס זע־נען נאָך געהאַנגען אויף די ווענט, אַפילו דאָס עס־געשיר איז נאָך געשטאַ־נען אויפן טיש מיט די רעשטלעך פונעם אָרעמען פרישטיק... עס האָט זיך אין צימער נאָך געפילט דער הויך פון די בעלי־בתים, וואָס זענען אָקערשט דאָ געווען — און פאַרשפּעטיקן זיך מיט זייער צוריקקומען. ווו געפינט מען זיי?

אַרומדרייענדיק זיך אַ לאַנגע ווײַלע אין דער פאַרוואָרלאָזטער, פאַר־

יתומטער שטוב, וואָס האָט נאָך אין זיך פאַרהאַלטן און אָפּגעהיטן אַלץ פֿר־נעם אַמאָליקן לעבן — אַ חוץ דאָס לעבן גופא — האָב איך פּאָרט נישט ווילנדיק גענומען דאָס גאָרנישט זאָגנדיקע בוך אין דער האַנט: אַהאַ, בראַ־דער כריסטיאַנסענס „פילאָסאָפיע פון קונסט" אין יידיש... זייער אַ פּאַסיקע לעקטור פאַר די מענטשן און צייטן, וואָס אינטערעסירן אונדז, פונקט מעניני דיומא! ווייל וואָס האָט אַ יידן געדאַרפט און געקענט אינטערעסירן אין געטאָ, אויב נישט די פילאָסאָפיע פון קונסט, פילאָסאָפיע פון לעבן בכלל?!

וועגן דעם, מיט וואָס אונדזערע יידן האָבן זיך אינטערעסירט אין די געטאָס און אין די לאַגערן, וואָס זיי האָבן דעמאָלט געלייענט און שטודירט, אויב עס איז זיי נאָר געבליבן אַ ביסל פרייע צייט און אַ מעגלעכקייט דער־צו — איז אויך כדאי אַ מאָל זיך צו פאַרקלערן. זייער אַן אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע טעמע. און עס וועט אונדז נאָך זיכער אויסקומען צו פאַר־נעמען זיך אויך מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם. אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דער קאָנקרעטער מעשה.

איך האַלט דאָס בוך אין האַנט, עס זאָגט מיר גאָרנישט וועגן דעם, ווי אַזוי און ווו זיין אייגנטימער איז אַהינגעקומען, איך וויל עס שוין אַוועק־לייגן. פאַר אונדזער געשיכטע־פאָרשונג פון לעצטן חורבן האָט עס דאָך זי־כער קיין שום באַטייט.

און ווען איך האַלט עס שוין ביים אָפּשטויסן אין אַ זייט, עפנט זיך דאָס טעוועלע און אויף די ווייסע זייטן פון דער אינעווייניקסטער הילע — דער־זע איך עפּעס געשריבנס מיט אַ בלייער: פון רעכטס — אויף יידיש, פון לינקס — אויף פּויליש. אָט — דאָס קען שוין יאָ עפּעס אונדז דערציילן, אויב ס'זענען נאָר נישט קיין „פּוסטע" געדאַנקען און אַמאָליקע רעפלעק־סיעס וועגן געלייענטן בוך, וואָס מ'פלעגט געווינטלעך — נישט קענענדיק זיך אָפּרייסן פון בוך, אויסגיסן אויפן פּאַפּיר, האַלט לעבן דעם געלייענטן טעקסט, וואָס האָט אונדז אָדער באַגייסטערט אָדער אַרויסגערופן אונדזער גרימצאָרן, — איבערלעבענישן, וואָס מוזן זיך אויסדריקן אין אַן אוממיטל־באַרער רעאַקציע.

און איך לייען צו ערשט אין יידיש: „פריידע! נעם מיט די בורקע מיט

דעם פּעקל וואָס ליגט, די קאָלדרעס. שליס צו די טיער און געב אַראָפּ די
שליסלען מענדלען דורך דעם פּאַטיערניק הירשבערג. בלייב געזונד,

יעקב ראָטהיים

נעם אויך מיט די מענאַשקע מיט דעם פּעקל״.

דער פּוילישער טעקסט — דער מאַן איז אַפּנים נישט געווען זיכער, צי דאָס ווייב וועט לייכט קענען לייענען ייִדיש, האָט ער מוסיף געווען אין פּויליש דאָס זעלבע, וואָס אין ייִדיש. — אַזוי האָט עס אויסגעזען ביי אונדז אין פּוילן אין די צווישן־מלחמה־יאָרן, די מאַנסבילן האָבן נאָך געלייענט אין ייִדיש (העברעיִש), ווי אויך אין אַ קלענערער מאָס אין פּויליש, דאַקעגן דער ווייבלעכער ייִנגערער דור האָט שוין געלייענט כמעט אויסשליסלעך אין פּויליש. — דער פּוילישער טעקסט אַנטהאַלט אָבער נאָך צוויי זייער וויכטיקע פּרטים: „איך געפין זיך אויף טשאַרניעצקיעגאָ״, „און דו שליס דיך אָן אין מיר״.

דאָס דערקלערט אונדז שוין אַלץ: אויף טשאַרניעצקיעגאָ־גאַס איז די צענטראַלע געטאָ־תפיסה אין לאָדזש. דאָ האָט מען פון אָנהויב געהאַלטן די ייִדישע „פאַרברעכערס״; דאָ האָט מען שפּעטער־צו אויך צונויפגעזאַמלט די אַלע, וואָס האָבן געדאַרפט אויסגעזידלט ווערן אויף „אַרבעט״; געהאַלטן האָט מען זיי, ביז ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ פולער קאָמפּלעט, וואָס זאָל גע־נוגן אויף אַ „טראַנספּאָרט״ (צום מיינסטנס 1000 אָדער 1500 מענטשן).

פון דאַנען האָט מען געשיקט די טראַנספּאָרטן, זומער 1944... קיין אוישוויץ. אויך יעקב ראָטהיים איז אַפּנים געכאַפּט געוואָרן, צי אַליין זיך צוגעשטעלט מיט זיין רעסאָרט צוזאַמען צו דער „אַרבעט״, מ׳וויל אים שוין נישט אָפּלאָזן, ווייל טאָמער קומט ער נישט צוריק? נוצט ער אויס די גע־לעגנהייט און שיקט איבער דער פרוי דורך אַ באַקאַנטן, וואַרשיינלעך ייִדישן אָרדנונגס־דינסטמאַן (אויך צווישן זיי האָט מען אַ מאָל געקענט אָפּזוכן אַ מענטשן), אַ געזעגענונג־בריוו. ער, דער מאַן, גיט איר, זיין פרוי, פּראַקטי־שע, נוצלעכע אָנווייזונגען, וואָס זי דאַרף מיטנעמען. אַן „אויסגעזידלטער״ פון לאָדזש האָט געהאַט דאָס „רעכט״ מיטצונעמען מיט זיך 25 ק״ג האַנט־באַגאַזש, וואָס וועט אים כּלומרשט שפּעטער נייטיק זיין ביי דער אַרבעט,

אין נייעם ישוב. אַז דאָס געפּעק האָבן די דייטשן באַטראַכט ווי זייער אייגנ־טום („שטאַטספּערמעגען") און ס'איז ביים יידן צוגענומען געוואָרן, נאָך איידער ער איז אַריין אין לאַגער — האָבן די יידן אין די געטאָס נישט גע־קאָנט וויסן. אַדרבה, זיי האָבן ריכטיק אַרגומענטירט, אַז אויב מ'הייסט מיט־נעמען פּערזענלעכן באַגאַזש, איז עס אַ סימן אויף לעבן: נישט האָבנדיק קיין שום פּאַרדאַכט, אַז דאָס איז נישט מער, ווי אַ טייוולאָניש מיטל אויף זיי צו פּאַרנאַרן.

וויל טאַקע יעקב ראַטהיים, אַז זיין ווייב זאָל מיטנעמען דאָס אַלץ נייטיקסטע.

און אויף וואָס שרייבט יעקב ראַטהיים צו זיין ווייב פּריידען? — אויפן בוך, וואָס ער האָט קענטיק געהאַלטן ביי זיך און געלייענט, און אפשר האָט מען אים געכאַפּט אויפן וועג אין ביבליאָטעק, — אומלעגאַלער, פאַרשטייט זיך, ווייל אויך אויף דעם האָבן דייטשן נישט דערלויבט, — בשעת ער איז געגאַנגען ליַיען צי אָפּגעבן דאָס איבערגעלייענטע בוך? אויך דאָס האָט ביי אונדזערע יידן געקענט טרעפן...

אומלעגאַלע ביבליאָטעקן האָבן עקסיסטירט אין כמעט יעדן גרעסערן געטאָ און געפירט זייער אַרבעט נישט זעלטן אין מסירת־נפשדיקע באַדינ־גונגען. אויך אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

מיר וויסן נישט, צי האָט די פרוי געלייענט דאָס בריוול פון מאַן, צי האָט זי באַוויזן מיטצונעמען די אָנגעוויזענע זאַכן, צי האָט זי באַוויזן צו פאַרשליסן די טיר און דעם שליסל איבערגעבן דורכן פאָרטיער (פון רע־פּאָרט?) אַ קרובֿ, צי מיטוווינער פון זייער וווינונג. בדרך־כלל האָט דער ייד, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויף טויט, געדאַרפט אָפּגעבן די וווינונג אין אָרדענונג, פאַרשליסן די טיר און דעם שליסל איבערגעבן אין געהע־ריקע שטעלעס, מ'זאָל נישט דאַרפן חלילה שפּעטער אויפרייסן די טיר און פאַרדאַרבן... דייטשיש פאַרמעגן...

מיר וויסן נישט, צי האָט די פרוי פריידע געפונען און איבערגעלייענט דעם מאַנס לעצט בריוול, צי ניין. מיר וויסן אויך נישט, צי האָט זי באַוויזן זיך אָנצושליסן אין איר מאַן, צי זענען זיי ביידע צוזאַמען געגאַנגען אין גאַז־קאַמער פון אָשוויענטשים, צי יעדער באַזונדער?...

די איינציקע גלוסטונג פון אַ ייִדן אין דער צייט איז געווען צו גיין (אין דעם ספּעציפישן געטאָ־זינען) צוזאַמען מיט זיינע נאָענטע; נישט אַליין, הפקרדיק אַליין...[8]

און טאָמער האָט פריידע יאָ געהאַט די מעגלעכקייט אין דעם מאָמענט אויסצומיידן דעם גירוש, אַנטלויפן צי אויסבאַהאַלטן זיך, האָט זי נאָכן אײַ־בערלייענען דאָס בריוול פון איר מאַן — זיכער אַלץ איבערגעלאָזט און גע־לאָפן אויף טשאַרניעצקיעגאָ, כדי צו פאַראייניקן זיך מיטן מאַן... אַך, די פאַרשאָלטענע צוגעבונדנקייט פון משפחה־מיטגלידער ביי ייִדן... ובמותם לא נפרדו...

און אפשר האָבןביידע אַפילו נישט געקלערט וועגן טויט, געמיינט, אַז מ׳פאָרט טאַקע אויף אַרבעט, אַ סימן: דער מאַן הייסט מיטנעמען די מע־נאַשקע (טעפּל), וואָס איז, ווי דער אומגעקומענער שרייבער פון לאָדזשער געטאָ, יוסף זעליקאָוויטש, דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע צאָלרייכע נאָטיצן, געווען דער סימבאָל פון לעבן אין לאָדזשער געטאָ. אין דער מע־נאַשקע פלעגט מען דאָך פאַסעווען די טעגלעכע באַקאַנטע (וואַסערדיקע) זופּ, וואָס איז געווען דער הויפּט־באַשטאַנדטייל פון דער „דערנערונג״ אין לאָדזשער געטאָ פון אַרבעטנדיקע, גליקלעכע מענטשן...

מיר ווייסן דאָס אַלץ נישט, פונקט ווי מיר ווייסן נישט, צי אַן אַנדערער ייִד, וואָס געזעגנט זיך מיט זיין פרוי אויף די טאָוולען פון אַ באַנד „כל כתבי פרישמאַן״ און פרעגט זיך בתמימות „צי וועלן מיר זיך נאָך טרעפן אַמאָל?״... האָט זיך נאָך געזען מיט זיין פרוי פאַר זיין טויט, צי ניין? אָבער וואָס איז די נפקא־מינה? איין גורל האָט זיי ביידן פאַראייניקט.

אַזעלכע שטומע עדות, עדות פון אַ פאַרשניטענעם פאָלק, עדות וואָס אַנטשפּרעכן דעם נאָמען פון אונדזער פאָלק — „עם הספר״ — זענען אונדז פאַרבליבן פון דעם גרויסן אַמאָליקן ייִדישן ישוב אין לאָדזש.

אָבער אויך פון אַנדערע שטעט זענען ווו־נישט־ווו — איינער אויף טויזנט — געבליבן אַזעלכע שטומע עדות, וואָס דערציילן אונדז פיל, פיל, זייער פיל...

---

[8] זע דאָס קאַפּיטל „טרעבלינקע״.

אין אַ ספרל דניאל (דפוס פּעסיל באַלאַבאַן, לעמבערג 1877), וואָס אַ פּויער האָט איבערגעגעבן צו ייִדן אין ראָדים שוין נאָך דער באַפרייונג — שרייבט אַ ייִד אויף דער לעצטער זייט:

„איך בין אַרויס פון דער פאַבריק פיאַנעק און איך האָב מיך דאָ אויפגעהאַלטן אויף דעם בוידעם פון דעם קריסט. איך קען אייך נאָר מיטטיילן, אַז ס'איז נאָענט דער פראָנט. איך הער שיסן פון האַרמאַטן און דאָס דויערט אַזוי לאַנג. מיר זענען געציילטע ייִדן, וואָס מ'וויל ראַטעווען אונדזער לעבן, נאָר עס איז שווער, ווייל די שקצים פון די דערפער לאָזן נישט לעבן קיין ייִד. נאָר דער גרויסער גאָט קען אַרויסהעלפן מיר זאָלן בלייבן די געציילטע ייִדן פון גאַנץ פוילן".

לייענט די צוואה איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט! זי פאַרדינט עס. געציילטע, טרוקענע זאַצן פון אַ פּשוטן, נישט גראַמאַטנעם ייִדן, און קלינגען ווי אַ מייסטערהאַפטע פּאָעמע, וואָס טרייסלט אויף דעם לייענער. קיין שום קינסטלער אין דער וועלט וואָלט אַזוי עס נישט געקענט אויסדריקן!

ווער איז דער מחבר? — אויף אַן אַנדערער זייט פון דעם ספר געפינען מיר אַ נאָמען — וואַרשיינלעך פון מחבר פון דער נאָטיץ, „אברהם אזיק קעסטענבערג כפר שטודווו". מיר האָבן דאָ דעריבער צו טאָן העכסט וואַרשיינלעך מיט אַ ייִד פון ראָדים, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין דער אַמוניציע־פאַבריק קיין פיאַנקי. פון דאַנען איז אים און נאָך אַ פּאָר ייִדן געלונגען צו אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך ביי אַ פּויער אויפן בוידעם אין דאָרף שטודווו. דער ייִד גיט זיך אָפּ אַ גענויען דין־וחשבון פון דעם, וואָס דערוואַרט אים. אין געפּרעסטע ווערטער גיט ער איבער אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום לעבן פון אַ ייִדן אויף דער אַ"ג אַרישער זייט אין יענער צייט. דער גוטער קריסט (לשון יחיד!), וואָס האַלט אים אויס, און די שלעכטע שקצים (לשון רבים!), וואָס לויערן אויף זיין (זייער) לעבן — אָט די צוויי כוחות: דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, וואָס קעמפן צווישן זיך פון תמיד אָן, און וואָס בלויז זייערע פאָרמען ענדערן זיך מיט דער צייט.

און ווי פּיקאַנט — כמעט ווי אַן אויסגעטראַכטע ליטעראַרישע סיטואַציע קלינגט דאָס הערן דורכן ייִדן די האַרמאַטן־שאָסן, „וואָס דויערט אַזוי

לאַנג". דער פראָנט האָט זיך דאַן צו יענער צייט, סוף 1944, געפונען אויף דער ליניע פון דער ווייסל, בסך־הכל אַן ערך פון אַ 20 ק"מ פון דעם ייִדנס באַהעלטעניש.

און צום סוף פון דער טראַגישער פּאָעמע (דער אַריינפיר, די עקספּאָזיציע פון דער פּאָעמע איז דער ערשטער זאַץ, וואָס קלינגט ווי אַן עפּישער אָנהייב פון אַ דערציילונג: „איך בין אַרויס פון דער פאַבריק". אַ פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג פון דער אַקציע אַנטהאַלט דער זאַץ: „איך הער שיסן פון האַרמאַטן". ווירקונג פון דער קעגן־אַקציע: „די שקצים לאָזן נישט לעבן" — דאָס איז דער טראַגישער קאָנפליקט, דער צוזאַמענשטויס פון די סתירות־דיקע כוחות) — דער פינאַל: אַ תפילה צום רבונו־של־עולם, וואָס נאָר ער — ווי דער ייִד שרייבט — קען העלפן. אָבער דער רבונו־של־עולם, ווי דער לייענער פאַרשטייט פון זיך אַליין — האָט נישט געהאָלפן... דער שרייבער האָט דאָס שוין נישט געקענט צוגעבן. איבעריקנס ווירקט דאָס נישט־דערזאָגטע שטאַרקער, ווי דאָס געזאָגטע — דאָס ווייסט יעדער געניטער שרייבער.

אַ ריין אינדיווידועלער ענין — דאָס לעבן צי טויט פון אַ יחיד — ווערט אין דער דאָזיקער פּאָעמע פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינער, אין אַ נאַציאָנאַלער פראַגע: „מיר זענען די געציילטע ייִדן פון גאַנץ פוילן". דער ייִד האָט אויך אין דעם מאָמענט, אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, דאָס באַוווּסטזיין פון גורל פון גאַנצן פאָלק ישראל דאָ אין די אָקופּירטע דורכן דייטש לענדער.

דער ייִד קלאָגט נישט אויף זיין אייגענעם גורל, וויינט נישט. איז דאָס גאַנצע פאָלק אומגעקומען, קען ער אויך נישט זיין קיין אויסנאַם. גיכער קלערט ער וועגן זיך ווי וועגן אַ זכר פון אַמאָליקן פאָלק. עס וואָלט דערייבער געווען אַ יושר, זיי זאָלן בלייבן לעבן אָט די געציילטע פאַר ייִדן. זאָלן זיי לכל־הפּחות דערציילן דער וועלט, וואָס ס'איז מיט זיי געשען. „די געציילטע ייִדן", „די לעצטע ייִדן" — דאָס איז דער נוסח פון יענער צייט; נישט קיין „ליטעראַטור", נאָר ווירקלעכקייט. דער ייִד, דער מחבר — פּילן מיר — האָט אויך דעם גזר איבער זיך אַליין אָנגענומען באהבה, געלאָזט אַ

צוואה דער וועלט — ער איז אַוועק פון דער וועלט אַ גאַנצער ייד, אין הסכם מיט זיך און מיט זיין גאָט... ועצת ד׳ היא תקום!

ווי אַזוי זענען זיי אומגעקומען די געציילטע פּאָר יידן — ווייסן מיר נישט. מיר קענען זיך נאָר משער זיין אויפן סמך פון ענלעכע פּאַסירונגען אין אַנדערע מקומות. אָבער דאָס איז דאָך שוין נישט וויכטיק: עס גייט דאָך דאָ נישט אין פּרט, נאָר אין כלל, און מיט אַזעלכע יידן איז אומגעקומען אַ גרויס פאָלק, ווייט איבער זעקס מיליאָן. אפשר טאַקע גאַנצע זיבן?! גע־בליבן איז נאָר אַ שטומער עדות, די אויפשריפט אויפן ספר...

און ווען מיר בלעטערן דאָס ספרל דניאל, אַן אַלט אָפּגענוצט ספרל, געפינען מיר נאָך אַ נאָטיץ: „דנה בת גרשון נפטרה ב״ך טבת תרמ״ו לפ״ק״. — דאָס איז אַן עלטערע אויפשריפט, וואָס שטאַמט נאָך פון דער פרידנס־צייט. אַ נאָרמאַלער טויט.

אַזעלכע זענען דאָס געווען די טיפּישע אויפשריפטן אויף די טעוועלעך און שערבלעטער פון ספרים, וואָס צו זיי זענען מיר געווען צוגעוווינט פון דור־דורות... פּשוטע פאַמיליע־כראָניק, וואָס מ׳האָט נאָטירט אויפן ראַנד פון ספרי־קודש... ווען געבוירן, ווען געשטאָרבן.. כדי מקיים צו זיין די מצווה פון יאָרצייט־האַלטן... ערשט אין צייטן פון גרויל, פון גרויסע גע־שעענישן; אין צייטן, ווען ס׳וויגט זיך דער גורל פון גאַנצן פאָלק, ווערן אויך די אויפשריפטן אויף די ספרים אַנדערע. פון אַ קורצער פאַמיליען־נאָטיץ, פאַמיליען־כראָניק וואַקסט זי אויס צו אַ יזכור נאָך אַן אומגעקומע־נער קהילה, צו אַ מצבה נאָך אַן אויסגעשאָכטן פאָלק.

פון דער ערשטער נאָטיץ פון ק״ט, געשריבן ערגעץ אין מערב־איי־ראָפּע — ביז דער לעצטער נאָטיץ פון תש״ד, פאַרצייכנט אין מזרח־איי־ראָפּע — צי האָט זיך עפּעס געענדערט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק דאָ אין גלות?!

די זעלבע גילגולים, דער זעלבער גורל.

***

אַן אַנדער ייד, אין קאָוונער געטאָ, שרייבט אויפן ראַנד פון אַ רו־סישן בוך פון לערמאָנטאָוון אַ געזעגענונג־בריוו און אַ רוף צו נעמען נקמה.

(זע מ. יעלין, די געלפערן: „פּאַרטיזאַנער פון קאָונאַסער געטאָ", מאָסקווע, 1948).

פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע ביישפּילן קענען מיר מערן און מערן, אָבער — און דאָס מוז אויך אין דעם פאַל אונטערגעשטראָכן ווערן — וואָס מיר האָבן אָפּגעפונען נאָך דער מלחמה איז דאָך נאָר אַ קליינער ברוכטייל פון דעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענע צייטן, און איז העכסט וואַרשיינלעך פאַרלוירן געגאַנגען. און אפשר וועט זיך נאָך עפּעס דערפון אָפּזוכן? קיין מאָל טאָר מען נישט פאַרלירן די האָפענונג, און אייביק דאַרף מען זוכן און זוכן און קיין מאָל וועלן מיר נישט זיין זיכער, צי ליגן נישט נאָך ערגעץ-ווו אוצרות, צו וועלכע מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען; און תמיד וועט אונדז פּלאָגן דאָס געוויסן, אַז מיר אַלע אינאיינעם און יעדער פון אונדז באַזונדער — האָט נישט דערפילט זיינע פליכטן ביז צום סאַמען סוף, און אַז אַ טייל פון פאַרלוירן-געגאַנגענעם איז אומגעקומען צוליב אונדזער שולד.

די אויפשריפטן אויף די טעוועלעך פון די ביכלעך, ווי אַזוי טראַגיש זיי זאָלן נישט קלינגען, זענען נאָך אַן אויסדרוק פון אַ געוויסער — ווי אַזוי רופט מען דאָס אָן? — היימישקייט; דער מענטש איז נאָך אין אַ מענטשלעכער סביבה, ער איז נאָך ביי זיך אין דער היים, ער האָט נאָך עפּעס פון זיין אייגנס, אַ נאָענטע זאַך... אָבער אומענדלעך פאַרשיידנאַרטיק איז פאַר אַ ייִדן דער וועג צום תהום, צום אומקום...

שווידערלעכער פון די אויפשריפטן (אויף פּאַפּיר! — וואָס פאַר אַ לוקסוס!), זענען די אויפשריפטן — געשריבן מיט בלייפעדערס, מיט קויל, געקריצט מיט טשוועקעס, מיט שטיקלעך האָלץ; און ווען דאָס האָט פאַרפעלט — מיט די אייגענע נעגל — אויף די ווענט פון דעם קאַרצער, ווו ס'איז געווען איינגעשלאָסן אַן אַ מעגלעכקייט אפילו זיך אַ ריר צו טאָן, און פון וואַנען ס'האָט געפירט אַ גלייכער און קורצער וועג צו דער גאַז-קאַמער, צי גאַז-אויטאָ. פון דעם לעצטן לעבנס-עטאַפּ, וואָס האָט נישט איין מאָל מקדים געווען דער טויט מיט געציילטע מינוטן, האָבן מיר אַ גאַנצע ריי אויפשריפטן פון די פאַרשידנסטע מינים און אין פאַרשידענע שפּראַכן (דערהויפּט אָבער אין ייִדיש).

אַהער געהערן די אויפשריפטן אויף די ווענט פון קלויסטער אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ, וווּ מ׳האָט געהאַלטן די מענטשן אַזוי לאַנג, ביז דער גאַז־אויטאָ איז נאָר צו זיי געקומען; דער אויטאָ האָט געהאַט אַזוי פיל אַרבעט, אַז מ׳האָט אויף אים טייל מאָל געמוזט וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט.

אַהער געהערט די אויפשריפט פון שיל אין קאָוועל, וווּ דער אָנגעזאַמלטער עולם האָט געוואַרט מ׳זאָל זיי פון דאָרט אָפּשיקן גלייך אויף אומקום... און די אויפשריפטן אויף די ווענט פון קעלער, פון וואַנען מ׳האָט די פאַרמשפּטע געפירט צום טויט — אין טשענסטאָכאָוו.

און פון פיל, פיל אַנדערע מקומות.

דער אינהאַלט פון די אויפשריפטן איז אַ פאַרשידענער. טייל זענען ריין־אינפאָרמאַטיווע: דער פאַראורטיילטער גיט איבער זיין נאָמען און צונאָמען, פון וואַנען ער שטאַמט, טייל מאָל אַפילו זיין עלטער — דאָס איז נוגע יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס דריקן דערמיט אויס זייער פּראָטעסט און ווייטיק, וואָס ביי אַזאַ יונגען עלטער קומט זיי שוין אויס אומצוקומען, אָן זייער שולד און אָן שום סיבה.

אָט איז אַן אויפשריפט פון דעם מין אין דער קאָוולער שיל:

„כ׳בין אַלט 20 יאָר. אוי, ווי שיין איז דאָס לעבן אַרום... פאַרוואָס דאַרף איך אומקומען, בעת מיין גאַנץ וועזן שטרעבט צו לעבן? צי זענען דאָס טאַקע די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן? נקמה! זאָל יעדער איינער, וואָס וועט דאָס לייענען, נקמה נעמען; דאָס איז מיין לעצטער באַגער.

ראָזאַ פרידמאַן״.[9]

אין אַנדערע אויפשריפטן גיבן די פאַראורטיילטע רויִק איבער, אַז זיי ווייסן וואָס ס׳דערוואַרט זיי: טויט אויפן אָרט, געשאָסן צו ווערן אָדער דערשטיקט צו ווערן אין אַ גאַז־קאַמער.

פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס גלייבן נאָך דער דייטשער פּאַרפּי־

[9] „ילקוט ווהלין״, טבת תש״ו, ז׳ 29. צוריק איבערגעזעצט פון העברעיִש אויף ייִדיש.

רונג־פּראָפּאַגאַנדע, אַז זיי ווערן געשיקט אויף אַרבעט. (אויפשריפט אויף דער וואַנט אין כעלמנער קלויסטער: „מיר פאָרן קיין לייפּציג").

צו מאָל אָבער דריקן אויס די אויפשריפטן אַ געזעגענונג מיט די נאָענטסטע, טייל מאָל געפינען מיר דעם אויסדרוק פון ווייטיק צוליבן איי־גענעם גורל און די זאָרג פאַרן גורל פון די יעניקע נאָענטע, וואָס לעבן נאָך אין אַ דייטשישן לאַגער, אָבער באַהאַלטן זיך אויס פאַרן שונאס אויג.

אָט איז איינע פון די פיל אויפשריפטן: „רובינקו — פעלדמאַן, איך גע־זעגן דיך, זון, האַלט זיך גוט! — דיין מאַמע ח(נה) פעלדמאַן". און ווען דער דאָזיקער מאַמען איז נאָך דאָס לעבן פאַרלענגערט געוואָרן מיט אייניקע מי־נוטן, האָט זי ווידער אויף דער וואַנט צוגעשריבן צו איר זון, וועגן וועלכן זי האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו קלערן, — איר געזע־גענונג־פּאָעמע, צווייטער טייל: „טייערער רובין, איך גיי אַוועק רויק, איך קוש דיך — דיין מאַמע חנה". (טשענסטאָכאָוו).

כדי צו באַרויִקן איר — איינציקן וואַרשיינלעך — זון, גיט שוין אי־בער די מאַמע אַ ידיעה וועגן זיך אויך. זאָל איר זון נישט איבערקלערן וועגן איר, זיין מוטער; זאָל ער נישט האָבן קיין עגמת־נפש, וואָס זי האָט פאַרן טויט געליטן. ניין, זי האָט פאַרן טויט קיין מורא נישט, זי איז אין גאַנצן רויִק און גליקלעך צו איר אייגענעם גורל; פייניקן פייניקט זי דער געדאַנק וועגן זיין, דעם זונס, גורל — נאָר פאַר דעם האָט זי מורא...

איר לעצטער געדאַנק, איר לעצטער ווונטש — איז ביי איר זון; וועגן זיך אַליין קלערט זי קיין איין מינוט נישט. אַלץ, וואָס אירס, געהערט צום קינד...

אַ יידישע מאַמע!

און אין טאָמאַשאָווער פאַבריק־זאַל פאַרצייכענען די אַרבעטנדיקע דאָ יידן אויף די ווענט זייערע לעצטע ווונטשן און זייערע צוואות; אָט איז אַזאַ צוואה: „גדליה ערענבערג, געבוירן 10.9.1907 אין קראַשניק, שיקט דעם לעצטן גרוס פאַר יאַן פּאָפּוראָסע אין קראַשניק. זאָל ער אַריבערפירן מיין קינד נאָך ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה". („ספר ראַדאָם", ז' 331).

פון גאַנצן האָב און גוטס; פון דער גאַנצער משפחה איז דעם יידן ערענבערג פאַרבליבן — אָדער ער גלייבט נאָך, אַז עס איז פאַרבליבן, —

איין קינד אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּאָלאַק. דער לעצטער געדאַנק פון יידן איזביים קינד זיינעם. ער וויל עס פאַרזיכערן אויף נאָך דער מלחמה. און עס בלייבט אים מער נישט איבעריק, ווי איבערצוגעבן זיין לעצטן באַגער דער שטומער וואַנט.

וויפל טראַגיק פון אַ יידישן פּאָעטער!

***

דאָ, אויף דער ערד פון פּוילישן ייד, זענען אויך אומגעקומען הונדער־טער טויזנטער יידן געבראַכטע פון די מערב־געביטן: דער עיקר דייטשע יידן. וועגן זייער צוזאַמענלעבן, בעסער געזאָגט: נישט־צוזאַמענלעבן — מיט די היימישע יידן — לאָזט זיך פיל דערציילן: דער קאַמף צווישן „אָסט" און „וועסט", צווישן מזרח־אייראָפּעישן יידן און מערב־אייראָפּעישן יידן איז צום באַדויערן אָנגעגאַנגען ביז צום סאַמע סוף — ביז צו די טויערן פון קרעמאַטאָריע.

ווער איז גערעכט געווען? — מיר וועלן זיך אין דער טראַגישער פּלוגתא אין דעם מאָמענט נישט אַריינלאָזן, בפרט אַזביידנס גורל, סיי פון מזרח־אייראָפּעישן, סיי פון מערב־אייראָפּעישן יידנטום איז געווען אַ געמיינזאַ־מער, אַזאַ טראַגישער.

זאָל זשע מיר אָבער — דאָ טאַקע — דערלויבט זיין אין נאָמען פון אונדזער ביידנס געמיינזאַמער גורל־געשיכטע און כדי אויסצוגלייכן דעם חשבון פון מזרח־ און מערב־ייד, צו ציטירן אויך אַן אויפשריפט פון אַ מערב־אייראָפּעישן ייד, געפונען נישט אין קיין ספר, נישט אין קיין ביכל געדרוקט מיט יידישע אותיות, נאָר אין אַ נאָטיץ־ביכל, געשריבן אין דייטש. דאָס האָט אַ ייד, אַ דייטשער, וואָס איז אין יאָר 1941 אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ, כדי פון דאַנען דערנאָך מיט די היימישע יידן אינ־איינעם צו מאַכן דעם טויטן־וועג קיין כעלמנאָ, צי אָשוויענטשים — אי־בערגעלאָזט אין לאָדזשער געטאָ זיין פּריוואַט נאָטיץ־ביכל, וואָס איז גע־ווען ווי זיין לעבנסבאַגלייטער, וואָס מיר שיידן זיך מיט אים דאָס גאַנצע לעבן נישט. דאָס נאָטיץ־ביכעלע איז דאָ, אָבער זיין „אינהאַבער" ווו איז אַהינגעקומען?

און וואָס געפינען מיר אין דעם דייטשן נאָטיץ־ביכל? אַ „זעעלען־קאַ־לענדאַר פון ד״ר רודאָלף שטיינער״, ד״ה געדאַנקען און געדיכטן פון באַ־קאַנטן טעאָזאָף. דער אייגנטימער פון נאָטיץ־ביכל איז אַפּנים געווען זיינער אַן אָנהענגער. מיר געפינען דאָ זייער אַ סך און זייער דערהויבענע און קלו־גע געדאַנקען וועגן מענטשלעכער מאָראַל, וועגן ליבע צו מענטשן, צו חיות און צו געוויקסן אַפילו; צו גאָט און צו נאַטור — געדאַנקען אויסגעטוענע פון דער וועלט; כולו רוחניות! און צווישן די געדאַנקען פאַרנאָטירט, ווי ס׳זעט זיך פון אַ פאַרצייכנטער דאַטע, אין יאָר 1930, שפּראָצט אַרויס פּלו־צים אַ שפּעטערדיקע צושריפט, וואָס שטעכט די אויגן מיט איר רציחה און אמת... אַ סענטענץ פון דער אָקופּאַציע־צייט, שוין פון לאָדזש משמעות, און אָט איז זי:

„די זינד אַלע זעהר הערליכע געדיכטע, אַבער לעבען האַט אונס דאַס געטאָ אויסגעלערנט״.

דאָ, ערשט אין געטאָ, צווישן ייִדן, איז דער דייטשער ייִד אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אויסגעחלומטע וועלטן: דאָ ערשט האָט ער דערפילט דעם אונ־טערשייד צווישן „דיכטונג״ און „וואַרהייט״; דאָ ערשט האָט ער זיך אויס־געלערנט צו „לעבען״, מ׳שטיינס געזאָגט; דאָ ערשט האָט ער דערפילט דעם טעם פון זיין אַ ייִד מיט אַלע ייִדן גלייך. ערשט אין זיין לעצטער אייגענער נאָטיץ, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם מחבר אַליין, האָבן מיר דערפילט דעם זעלבן טעם, וואָס ביים לייענען די צוואות פון די מזרח־איראָפּעישע ייִדן.

KÄMPFEN UND SINGEN!

פאַראַן אַ פאָלקס־ווערטל:

אין גאַס טרעפן זיך צוויי ייִדן, זיי שטעלן זיך אָפּ און פאַרפירן אַ גע־שפּרעך. און וועגן וואָס ריידן דאָס ייִדן? מ׳רעדט זיך אַזוי אַראָפּ פון האַרצן: ס׳גייט צו ווינטער, קיין פּרנסה איז נישטאָ; דאָס ווייב איז קראַנק און די קינדער גייען אויך נישט אין גאַטס וועג, און בכלל איז נישט דאָס, וואָס אַמאָל — שלעכט, ביטער. עס ווערט זיי ביידן שווער און אומעטיק אויפן האַרצן... פּלוצים רייסט איינער פון זיי איבער דעם שוין אַ ביסל צוגעגע־סענעם שמועס: „ר׳ קרוב, לאָמיר שוין נעמען בעסער ריידן פון פריילעכע־רע זאַכן: ווען איז דער יאָרצייט נאָך אייער מאַמען?״.

איך האָב דעם איינדרוק, אַז די לייענערס פון די ביז־איצטיקע קאַפּיט־לעך מיינע, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהערט וועגן די שרעקלעכע גרויל־טאַטן פון די דייטשן, וועגן די שוידערלעכע ענויִים פון די ייִדן, וועגן כעלמ־נאָ, טרעבלינקע און בעלזשעץ, זענען בבחינת די ייִדן, וואָס האָבן געפירט דעם אויבן דערמאָנטן שמועס, און זיי טענהן צו מיר: „רעב ייִד, דערציילט אונדז שוין עפּעס פריילעכערעס: ווען איז אייער מאַמע דערמאָרדעט גע־וואָרן?״.

איך פאַרשטיי דאָס געמיט פון די לייענערס און זייער־זייער זייער גע־רעכטע טענה צו מיר. איך נעם דאָס צו קענטעניש און וויל דאָס מאָל שוין דערציילן וועגן הייטערערע ענינים — וועגן אַ שפּאָגל נייער זאַך, נעמלעך וועגן אַזאַ ליבלעכן ענין ווי זינגען, און זינגענדיק קעמפן.

אייגנטלעך מוז איך זיך מודה זיין, אַז דאָס קעפּל איז נישט מיינס: איך האָב עס געגאַשט פון אַ דייטשן דיכטער. אַזוי, נעמלעך, הייסט אַ באַנד פון זיינע לידער־זאַמלונגען, געשריבן נאָך פאַר דער מלחמה. ווי אַזוי איז דער נאָמען פון דיכטער? איך ווייס נישט, צי איז כדאי זיין טריפהנעם נאָמען דאָ אָנצוגעבן. סוף־כל־סוף איז ער איינער פון אַ סך. און העלפן פאַראייביקן

אַ מנוול לוינט זיך זיכער נישט! וועלן מיר אָנגעבן בלויז די נעמען פון די איבעריקע ביכער זיינע און דער לייענער וועט שוין אַליין זיך משער זיין, וואָס פאַר אַ פאַרשוין דאָס איז געווען: „די טראָמעל" (טרומייטער — נ. ב.), „ס. א.־געדיכטע", „וויר וואַקסן אין דאַס רייך היניין", („געדיכטעט" נאָכן איינגעמען עסטרייך דורך היטלערן — נ. ב.), „איין פאָלק, איין רייך, איין פירער" אאַז"וו. דאָס גענוגנט. ס'איז אָבער כדאי יאָ צוצוגעבן, אַז דער דאָזיקער ערשטער דיכטער פון דריטן רייך, איז געבוירן געוואָרן אין דער שווייץ, דאָרט דערצויגן געוואָרן און זיך געלערנט. שפּעטער האָט ער שטודירט אויף דער ווינער אוניווערסיטעט און דאָ איז ער פון די ערשטע מינוטן, ווי אַ גוטער עסטרייכער, געוואָרן דער הויפּדיכטער פונעם היטלעריזם; יאָ, דאָס עסטרייך האָט אונדז אויך צוגעדינט. די גרעסטע באַנדיטן זענען גראָד פון דאָרטן געקומען. גענוג צו דערמאָנען גלאָבאָטשניקן, זיין געהילף העפלע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אויסראָטונג פון די יידן אין גאַנץ פּוילן. היינט זענען די עסטרייכער גאָט די נשמה שולדיק, פילן זיך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די חטאים, וואָס ס'האָט אָפּגעטאָן זייער שכן, דער „גראָסדייטשע"; האָבן זיך אַן אייגענע מלוכה און קיינער האָט צו זיי גאָר נישט, אַ צדיק אין פעלץ! נאָר דאָס איז דאָך אַן ענין פאַר זיך און געהערט זיכער נישט צו אונדזער ספּעציאַליטעט.

לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו אונדזער דיכטער: ער לעבט זיך אויך איצט אין אָקופּירטן (?) דייטשלאַנד; פילט זיך גאַנץ פריי, הגם מ'וואָלט אים געקאָנט — צי אפשר אַפילו געדאַרפט — רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אַ קריגס־פאַרברעכער—קריגס־העצער, ווו עדות וואָלטן געקענט אַרויסטרעטן — אַ חוץ זיינע ביכער אַליין — טאָקע דייטשע ליטעראַטור־פאָרשער פון יענער צייט! איך רייד דאָך וועגן ליטעראַטור, וויל איך זיך נישט פאַררופן אויף פאַרטיי־טוער און נישט אויף זייער מיינונג וועגן אונדזער דיכטער. מיר גענוגנט, וואָס ס'שרייבן וועגן אים נאַציסטישע ליטעראַטור־פאָרשער, ווי אַ הערמאַן גערסטנער, קאַרל שוואָרם, העלמוט לאַנגעבוכער...

דער לעצטער שטעלט אַריין אונדזער העלד, וואָס האָט „געקעמפט און געזונגען", אין קאַפּיטל „דער קאַמף פון דער באַוועגונג, דאָס ליד ווי אַ פּאָליטישע טאַט". יאָ, זיינס אַ ליד איז געווען אַ פּאָליטישע טאַט, און זיינס

אַ געדיכט איז במקום אַ דערמאָרדעטן יידן. און זיין ליטעראַרישע שאַפונג איז שקול כנגד... אַ טויטן־לאַגער. אָט אַזאַ איז געווען אונדזער דיכטער!

נאָר קענענדיק גוט דעם סדר־העולם, וועל איך זיך נישט שטאַרק וווּנדערן, ווען איך וועל אַ מאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך דערוויסן, אַז אונדזער דיכטער האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז פּאַר... פּאַציפיסטישער טעטיקייט. ער האָט זיך שוין באַוויזן איבערצושטעלן! נאָר גענוג וועגן איינעם אַ מנוול!

הייסט עס: מיר קעמפן און מיר זינגען. ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די דייטשן זענען אַ קעמפעריש פאָלק! גענוג אַ מיש צו טאָן די געשיכטע פון... דייטשלאַנדס שכנים; און ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די דייטשן זענען אַ מוזיקאַליש פאָלק! בעטהאָווען, וואַגנער, שובערט, מאָצאַרט... דאָס זענען טאַקע געווען עכטע דייטשן, אַריער! און ווען די דייטשן האָבן אַ שפּאַר געטאָן אויף מזרח אין אָנהייב מלחמה, איז דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געטאָן אויף די פריש־באַזעצטע געביטן איז געווען — אויסלערנען... יידן זינגען, טאַקע אויף אַן אמת: זינגען!

איך מיין דאָ נישט, די נישט־קאָאָרדינירטע איינצלפאַלן, ווען אַ גרופּע דייטשן האָבן געכאַפּט אַ יידן, אויב מעגלעך מיט אַ שיינער באָרד (מ׳זאָל זי קענען צו ביסלעך אויסצופּן), האָבן זיי אים שיין אָנגעטאָן, אַ מאָל אַ צילינדער, אַ מאָל אויפן צילינדער עפּעס אַ געפעס, אַ מאָל האָט מען אים נאָך צוגעגעבן אַ בעזים אין דער האַנט, אַ מאָל עפּעס אַנדערש, אַלץ לויט דעם איינזען פון די דייטשע רעזשיסאָרן; און אַזוי אַן אָנגעטוענעם, האָט מען אים געהייסן זינגען און אַ מאָל נאָך אויך טאַנצן דערצו! דאָס זענען געווען אינדיווידועלע אַרויסטרעטונגען פון „לוסטיגע קנאַבען", וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ אופן „הערצלעך" פאַרווײַלט און טאַקע מניה וביה אָפּפאָטאָגראַפירט דאָס „קעסטלעכע בילד" און איבערגעשיקט דאָס... אַהיים צו גרעטכען. זאָל די בלאָנדהאָריקע סענטימענטאַלע „בראַוט" זען, ווי איר האַנס קעמפט אויפן „אָסטפראָנט", זען און טאַקע אויך הנאה האָבן. און ווען דאָס גרעטכען האָט באַקומען דאָס בילד פון אויסגעמוטשעטן אַלטן יידן, ווי ער מאַכט קאָמישע קונסט־שטיק, אויף דייטש גערופן „פּאָסען", האָט זי זיך „טויט־צעלאַכט" פון געניאַלן איינפאַל פון איר האַנס, איינגעראַמט דאָס בילדל, צי אַריינגעלייגט

עס אין דעם פאַמיליען־אַלבאָם און תיכף געשריבן צו איר באַשערטן, ער זאָל שיקן נאָך אַ פּאָר אַזעלכע בילדער, זאָלן אויך די קינדער האָבן מיט וואָס זיך צו שפּילן! און דער מאַן האָט געשיקט. אַ דאַנק דעם קענען מיר היינט צו טאָג וואָס־נישט־איז זיך דערוויסן פון דעם, וואָס ס׳איז געווען אויף דעם אָפּשניט.

יאָ, כ׳האָב זיך אויבן באַנוצט מיטן וואָרט „לוסטיגע קנאַבען", מוז איך זיך מודה זיין, אַז אויך דאָס וואָרט האָב איך גענאַשט פון אַ דייטש. אין אַ שטעטל אין פּוילן (ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ) פלעגן יעדן אין דער פרי קומען אין יודען־ראַט גוייִשע פּראָסטיטוטקעס מיט רעכענונגען פון ס. ס.־מענער, וואָס האָבן מיט זיי פאַרבראַכט די נאַכט, מ׳זאָל זיי אויסצאָלן פאַר דער „אַרבעט פאַרן פאָטערלאַנד". און ווען דער יודען־ראַט האָט אַ מאָל זיך געווענדט צו אַ דייטשן גדול און איבערגעגעבן אים דעם פאַקט און געפרעגט אַ שאלה, צי דאַרף מען צאָלן, צי ניין, און אַז דאָס באַטרעפט אַ נישקשהדיקע סומע, האָט דער דייטשער גדול זיך צעלאַכט פון די שטיק, וואָס זיינע „לוסטיגע קנאַבען" טרייבן און געהייסן, פאַרשטייט זיך, צאָלן...

אָבער דאָס איז געווען אין די ערשטע צייטן, ווען דאָס לעבן איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן „נאָרמאַליזירט", ווען די „דייטשע אָרדענונג" האָט נאָך נישט געהאַט באַהערשט ווי געהעריק דאָס באַזעצטע געביט. ווי באַלד דאָס איז געשען, האָט אויך דאָס זינגען אָנגענומען אַנדערע פאָרמען; עס איז געוואָרן לעגאַליזירט און נאָרמאַליזירט. עס איז אַריינגענומען געוואָרן אין די שטייפע פאָרמען פון אַ דייטשישן רעגולאַמין.

ווי באַקאַנט, זענען ייִדן אין דריטן רייך געווען געצווונגען (די יורי־דישע זייט פון די דאָזיקע דייטשע געזעצן און פאַראָרדענונגען איז ווערט מ׳זאָל זיך אויף זיי אָפּשטעלן באַריכות, ס׳איז אַ העכסט אינטערעסאַנט קאַ־פּיטל פון אַ טראַגי־קאָמישער פאַרס, מוזן מיר אָבער דאָס אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל. מיר ריידן דאָך וועגן ליטעראַטור!) צו אַרבעט, צו אַרבעט לטו־בת דעם רייך, די דייטשן. צו אַרבעט האָט מען געכאַפּט ייִדן פון דער גאַס, געטריבן פון דער שטוב. צו אַרבעט פלעגן דערנאָך שיקן די יודען־ראַטן „קאָלאָנעס" ייִדן, צו אַרבעט אויפן אָרט, צי אין אַרבעטס־לאַגערן. צו אַר־בעט זענען געווען געצווונגען ייִדן אין די טויט־לאַגערן ביזן לעצטן מאָ־

מענט פון זייער לעבן. אָבער כדי „לייכטער" צו מאַכן זיי די אַרבעט, האָט מען די יידן דערביי געצוואונגען... צו זינגען, סיי ביים אַרויסגיין צו דער אַרבעט, סיי ביים צוריקקומען פון אַרבעט — האָט מען געזונגען. געמוזט! דאָס זינגען איז אַ בפירושער פּונקט אין דייטשישן אַרבעטס־רעגולאַמין!

און איצט שטעלט זיך פאַר אַזאַ מין בילד: עס קערן זיך אום יידן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט (אַ צען שעה, אַ חוץ דעם גיין צו און פון דער אַרבעט, טייל מאָל אַ שיינע פּאָר קילאָמעטער) טויט־מיד, הונגעריקע ביז צום אויס־גיין, האַלב־נאַקעטע אין די גרעסטע פרעסט — און דאָ הערט זיך דער באַ־פעל „זינגען!", און יידן הייבן אָן זינגען. און ווי איז צו דעם, וואָס קען נישט זינגען, אָדער זינגט נישט ווי מ'באַדאַרף. דאָס איז סאַבאָטאַזש אין קריגס־צייטן! האָט מען געזונגען!

און געגאַנגען איז מען נישט ליידיק. טייל מאָל האָט מען געטראָגן מיט זיך די אַרבעט־מכשירים, טייל מאָל — און אין די טויט־לאַגערן כסדר — די טויטע, וואָס זענען געפאַלן בשעת דער אַרבעט. זיי האָט מען געמוזט צו־ריקטראָגן אין לאַגער, ווייל זיי, די טויטע, האָבן דאַן געמוזט אָנטייל נעמען אין דעם „נאַכט־אַפּעל", בשעתן קאָנטראָלירן, צי איז טאַקע צוריקגעקומען פון דער אַרבעט די זעלבע צאָל אַרבעטער וואָס איז אין דער פרי אַרויסגע־גאַנגען. אָן די טויטע וואָלט דאָך געפעלט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער און דער חשבון וואָלט נישט געשטימט! האָט מען די טויטע צוריקגעטראָגן אין לאַ־גער אַריין — און געטאָן האָבן עס טאַקע זייערע חברים, וואָס זיי האָט אָפּ־געגליקט דעם טאָג נישט דערמוטשעט צו ווערן בשעת דער אַרבעט אויף טויט. און בשעת זיי האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון דער שווערער פּאַר זיי משא, האָבן זיי אויך געדאַרפט אויסדריקן די לעבנס־פרייד פון זייער אַרבעט־לייסטונג און... זינגען.

די ליבע צו קונסט איז ביי די דייטשן דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין די גרעסערע לאַגערן זענען געווען גרויסע אָרקעסטערס, וואָס פלעגן שפּילן גאַנץ פרי ביים אַרויסמאַרש פון די אַרבעט־קאָלאָנעס, ווי אויך פאַרנאַכט, בעת זייער צוריקקומען. די מוזיק פלעגט אויך אין טייל ערטער שפּילן בעתן אָנקומען פון אַ נייעם טראַנספּאָרט יידן אין טויט־לאַגער, בשעת אַן עקזע־קוציע אַאַז"וו. אין יאַנעוו ער לאַגער (לעבן לעמבערג) האָט אַ יידישער מו־

זיקער — אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון לאַגער־קאָמענדאַנט — געמוזט פֿאַרפֿאַסן אַ ספּעציעלן „טויטן־טאַנגאָ״, וואָס מ׳האָט געשפּילט בשעת אַן אַקציע, ד״ה בשעת מ׳האָט אויסגעשאָסן טויזנטער און טויזנטער מענטשן. ביים טאַקט פֿון מוזיק איז אַפֿנים לייכטער צו שיסן און צום טאַקט פֿון מוזיק איז אַפֿנים אויך לייכטער געשאָסן צו ווערן. דעריבער טאַקע — ווי מ׳גיט איבער — ווען ס׳איז געקומען צום סאַמע סוף די ריי אויף דעם אָרקעסטער אַליין ליקווידירט צו ווערן, נאָכן אומברענגען דעם גאַנצן לאַגער — האָט מען אויך איר געהייסן אויסשטעלן זיך, ווי צו אַ נאָרמאַלן קאָנצערט, אין אַ קרייז (פֿאַראַן אַפֿילו אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַזאַ סצענע), דער דיריזשאָר האָט זיך געשטעלט אין מיטן און דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן איר לעצטן קאָנצערט. אַגב, דאַרף דאָ באַטאָנט ווערן, אַז דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען ס׳רוב פֿון באַקאַנטע מוזיקער פֿון דער לעמבערגער אָפּער, מוזיק־פֿאַראיין, דערונטער גרויסע קינסטלער. און ווען דער אָרקעסטער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין איר אַרבעט און אַריין אין שווונג, האָט מען פֿון דער ווייטנס אָנגעהויבן שיסן איינציקווייז און מיט הפסקות. נאָך יעדן שאָס איז געפֿאַלן איין שפּילער, אַ קינסטלער. און דער אָרקעסטער האָט נישט געטאָרט איבעררייסן איר שפּילן, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער, ביז דער לעצטער איז נישט געפֿאַלן.

דעמאָלט איז אויך געקומען די ריי אויפֿן דיריזשאָר פֿון אָרקעסטער, דעם קאָמפּאָזיטאָר פֿון „טויטן־טאַנגאָ״ (זיין נאָמען: שטריקער, אָדער מונד), וואָס איז געפֿאַלן צו לעצט.

אַן אַנדערע סצענע: אין מינסק־מאַזאָוויעצק, בשעת אַן אַקציע, האָט מען געיאָגט יידן צו דער באַן; די יידן זענען געלאָפֿן און די ס. ס.־לייט זענען נאָכגעלאָפֿן, געשלאָגן מיט בייטשן און געשריִען „זינגען!״ — און יעדעס מאָל אָנגעגעבן אַן אַנדערן נאָמען פֿון אַ ליד, וואָס די יידן האָבן באַדאַרפֿט זינגען. געפֿירט האָט מען דאָס מאָל דעם עולם קיין... טרעבלינקע.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט מען אַפֿילו נאָכן אָנקומען פֿון אַ טראַנספּאָרט „העפֿטלינגע״ קודם זיי געלערנט זינגען אויף קאָמאַנדע, צו ערשט זינגען — און שפּעטער־צו אַ גאַנצע ריי אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן נייטיק געמוזט קענען. למשל, אויף אַ מאָל, אַלע אינאיינעם, אַראָפּנעמען און

אַנטאָן דאָס היטל און נאָך אַ סך אַזעלכע תורות. געזונגען האָט מען אויף דייטש, אַפילו ווען מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען דעם פּירוש־המלות. זינגען אויף דייטש האָט מען געמוזט, ס׳איז דאָך אַ דייטשער לאַגער. אין אוישוויץ איז געווען אַפילו אַ בפירושע אַמטלעכע פאַראָרדענונג, וואָס האָט פאַרווערט זינגען אויף פּויליש. און ערשט, ווען די „העפטלינגע״ זענען ווי געהעריק אויסמושטרירט געוואָרן, האָט מען זיי אַריינגעלאָזט אין אמתן לאַגער, ווי שוין צוגעגרייטע צום לאַגער־לעבן און... לאַגער־טויט.

און ווען ס׳איז אַ מאָל געקומען אַ יומא־דפגרא, פריי פון אַרבעט און ס׳איז געשען „כטוב לב המלך״, האָט מען געמאַכט „אַן אַפּעל״, צונויפגע־רופן דעם גאַנצן עולם פאַרשפּאַרטע אין די פינצטערע בלאָקן, מענטשן האַלב־טויטע פון דער גאַנצער וואָך אַרבעט איבער די כוחות, מ׳האָט זיי אויסגעשטעלט אין „ריי און גליד״ — און זיי געהייסן זינגען! דאָס איז גע־טאָן געוואָרן בלויז צוליב דער הנאה וועגן פון די „העפטלינגע״ גופא. ס׳איז דאָך נישט געווען געבונדן מיט קיין שום אַרבעט!

זאָלן זיי אויך געניסן פון דער וועלט און פילן דעם טעם פון אַ פרייען טאָג. שעהנווייז זענען זיי, די „העפטלינגע״, געשטאַנען אונטערן פרייען הימל, סיי אין היץ און סיי אין פראָסט, און כסדר געזונגען און איבערגע־חזרט איינס און דאָס זעלבע זינלאָזע ליד. אויך אין דעם פרייען טאָג האָט מען זיי נישט געלאָזט רוען! אָבער הייסן — האָט עס געהייסן — אַז מ׳טוט מיט זיי חסד, ווייל ס׳איז דאָ אַ בפירושער פּסוק: „מוזיק פאַרטרייבט די זאָרגן, מוזיק פאַרטרייבט דעם טרויער, מוזיק באַנייט דעם גייסט, מוזיק פאַרווײלט אונדז און פאַרקירצט די צייט און מאַכט אונדז אייביק פריילעך״. (זע וועגן דעם ענין די אַמטלעכע אויסגאַבע: Unser Dienst, Juni - Juli - August 1941). און בכלל „אָן געזאַנג קען גאָר נישט געלינגען״, — „Ohne singen mag nichts gelingen!".

דאָס איז אַ פאַרשפּרייט דייטש שפּריכוואָרט, אַזוי צו זאָגן: אַ לעבענס־בעקענטעניש״!

און אַז מענטשן זענען בשעתן זינגען אויסגעגאַנגען אויפן אָרט, אַז מענטשן זענען געפאַלן אין חלשות, אַז דאָס זינגען האָט אַראָפּגעפירט פון

זינגען, האָט דאָס דעם דייטש נישט געאַרט, פאַרקערט, ער איז אַפּנים דער־פון טאַקע צופרידן געווען. אויך דאָס זינגען איז ביי אים געווען איינס פון די הילפס־מיטלען אויף אויסצוראָטן פעלקער. און עס גיבן טאַקע איבער די איבערגעבליבענע ביים לעבן, געוועזענע לאַגעריסטן — און דווקא נישט־ייִדן — אַז דאָס זינגען איז געווען ערגער פון דער ערגסטער שטראָף! און זיי האָבן אויף זיך געבעטן דעם טויט איידער דאָס זינגען. עס האָט אָבער גאָרנישט נישט געהאָלפן. מ׳האָט געמוזט שטיין אין אַ מיליטערישער פאָ־רעם, זינגען צום טאַקט דאָס לאַגער־ליד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַזאַ, למשל, רעפריין: „וויר וואָלען זינגען און פרעליך זיין״.

אָט דערצו האָבן די דייטשן דערפירט די קונסט, וואָס ווערט באַטראַכט ווי די ריינסטע און איידלסטע אויף דער וועלט; די קונסט, וואָס איז פאַר־שטענדלעך אַלעמען, סיי קליין סיי גרויס, סיי אָרעם סיי רייך, סיי איראָפּעער סיי אַזיאַטן; די קונסט, וואָס איז צום מיינסטן מסוגל צו ברענגען צו ברו־דער־פאַראייניקונג, צו לייטערן און דערהייבן דעם מענטשן צו אַ העכערער מדרגה, — די קונסט פון דער געטלעכקייט אַליין!

דערמאָנט זיך נאָר, וואָס ס׳שרייבט וועגן נגינה אונדזער פּרץ („מקוב־לים״, „אַ גילגול פון אַ ניגון״). עס זענען פאַראַן פאַרשידענע מדרגות פון נגינה: אַ ניגון, וואָס באַדאַרף ווערטער, און אַ ניגון אָן ווערטער; אַ ניגון, וואָס מ׳זינגט מיטן מויל און אַ ניגון, וואָס מ׳זינגט מיטן גאַנצן נפש, און אַ ניגון, וואָס מ׳הערט גאָר נאָר אין זיך, וואָס קען דערהייבן דעם מענטשן ביז דער העכסטער התגלות...

נאָר אַ ניגון פון אַ טויטן־לאַגער האָט אונדזער גרויסער דיכטער אַפילו אין זיין דמיון נישט געקענט זיך פאָרשטעלן: דאָס האָבן ערשט די דייטשן דערפונדן! און זיי האָבן אויך אַנטדעקט דעם גרויסן פילאָלאָגישן ווערט פון זינגען פאַר „איבערדערציִען״ גאַנצע האַרטנעקיקע פעלקער!

מוזיק איז דאָך דאָס הייליקסטע פון אַלץ. ווער גיט זיך דאָס נישט אונ־טער דעם איינפלוס פון מוזיק?! אַפילו אויף חיות — לערנט אונדז די שיינע ליטעראַטור און די זאָאָ־פּסיכאָלאָגיע — ווירקט מוזיק. באַ, אַפילו ביי די דייטשן אַליין איז אַמאָל געווען זייער אַ שיין מענטשלעך שפּריכוואָרט:

Wo man singt, da lass dich nieder.
Böse Menschen haben keine lieder!

(ווו מ׳זינגט, דאָרט באַזעץ זיך, ווייל שלעכטע מענטשן זינגען נישט קיין לידער״). נאָר וואָס האָבן די דייטשן געמאַכט פון דעם דאָזיקן שיינעם שפּריכוואָרט? וואָס האָבן זיי בכלל געמאַכט פון זייער אייגענער און פון דער אַלגעמיינער קולטור?

נאָר וואָס איז דער חידוש? ביי אַ פאָלק, וואָס ביי אים „אויסזידלונג״ הייסט טויטן; „קינדערהיים״ — באַדייט אַ קאָלעקטיווער טויט פון קינדער; „אַבהאָלען״ — הייסט דערהרגענען; „ספּעציעל באַהאַנדלען״ — הייסט טויטן דורך גאַז אאַז״וו — ביי אַזאַ מין פאָלק האָט אויך דאָס שפּריכוואָרט באַקו־מען אַן אַנדערן, צביעותדיקן באַדייט, ביי אַזאַ מין פאָלק האָט אויך זינגען געקענט ווערן אַ קללה!

פאַראַן אין פּוילישן זייער אַ גוט ווערטל, וואָס קען זיך גוט צופּאַסן אויף צו באַצייכענען דעם מהות פון היטלעריזם; און מ׳האָט עס טאַקע אין די אָקופּאַציע־יאָרן אַנגעווענדט צו היטלערן: I krew wyssie i rany nie zrobi! (דאָס בלוט וועט ער אויסזאַפּן, נאָר קיין ווונד וועט ער נישט מאַכן!). דאָס קען אויך כאַראַקטעריזירן דעם מעטאָד פון אָנווענדן געזאַנג אין די טויטן־לאַגערן: אַפילו מיט געזאַנג וועט מען אויסזייגן דעם מאַרך פון די ביינער! קראַפּירן וועסטו — אָבער זינגען מוזטו, און דווקא פריילעכע לידער! אָט דאָס איז דער אמתער מיין פון דייטשישן קעפּל צו אונדזער איצטיקן אַרטיקל.

***

יאָ, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט די גאַנצע טעמע צום פּראָבלעם פון ייִדישער קולטור, ייִדישער ליטעראַטור?

ס׳האָט!

ווי אַזוי אַרום?

וועלן מיר דאָס זען פון אונדזערע ווייטערע באַטראַכטונגען, ווען מיר

וועלן זיך באַמיִען צו פאַרענטפערן די פראַגע, וואָס האָבן די ייִדן געזונגען, זייענדיק געצוווּנגען דערצו דורך די דייטשע מוזיק־ליבהאָבער.

מ׳מוז זאָגן, אַז אין דעם פּרט, אין פּרט פון זינגען, זענען די ייִדן געווען פּריווילעגירט כלפּי אַנדערע אומות־העולם, וואָס זענען אויך געווען אונטער־געיאָכט דורכן דייטש. אין דעם פּרט האָבן די ייִדן געגאָסן פון פולשטענדי־קער „אויטאָנאָמיע". זיי האָבן אין אַ גאַנצער ריי פאַלן געקענט זינגען אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי האָבן נאָר געוואָלט! ווייל פאַרן דייטש איז דאָך בכלל די גאַנצע צייט געשטאַנען דאָס וויכטיקע מלוכה־פּראָבלעם, צי מעג אַ ייִד בכלל זיך באַנוצן מיט דייטש, צי מעג ער בכלל קענען דייטש (למשל, אין די שולן, ווען זיי זענען שוין אין אַ געוויסן מאָמענט יאָ דערלויבט געווען אין די געטאָס פון פוילן, האָט מען דייטש נישט געטאָרט לערנען!). ייִדן האָבן נישט געטאָרט לייענען קיין דייטשע צייטונגען, ייִדן האָבן נישט גע־טאָרט שפּילן מוזיק פון דייטשע קאָמפּאָזיטאָרן, אאַז״וו. און אַזוי ווי זינגען האָבן זיי דאָך פאָרט געמוזט („אָן זינגען קען דאָך גאָר נישט געלינגען"), ווייל זיי האָבן דאָך געמוזט אַרבעטן — איז במילא האָבן זיי געמוזט באַקו־מען אַ ספּעציעלן רעפּערטואַר. אין ס׳רוב לאַגערן, אַרבעטס־לאַגערן, קאָנ־צענטראַציע צי פאַרניכטונגס־לאַגערן, האָבן די ייִדן באַקומען ספּעציעלע לידער, וואָס זענען ס׳רוב טאַקע דאָ אין לאַגער אַנטשטאַנען, נישט איין מאָל טאַקע האָבן די ייִדן אַליין זיי געשאַפן. טייל מאָל האָט דאָס פאַר די ייִדן געשאַפן איינער פון די הענקערס, וואָס האָט געהאַט די אַמביציע צו ווערן... אַ דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר! פּונקט ווי אַ צווייטער האָט דווקא געוואָלט ווערן אַ כירורג און... „אָפּערירט" העפטלינגען, צי זיי האָבן דאָס יאָ גע־דאַרפט, צי נישט געדאַרפט. „דער בלינדדאַרם מוז הערויס" — און פאַר־טיק!

כמעט יעדערער גרעסערער לאַגער האָט זיך געהאַט זיין אייגנס אַ ליד, אַ דייטשס, וואָס מיר קענען באַטראַכטן ווי דעם הימן פון דעם דאָזיקן לאַ־גער. אַזוי קענען מיר דעם הימן פון טרעבלינקע, בוכענוואַלד, מיידאַנעק, אאַז״וו. פאַרשטייט זיך, מיר וועלן דאָ נישט ברענגען די לידער אין עקס־טענזאָ. נישטאָ אַזוי פיל צייט, מ׳זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען באַריכות, אי־בעריקנס זענען זיי דאָס אפשר נישט ווערט אויך. אָבער מיר מוזן זיך באַ־

קענען מיט דער „אידעאָלאָגיע" פון די לידער, ווייל אָט די לידער האָבן געזונגען אונדזערע ברידער און שוועסטער זייענדיק אין די לאַגערן. זיי, די לידער, וועלן אונדז איבערגעבן די גייסטיקע אַטמאָספער, אין וועלכער עס איז די ייִדן אויסגעקומען צו לעבן פאַרן אומקום. און אַגב וועלן מיר זען, ווי די ייִדן פירן איין געוויסע קאָרעקטורן אין די דייטשע לידער. דעמאָלט, ווען מען דערלויבט זיי נישט צו זינגען לידער אויף אַנדערע שפּראַכן, צי אייגענע לידער.

אין די דייטשע לידער ווערט, פאַרשטענדלעך, אָפּגעלאַכט פון די ייִדן. זיי ווערט פאָרגעוואָרפן וואָס אין דער קאָרט. אַזוי, למשל, דערציילט דאָס „יודענליד" פון בוכענוואַלד, ווי ייִדן האָבן הונדערטער יאָרן באַשווינדלט די וועלט; די ייִדן זענען די געמיינסטע ראַסע; „איצט טרויערן אונדזערע קרו־מע ייִדננעזער;[10] מיר זענען פאַרשפּאַרט הינטער שטעכלדראָט און מיר מוזן אַרבעטן" אאַז"וו. אין טרעבלינקע ווידער, האָט מען געלויבט די אַרבעט („פיר אונז גיבטס הייטע נור טרעבלינקאַ"), וואָס איז פאַר די ייִדן אַלץ. און דאָס מיידאַנעקער ליד הייבט זיך אָן: „אַוס גאַנץ איראָפּאַ קאָמען וויר, יודען, נאָך לובלין אונד יודענלאַנד", פאַרשטייט זיך, אויף אַרבעט!

אין דאַכאַו ווידער, שאַפט מען אַ כאָר פון ייִדן, וואָס מיט אים דירי־

[10] ס'וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע שטודיע, ווען עמעץ פאַרנעמט זיך מיטן פּראָבלעם די „יודענגאַזע" אין דער דייטשער ליטעראַטור; סיי וויסנשאַפטלעכער, סיי בעלעטריסטישער. מ'וואָלט געקענט ציטירן הונדערטער ביכער, בראָשורן, אַרטיקלען, לי־דער, וואָס האָבן זיך מיט דער טעמע פאַרנומען. די נייצייט פון דער דאָזיקער ליטעראַ־טור וואָלט איך אָנגעהויבן מיטן גרויסן האַוסטן סטעוואַרט טשעמבערליין („די גרונד־לאַגען דעס צוואַנציגסטען יאַהרהונדערט"). און געענדיקט מיט לידער, וואָס די היטלער־יוגנט האָט געזונגען אין אַ לאַגער לעבן צויזמיר אויף „ייִדיש"־דייטש: „ווער קאָממט ריין מיט בלאַטפיססע, מיט קריממע נאַז? דאַס איסט דער יוד אונדז דער מוז ראַאוס! פוי!"... אַזוי האָט געזונגען די דייטשע יוגנט נאָך אין 1943, שוין נאָך די מאַסן־שחיטות פון די ייִדן, צו וואָס זי, די דייטשע יוגנט, האָט בידים צוגעהאָלפן. אַגב, האָט אַ דייטשער געלערנטער דערוויזן, אַז אַפילו די באַרימטע ייִדננאָז איז אויך נישט קיין ייִדישע אָרי־גינעלע „שאַפונג", נאָר זי איז אַ ירושה פון די כעטיטער. די ייִדן זענען דאָך בכלל נישט קיין שעפעריש פאָלק!

גירט געצוווּנגענערהייט דווקא אַ קאַטוילישער גלח, און דער גאַנצער עולם זינגט שעהנווייז דאָס ליד: „אָ, דו מיין יערוזאַלעם״ — דאָס מיינט מען דעם לאַגער!... אַגב, אין דאַכאַו זענען די קאַטוילישע גלחים, וואָס מ׳האָט ספּעציעל אַהער געשיקט (דער עיקר פון פּוילן), געשטאַנען אויף דער נידעריקסטער מדרגה פון דערנידעריגונג, כמעט אויף איין מדרגה מיט די ייִדן... ווייל וויסן דאַרף מען, אַז אַפילו אין די לאַגערן זענען געווען פאַרשידענע שטופעס, שיכטן, פון „העפטלינגע״... נישט אַלע גלייך! אָט דאָס הייסט דייטשע קולטור!

אין לאַגער ברענדאָק (בעלגיע), האָבן ייִדן געזונגען: Wir werden nimmer Breendock vergessen, das Paradies der Juden. (מיר וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן ברענדאָק, דעם גן־עדן פאַר ייִדן״. דאָס דאָזיקע ליד וערט געבראַכט אין באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס ס׳האָט צוגעשטעלט די בעלגישע רעגירונג דעם נירענבערגער אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין משפט קעגן די דייטשע הויפּט־ קריגס־פאַרברעכער. צו וואָס אַ דייטש ליד קען דערגיין!).

מיט וואָס פאַר אַ געמיט די ייִדן האָבן דאָס אַלץ געזונגען — איז פאַרשטענדלעך. איבעריקנס האָבן ס׳רוב ייִדן אַזוי פאַרדרייט די ווערטער, אַז זיי האָבן אַליין גאָר נישט פון דעם פאַרשטאַנען. די יעניקע, וואָס האָבן יאָ געקענט דייטש, האָבן געשאַפן נייע דייטשע לידער מיט וויניקער דראַסטישע ווערטער, וואָס פלעגן פאַרנעמען דעם אָרט פון די אָפיציעלע לידער. אַזוי גיט איבער אויגען קאָגאַן („דער ס. ס.־שטאַט״, זייט 233), אַ וואַריאַנט פון ליד „בוכענוואַלד, איך קען דיך נישט פאַרגעסן״ — האָבן געשאַפן צוויי עסטרייכישע ייִדן, דערונטער לעהנער בעדאַ, וואָס האָט אַמאָל געשאַפן די ליברעטעס צו לעהאַרס מוזיק.

אין אַנדערע לידער פלעגט מען ענדערן ווערטער, זאַצן און עס פלעגט זיך באַקומען אַ גאַנץ אַנדערער מיין.

אָט נעמט דעם טויטן־לאַגער אין סאָביבאָר. דאָ צווינגט מען די ייִדן צו זינגען אַ ליד, מיט אַזאַ מין סוף: (איך גיב איבער דעם דייטשישן לשון, ווי די ייִדן האָבן עס אַרויסגערעדט):

די יודען ציהען אַהין,
זיי ציהען נאָר אַהער,
מאַך די קלאַפּע צו,
דאַן האָט די וועלט רו.[11]

דער זינען פון דעם ליד איז קלאָר. אויב מ׳וועט פאַרמאַכן אַלע ייִדן אין דער גאַזקאַמער און מ׳וועט גוט צומאַכן די קלאַפּע, וועט די וועלט האָבן רו. די ייִדן אָבער זינגען אַן אייגענעם וואַריאַנט פון דעם ליד:

די וואָלקן ציהען אַהין,
זיי ציהען נאָר אַהער,
דער מענטש לעבט נאָר איינמאָל,
און דאַן ניכט מער.[12]

אָבער באַלד איז די דייטשן אין סאָביבאָר נמאס געוואָרן צו פירן דעם קאַמף מיטן „ייִדישן" נוסח פון ליד, און זיי האָבן פאַרלאַנגט פון די ייִדן, זיי זאָלן פאַרפאַסן אַ ליד אין ייִדיש, וואָס זאָל אויסלויבן דאָס לעבן אין סאָ־

[11] דעם זעלבן מאָטיוו געפינען מיר אין אַ ליד וואָס ס׳האָט געזונגען דיווערמאַכט:

קאָממען יודען היין אונד הער,
שמייסט זי איינ׳ס ראָטע מעער!
די וועללע דעקט זי צו,
די וועלט האָט רו!

[12] אין שעדלעץ זינגט אַ גרופּע ייִדישע אַרבעטער אַן אַנדערן וואַריאַנט פון דעם ליד:

„די ייִדן ציִען אַהין און אַהער,
די קריג זאָל דויערן וואָס מער.
די ייִדן האָבן דאָס גאַנצע גאָלד,
זיי האָבן דעם קריג געוואָלט!".

(אלימלך פיינזילבער: „אויף די חורבות פון מיין היים" (חורבן שעדלעץ), תל־אביב, 1952, 179/80). פאַראַן אויך נאָך אַנדערע וואַריאַנטן.

ביבאַר. און דעמאָלט באַווייזט זיך אַ ייִדיש ליד, וואָס מ׳זינגט ביים אַרויס־גיין און צוריקקומען פון דער אַרבעט:

ווי לוסטיק איז דאָך אונדזער לעבן, וואַרי־אַ!
מ׳טוט דאָך אונדז דאָ פיל עסן געבן, וואַרי־אַ!
ווי לוסטיק איז דאָ אין גרינעם וואַלד,
וווּ אַלע ייִדן זיך אויפהאַלטן, וואַרי־אַ, וואַרי־אַ,
וואַרי־אַ...

בעסער דאָך אָרעם און נישט געמיין, וואַרי־אַ,
ס׳איז דאָך אונדז בעסער ווי אין דערהיים, וואַרי־אַ...
ווי לוסטיק איז דאָך אונדזער לעבן, וואַרי־אַ,
אאַז״וו.

אַזוי האָט געזונגען די אַרבעט־קאָמאַנדע אין טויטן־לאַגער סאָביבאָר, די יעניקע וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים שלעפּן די מתים פון דער גאַז־קאַמער אויפן שייטערהויפן, אין אָנבליק פון דעם שיינעם, גרינעם וואַלד, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרדעקן פאַר דער וועלט דאָס, וואָס ס׳קומט דאָרט פאָר: „דאָס אויפהאַלטן זיך פון ייִדן...״.

וואָס האָבן דערביי געטראַכט און געפילט די ייִדן?!

אויך אין אַנדערע ערטער, ווי ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, בפרט אין דער ערשטער צייט, האָבן ייִדן געזונגען אימפּראָוויזירטע לידער, מיט אַ גאַנץ בולטן אַנטינאַציסטישן מיין. אַזוי, למשל, דערציילט אונדז הערש וואַסער אין אַ נאָטיץ פון 5טן יאַנואַר 1940, אָפּגעפונען אין די רינגעלבלום־אַרכיוו (נר׳ 302 ו): „מ׳דערציילט, אַז אין אַשיעמנציני האָבן אונדזערע געהייסן זינגען דעם רב און שיינע בעלי־בתים אין מאַרק, האָבן זיי געזונגען: „זה חליפתי!״. און דער שרייבער פון דער נאָטיץ גיט צו: „אַזאַ פאָלק קען נישט שטאַרבן״.

אַן אומגלויבלעכער, אָבער פאָרט אַ ריכטיקער ביישפּיל פון ייִדישן הומאָר און ייִדישער גבורה אין יענע צייטן.

**
*

אויך אין יאַנעווער לאַגער האָט דער קאָמענדאַנט פּלוצים אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, וואָס האָט פאַרווערט יידן צו זינגען דייטשע לידער, הגם מ׳האָט מיט זיי אַ לענגערע צייט איינגעשטודירט אַ דייטשישן טעקסט. די יידן האָבן אויף באַפעל געמוזט צוטראַכטן נייע לידער, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די עניני־דיומא. עס באַווייזן זיך אייניקע לידער: אין פּויליש, רוסיש, יידיש. צום מייגסטנס האָט זיי געזונגען איינער און דעם רעפריין האָבן אונטערגעהאַלטן אַלע. די דאָזיקע לידער זענען געווען פול מיט ניבול־פּה און זיי לאָזן זיך נישט איבערחזרן, און דווקא דאָס האָט ביי די דייטשן אויסגענומען! אָבער נישט וויכטיק איז דאָך דאָ דער אינהאַלט. וויכטיק איז, אַז דווקא אין יאַנעווער לאַגער האָבן די דאָזיקע לידער זייער פונקציע דער־גרייכט. געמלעך, ביים אַריינגיין אין לאַגער פלעגט מען באַזוכן די יעניקע „העפטלינגע”, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט, צי שמוגלען זיי נישט אַריין עפּעס צום עסן. (אַזאַ איינער איז געשאָסן געוואָרן אויפן אָרט). איז אָט באַ־ווייזט זיך צווישן די יידישע אַרבעטער אַ יונג, אַ כוואַט; יאָסעלע, איז זיין נאָמען. וואַרשיינלעך אַ געוועזענער כלי־זמר פון קאָלאָמיי (זיין פאַמיליע־נאָמען געדענקט מען נישט!). און אָט דער דאָזיקער בחור ווערט דאָס דער פאָרזינגער פון דער גאַנצער בריגאַדע. ער נעמט אַ קעמל, באַדעקט עס מיט אַ ציגאַר־פּאַפּירל און שפּילט וווּנדערלעך שיין אויס פאַרשידענע מעלאָדיעס. „גאַנץ לעמבערג” האָט נאָכגעקוקט און צוגעהערט זיך, בשעת יאָסעלע האָט געשפּילט מאַרשירנדיק מיט זיין בריגאַדע צו דער אַרבעט. די עס־עס־לייט הייבן אים אָן באַוווּנדערן. יאָסעלע נוצט דאָס אויס. דווקא דעמאָלט, ווען מ׳איז צוגעקומען צו דעם טויער און ווען די דייטשע וואַך האָט זיך גע־גרייט בודק צו זיין די יידן, איז יאָסעלע אַריין אין אַזאַ טראַנס, אַז די דייטשן זענען נבהל ונשתומם געוואָרן, זיי זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט און באַ־וווּנדערט די שיינע קונסט פון יידן. פאָרט אַ מוזיקאַליש פאָלק! יאָסעלע האָט זיך געלאָזט הערן, נישט געכאַפּט זיך, אויפגעהאַלטן די דייטשן וואָס לענגער און דערווייל... האָבן יידן באַוויזן אַדורכצוגיין דעם טויער נישט קאָנטראָלירטערהייט. ווער פון זיי ס׳האָט באַוויזן אַדורכצושמוגלען אַ שטיקל ברויט פאַר אַ קראַנקן, ווער אַ שאַרף מעסער, ווער אַ געהיים פּאַפּירל... און

די דייטשן האָבן זיך דערוויל צוגעהערט צו דער שיינער מוזיק... און אונ־דזער יאָסעלע האָט געשפּילט... ער האָט צייט!

אָט אַזוי האָט זיך געבונדן אין יענער צייט ליטעראַטור און קונסט מיט לעבן, מיט דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט.

עיקר שכחתי: איז אויב מ׳וועט אַ מאָל שרייבן די געשיכטע פון גבורה ביי ייִדן אין דער טרויעריקער און פינצטערער צייט, בעט איך נישט פאַר־געסן אָן יאָסעלען פון קאָלאָמיי! אומבאַדינגט!

און וויפל אַזעלכע אומבאַקאַנטע יאָסעלעך זענען אומגעקומען, אַז מיר וויסן אַפילו נישט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען און ס׳איז נישט גע־בליבן קיינער, ווער עס זאָל זייער נאָמען געדענקען און דערמאָנען.

די מיגראַציע פון ייִדישן פאָלקסליד אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

איינס פון די וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע פּראָבלעמען, וואָס בינדן זיך מיטן ליטעראַרישן לעבן אין געטאָ, איז דאָס מיגראַציע־פּראָבלעם פון ייִדישן פאָלקסשאַפן. אַ חוץ דעם וווּנדער אַליין, וואָס אין געטאָ האָט בכלל עקסיסטירט אַ ליטעראַריש לעבן — איבעריקנס נישט נאָר אין געטאָ, נייערט אויך אין די לאַגערן, אין זייערע פאַרשידענע פאָרמען — איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איינס פון די אויסטערלישסטע. עס איז קלאָר: אַ פאָלקסליד האָט דאָן זיין סביבה, ווו ס'אַנטשטייט, פאַרשפּרייט זיך, לעבט דער עיקר מיטן מענטשן וואָס זינגט עס, איז דאָך אַ פאָלקסליד קודם־כל אַ ענין פון תורה שבעל־פּה.

פאָלקסלידער לערנט מען נישט פון קיין בוך — אַלנפאַלס דאָס פאָלק נישט — נישט דעם טעקסט, נישט די מעלאָדיע; ווייל ווער פון דער פאָלקס־מאַסע, צי פון די פאָלקסלידער־דיכטער קען בכלל נאָטן; אַפילו אַזאַ אויס־געצייכנטער דיכטער ווי מרדכי געבירטיג, וואָס האָט אַליין געדיכטעט די לידער און פאַרפאַסט צו זיי די ניגונים, האָט געמוזט אָנקומען צו אַן אַנ־דערן, וואָס זאָל אים די נאָטן פאַרשרייבן.

נו, און אונדזער גרויסער גאָלדפאַדען, דער פאָטער פון דער ייִדישער אָפּערעטע, האָט דען יאָ געקענט נאָטן?!

דעריבער, כדי אַ פאָלקסליד זאָל אַריבער אין אַן אַנדערער סביבה — מוז עס אַריבערוואַנדערן אינאיינעם מיט דעם סוביעקט, וואָס קען עס. אין נאָרמאַלע צייטן — איז עס אַ פאָלקסזינגער, אַ גאַסט, צי אַן איבערוואַנדע־רער, אַ מאָל אַפילו ברענגט אַ ניי פאָלקסליד אין אַ נייער סביבה אַ פּשוטער דורכפאָרער אאַז״וו. איז דאָך דאָס פאָלקסליד, אַפילו ביז די לעצטע צייטן פון פאַר דער מלחמה, נישט געווען באַאיינפלוסט פון געדרוקטן בוך, צי פון גערעדטן וואָרט דורכן ראַדיאָ, צי פון דער סצענע אַראָפּ. די דאָזיקע לי־

דער פון דער סצענע אַראָפּ, פֿאָלקסטימלעכע, האָבן זיך מער פֿאַרשפּרייט, אויפֿגעכאַפּט געוואָרן דורכן „אינטעליגענטערן" עולם, וואָס האָט זיך גע־האַט שוין דערווייטערט פֿון פֿאָלקסשטאַם. צום פֿאָלקסמענטש זענען זיי זעל־טענער דערגאַנגען.

אָבער ווי אַזוי האָט דאָס דאָזיקע ליד געקענט וואַנדערן אין די שווערע געטאָ־באַדינגונגען, ווען פֿון אין זייט האָט דאָס געדרוקטע, צי אַפֿילו פּשוט געשריבענע וואָרט, כמעט ווי נישט עקסיסטירט אין אומגאַנג. מ׳האָט גע־שריבן נאָר פֿאַר זיך (זכרונות, נאָטיצן) אָדער, אין זעלטענע פֿאַלן, פֿאַר די נאָענטסטע וועגן די גאָר וויכטיקסטע נייעסן — אָבער לידער איבערשיקן אויף אַ מרחק? — ווער האָט דאָס געהערט בשעת דער אָקופּאַציע? — שפּע־טער איז דאָך דאָס — צוליב די דייטשישע פֿאַראָרדענונגען — פּשוט פֿיזיש נישט מעגלעך געווען. דאָס זעלבע איז שייך אויך דעם לעבעדיקן פֿאַקטאָר, דעם מענטשן גופֿא, וואָס זייענדיק פֿאַרשלאָסן אין געטאָ, נישט טאָרנדיק פֿאַרלאָזן עס אונטער טויט־שטראָף — האָט ער נישט געהאַט פּשוט די מעג־לעכקייט צו זיין דער פֿאַרשפּרייטער פֿון... ליטעראַטור.

מילא, די ערשטע צייטן פֿון דער אָקופּאַציע איז דאָס נאָך מעגלעך גע־ווען, פֿאַרקערט, עס זענען נאָך אין דעם פּרט אַפֿילו געווען גרעסערע מעג־לעכקייטן ווי נאָרמאַל. קודם־כל, ברענגט דאָך יעדע וויכטיקע פּאָליטישע דערשיינונג — אַן אויפֿלעבונג אין דער פֿאָלקס־ליטעראַטור. די גרויסע דערשיינונגען: אויסברוך פֿון וועלט־מלחמה, איר אומפֿאָרויסזעבאַרער פֿאַר־לויף האָט געפּונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין פֿאָלקסשאַפֿן. און די גרוי־סע וואַנדערונגען, אין די ערשטע מלחמה־טעג און אין אָנהייב פֿון אָקופּאַ־ציע פּרייע, האָבן דערמעגלעכט דאָס וואַנדערן אויך פֿון אַ ליד. דער עולם האָט זיך צו ביסלעך אומגעקערט פֿון די ערטער, ווו ס׳האָט זיי פֿאַרכאַפּט — אין לויף — דער שונא, אין זייערע היימשטעט; דערנאָך איז געקומען די כוואַליע פֿון האַלב־פֿרייע איבערזידלונגען פֿון יידן, פֿון דאָרף אין קליי־נעם שטעטל, פֿון קליינעם אין גרעסערן. וואָס מער יידן — אַלץ זיכערער האָט מען זיך געפֿילט. דאָס אַלץ האָט, פֿאַרשטייט זיך, מיטגעווירקט דאָס ליד זאָל זיך פֿאַרשפּרייטן. אָבער באַלד האָט זיך דער פּראָצעס אָפּגעשטעלט. די געטאָס זענען געוואָרן פֿאַרגליווערט, דאָס באַנוצן זיך מיט דער באַן —

פאַרוואָרט; דאָס פּרייע, באַוועגלעכע לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פון דעסטוועגן זעען מיר, אַז פאַרן יידישן ליד זענען אַפילו אין דער צייט קיין גרענעצן נישט געווען, קיין אָפּשטעל אויך נישט; ווי אַזוי איז דאָס געשען?

אייניקע ביישפּילן וועלן אילוסטרירן דאָס פּראָבלעם:

אין די לאַגערן באַרקי וויעלקיע, קאַמיאָנקע, סטופּקי (טאַרנאָפּאָלער קרייז, געגרינדעט אין מערץ 1942) האָט מען געזונגען דאָס ליד — אין יעדן פון די לאַגערן, הגם זיי ליגן נאָענט פון זיך, אַן אַנדערן וואַריאַנט — „איכה״.

מיר ברענגען קודם דעם קאַמיאָנקער נוסח:

פאַרוואָלקנט דער הימל,
קיין שטראַלן זעט מען ניט;
עס רוישן אַלע גאַסן
ס׳קאַפּעט מיט בלוט.

רעפריין:
איכה — ווי אַזוי?
פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי?
וווּ איז, טאַטע, דיין רחמנות?
ראה, אדוני!

די בתי מדרשים
זיי האָבן אָנגעווירן זייער ווערט;
מען מאַכט פון זיי שטאַלן,
מ׳שטעלט אין זיי אַריין פערד.

רעפריין: איכה...

די הייליקע ספרים
זיי זענען צוקער־זיס;

נחמן בלומענטאַל

מ׳רײסט פון זײ שטיקער
און מ׳וואַרפט זײ פאַר די פיס.

רעפרײן: איכה...

די קלײנטשיקע קינדערלעך
פון דער מאַמעס ברוסט —
מ׳רײסט פון זײ שטיקער
און מ׳וואַרפט זײ אויף דעם מיסט.

רעפרײן: איכה...

מיר שטײען און בעטן
אין קאַמיאָנקער לאַגער דאָרט;
„ייִדן האָט רחמנות,
און לאָזט אונדז אַרויס פון דעם אָרט!"

רעפרײן: איכה...

עס איז בעסער צו עסן
אַ טרוקן שטיקל ברויט,
ווי אײדער צו שטאַרבן
פון דעם לאַגערשן טויט.

רעפרײן: איכה...

פון דעם הימל גיב אַ קוק
און אויף די ייִדן גיב אַ בליק,
לעש שוין אָפּ דאָס פײער
און לאָז שוין זײן געגנוג!

רעפרײן: איכה...

דאָס ליד איז גענוג פאַרשטענדלעך און נייטיקט זיך נישט אין קיין קאָמענטאַרן. עס מאָלט די ביטערע לאַגע פון די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דעם ערשטן פּעריאָד, „בעסערער״, פאַרן אַנטשטיין פון די גאַז־קאַמערן.

די פראַזע „יידן, האָטס רחמנות״ — מיינט דעם יודענראַט; די ערשטע צייט האָט נאָך דער יודענראַט צוגעשטעלט די אַרבעטער אין לאַגער, גע־ליפערט זיי פּראָדוקטן, גרוסן פון דער היים, ער האָט נאָך אויך געהאַט די מעגלעכקייט איבערצובייטן זיי — נאָך אַ געוויסער צייט — אויף אַנדערע.

עס גייט נאָך נישט אָן די פולשטענדיקע אויסראָטונג, אַלנפאַלס די פאַרשפאַרטע אין לאַגער וויסן נאָך נישט פון דעם. פאַר זיי איז נאָך דער יודענראַט אַ מאַכטהאָבער.

אין צווייטן נוסח (2) פון באַרקי זענען פאַראַן קליינע ענדערונגען: דאָס וואָרט „קאַמיאָנקע־לאַגער״ ווערט דאָ, נאַטירלעך, פאַרטראָטן מיט „באַרקער־לאַגער״ און דער אָנהייב קלינגט ריטמישער: „פאַרוואָלקנט די הימלען, מען זעט נישט קיין שטראַל״. אַ חוץ אַ גאַנצער סטראָפע, וועלכע מיר געפינען נישט אין נוסח (1), מיר ברענגען זי דעריבער אין גאַנצן:

צווישן פעלדער און וועלדער
אונטער אַ סטערטע שטרוי
דאָרט ליגט אַ ישראליקל
באַהאַלטן פאַר אַ גוי.

ביידע לידער האָבן מיר איבערגעגעבן געוועזענע לאַגעריסטן פון קאַ־מיאָנקע און באַרקי.

פון דעם רעפריין זענען פאַראַן דריי נוסחאות.

דער צווייטער:

„אחד ווי אַזוי?״ און ווייטער, ווי נוסח 1. „אחד״ — איבערגעהערט פון „איכה״; קען אָבער האָבן אַ זינפולע באַדייטונג אין דעם קאָנטעקסט; „אחד״ — דער אייבערשטער, גאָט, „הד׳ אחד״ זאָגט מען אין דער תפילה.

אין דריטן וואַריאַנט (איבערגעגעבן דורך אַ פריילין, וואָס איז אַליין אין לאַגער נישט געווען) גייט דער רעפריין:

נחמן בלומענטאַל

„און אויב אַזוי,
וואָס זשע שווייגסטו דעם גוי,
ווו איז טאַטע, דיין רחמנות?
אלוהי, אדוני!".

די ענדערונגען זענען גאַנץ נאָרמאַלע און פאַרשטענדלעכע. זיי נעמען זיך דער עיקר פון שלעכט דערהערן צי איבערגעבן דאָס העברעיִשע וואָרט: „איכה". אָבער דער זינען פון ליד בלייבט דער זעלבער און די ענדערונגען, וואָס באַשטייען אין ענלעכקייט פון קלאַנג, האָבן באַקומען זייער תיקון אַ דאַנק דעם, וואָס דאָס נייע וואָרט האָט דעם זינען נישט געשטערט.

דאָס דאָזיקע ליד איז פאַר דער לעצטער מלחמה — אין יענע קאַנטן — נישט געזונגען געוואָרן. ווען מיר האָבן ביי אַלע די, וואָס האָבן אונדז דאָס ליד — **אין אַלע זיינע וואַריאַנטן** — איבערגעגעבן (דריי לאַגעריסטן און דאָס דערמאָנטע פריילין) געפרעגט, ווער האָט דאָס דאָזיקע ליד פאַרפאַסט, האָבן זיי בפה אחד אָנגעגעבן: אַ ייִנגל פון זאַלישטשיק מיטן נאָמען שמחהלע. (אומגעקומען בעתן ליקווידירן די לאַגערן, סוף 1942. איבעריקנס האָט ער געזאָלט זיין דער מחבר פון נאָך אַנדערע לידער, וועלכע, צום באַדויערן — קיינער געדענקט נישט, אַ חוץ איינצלנע פראַזן).

און אָט, אין „ייִדישע קולטור", נר' 5, מאַי 1944 (ניו־יאָרק) דרוקט בער גרין אין זיינע זכרונות וועגן בעסאַראַביע צוויי סטראָפעס און דעם רעפריין פון ליד „איכה" (צי זענען דאָרט מער קיין סטראָפעס נישט באַקאַנט געווען?):

פאַרוואָלקנט די הימלען,
קיין שטראַל זעט מען ניט,
מען ווײנט אין אַלע גאַסן,
עס רעגנט מיט בלוט.

איכה — ווי אַזוי?
פאַר וואָס שלאָגט אונדז דער גוי?

זע, גאָטעניו, האָב רחמנות,
ראה אדוני!

פון דעם הימל גיב אַ קוק,
צו די אוקראַינער אַ בליק,
שטיל־איין דיין צאָרן
און זאָל שוין זיין גענוג.

לויטן מחבר פון די זכרונות האָבן דאָס דאָזיקע ליד „אויסגעדיכטעט" און מיט אַ וויינענדיקן טאָן אויסגעזונגען יידיש־אוקראַינישע בחורים, „בעזשענצעס", וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר די פּעטליורא־פּאָגראָמען אין די יאָרן 1920־1919, פון אוקראַינע קיין בעסאַראַביע.

עס איז קלאָר: דאָס באַרקי־קאַמיאָנקער ליד — הגם עס האָט אין זיך אַקצענטן וועלכע מיר געפינען נישט אין בעסאַראַבער נוסח — איז אַ וואַריאַנט פון בעסאַראַבער, פאַרברייטערט און צוגעפּאַסט צו די „נייע" צייטן. פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אין די לאַגערן? — דאָס וועט אונדז פאַרענטפערן דאָס אָנגעבן פון זאַלישטשיקער יינגל אַלס מחבר פון ליד. עס ווייזט אונדז אָן דעם וועג, דורך וועלכן דאָס ליד האָט געוואַנדערט פון בעסאַראַביע — דורך בוקאָווינע, זאַלישטשיק — אין די לאַגערן פון טאַרנאָפּאָלער קרייז. געהאָלפן האָט דאָ אויך מסתמא דאָס, וואָס די דאָזיקע טעריטאָריע איז אין די יאָרן (יוני) 1939־1941 (סעפּטעמבער) פאַראייניקט געווען אין איין מלוכה (ראַטן־פאַרבאַנד, אוקראַינע).

וואָס זאָגט אונדז דער פאַקט פון אָנגעבן אַ פאַלשן מחבר פון ליד?

קודם־כל: דאָס פאָלק איז נוטה צו באַטראַכטן פאַרן מחבר דעם יעניקן, וועלכן זיי הערן זינגען, צי דערציילן אַ „נייע" זאַך.[13] בפרט אַז דאָס יינגל

[13] פונקט אַזוי גיט מען אונדז איבער געבירטיגס ליד „ס'ברענט, ברידערלעך, ס'ברענט" (פאַרפאַסט 1938), ווי אַ ליד פון אַ „סאָסנאָוויצער יידן, וואָס האָט געלעבט אין אַ זעמליאַנקע. נאָמען אומבאַקאַנט". פאַרשטייט זיך, אַז אין סאָסנאָוויצער נוסח פון ליד זענען פאַראַן געוויסע שינויים אין פאַרגלייך מיטן אָריגינאַל.

איז געווען באַקאַנט אַלס פּאַרפאַסער פון אַנדערע לידער, און דאָס „איכה"־ליד האָט מסתמא ער אַליין אויך טיילוויז געענדערט. צווייטנס, לערנט אונדז דער פאַקט, אַז דאָס ליד איז ביז צו דער צייט טאַקע נישט געווען באַקאַנט אין די קאַנטן, ווי באַלד מ'האָט געמיינט, אַז ס'איז ערשט אַנטשטאַנען אין... לאַגער. איבעריקנס האָט די טעמע און דאָס אַריינפירן אַקטועלע מאָמענטן טאַקע געקענט ברענגען אויפן רעיון, אַז ס'איז אַ ניי ליד.

אָבער דאָס ליד האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין טאַרנאָפּאָלער קרייז. אָט טרעפן מיר אַ נייעם וואַריאַנט ערגעץ וויט פון די מקומות, ערגעץ אַרום ביאַליסטאָק, ווו דאָס ליד ווערט געזונגען אין די אָפּשטאַרבנדיקע געטאָס — סוף 1942 און אָנהייב 1943. און וואָס פאַר אַ ענדערונגען זענען אין לויף פון דער קורצער צייט אין אים פאָרגעקומען! עס בלייבט דער אַלטער לבוש, אָבער דער אינהאַלט איז אין גאַנצן דורכגעווייקט מיט די אַקטועלע פּאַסירונגען. עס רעדט זיך שוין אָפן אי וועגן היטלערן, אי וועגן דייטשלאַנד. שוין נישטאָ וועגן וואָס מורא צו האָבן, סיי־ווי אַלץ פאַרלוירן; קען מען זיך כאָטש קילן דאָס האַרץ מיט אַ האַרבן וואָרט!

אָט איז דער — לאָמיר אים אָנרופן „ביאַליסטאָקער" וואַריאַנט:

פאַרוואָלקנט דער הימל,
קיין שטראַלן זעט מען ניט,
עס רוישט אין אַלע גאַסן,
עס בושעוועט, עס ברענט.

קרבנות רציחות[14]
פון היטלעריסטישע הענט.

רעפריין:

אַך, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי?
האָב, טאַטע, רחמנות!

---

[14] וואַרשיינלעך פעלן דאָ די ערשטע צוויי שורות.

אויפן (פונעם?) הימל גיב אַ קוק,
אויף דייטשלאַנד גיב אַ בליק,
לעש אויס דעם פייער
און זאָל שוין זיין גענוג.

אַלטיטשקע זקנימלעך
מיט די גרויע בערד,
מען שעכט זיי ווי די רינדער,
מען וואַרפט זיי אין דער ערד.

קליינינקע קינדערלעך
פון דער מוטערס ברוסט,
מען שעכט זיי ווי די רינדער,
מען וואַרפט זיי אויף די מיסט.

רעפריין: אַך ווי אַזוי...

מיר שרייען אַריבער
אויף יענער זייט טייך:
האָט אויף אונדז רחמנות
און נעמט אונדז צו אייך.

מיר ווילן זיך בעניגענען
מיט אַ קליין שטיקעלע ברויט,
אַבי נישט צו קריגן
פון היטלערן דעם טויט.

רעפריין: אַך ווי אַזוי...

עס קען זיין, אַז דאָס ליד איז אונדז נישט איבערגעגעבן געוואָרן אין פולן קאָמפּלעט. עס פעלן געוויסע שורות, און אפשר אויך גאַנצע סטראָפעס.

אויב אין טאַרנאָפּאָלער וואַריאַנט ווײנט נאָך דער דיכטער איבער די בתּי־מדרשים, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין שטאַלן; איבער די ספרים, וואָס ווערן פאַרשוועכט... און ער רעדט נאָך וועגן ייִדן, וואָס זאָלן רחמנות האָבן — הערט מען דאָ בלויז דעם שוואַכן רוף צו די יעניקע פון צווייטן זייט טייך (נישט אָקופּירטע לענדער?), וואָס וואָלטן געדאַרפט העלפן.

אין די טאַרנאָפּאָלער לאַגערן האָט נאָך געלעבט ביזן סוף די האָפענונג, אַז מ׳קען זיך אויסקויפן מיט געלט (אַזעלכע פאַלן זענען טאַקע פאָרגעקו־מען) און אַז ס׳איז נאָך נישט „עק וועלט״. די פאַרניכטונג־כוואַליע איז נאָך נישט דערגאַנגען צום באַוווּסטזיין...

אַנדערש איז שוין אין ביאַליסטאָקער וואַריאַנט; דאָ טרעפן מיר שוין נאָר איין טעמע: פולשטענדיקע פאַרניכטונג — סיי אַלט, סיי יונג — אַלץ איז „שמעלץ״, אַלץ איז באַשטימט פאַרן מיסט... און אויב די ייִדן האָבן נאָך עפּעס אַ שטיקל האָפענונג, איז עס... אויף די ברידער (?) פון יענער זייט טייך (ים?); אַ מאָטיוו, וועלכן מיר געפינען אויך אין אַנדערע לידער פון דער צייט. דער רעפריין מיט דער רעטאָרישער פראַגע צום רבונו־של־עולם איז איצט נישט מער ווי אַ נאַיווער ווונטש, אַ שטילע תּפילה, אין וועלכער מ׳גלייבט שוין נישט צו פיל.

ווי אַזוי האָבן זיך די וואַריאַנטן איבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט?

מיר ווייסן, אַז די מענטשן, פון פאַרשיידענע געגנטן, געטאָס — האָבן זיך געטראָפן אין לאַגערן, פון וועלכע ס׳איז זיי געלונגען אָדער זיך אויס־צוקויפן, אין דער ערשטער צייט, אָדער אַנטלויפן און צוריקקומען אין געטאָ. ווערנדיק באַפרייט פון איין לאַגער, איז דער אַנטלאָפענער טייל מאָל, נאָך איידער ער איז דערגאַנגען צוריק צו זיין היימשטאָט — אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטן לאַגער. דאָס איז מעגלעך געווען אין דער צייט פון פאַר „יודען־ריין״ (אין גאַליציע: אַן ערך ביז פרילינג 1943) — ווען ס׳זענען נאָך גע־ווען געטאָס און אין זיי אַ טייל פון די אַמאָליקע ייִדן.

אין די שפּעטערדיקע צייטן (אָנהייב 1944) ווערן שוין די ייִדן, וואָס זענען פאָרט נאָך געבליבן לעבן און האָבן זיך געפונען אין די לאַגערן, חשובער — מ׳דאַרף זיי האָבן ווי אַרבעט־קרעפטן אין די אַלע פאַבריקן, ווו ס׳האָבן ביז דעמאָלט געאַרבעט (אַמוניציע־פאַבריקן אאַז״וו) פּאָלאַקן, וואָס

ווערן אָפּגעשיקט אין רייך אויפן אָרט פון די דייטשן, וואָס גייען אויפן פראָנט. עס פעלן אויס מענטשן — מוז מען אָנקומען צום יידן, וואָס מען לאָזט צום סוף אַפילו אַריין צוריק אין רייך, פון וואַנען מ'האָט אים פריער פאַרטריבן. און מיר זעען אין דער צייט, ווי יידן בשעת אַן עוואַקואַציע פון אַ לאַגער ווערן נישט ליקווידירט אויפן אָרט, ווי פריער, נייערט זיי ווערן טראַנספּאָרטירט ווייטער, אַפילו ביזן סאַמען האַרץ פון דייטשלאַנד, הגם פון אָנהייב האָט מען געצילט „אָפּצושיבן" אַלע יידן פון רייך אויף מזרח! אַפילו אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד גופא האָט זיך נישט געטאָרט געפינען קיין ייד (1941־1942). און איצט קומען פאַר די גרויסע, לעצטע — אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע — יידן־וואַנדערונגען, אין דער צווייטער העלפט פון 1944סטן יאָר. עס פאָרן גאַנצע טראַנספּאָרטן יידן (פון פּלאַשוֹוו, האַסאַג, לעצטן געטאָ־לאַגער לאָדזש און אאַז"וו), אָבער שוין נישט אין די פאַרניכטונג־לאַגערן, נייערט צו אַרבעט (בוכענוואַלד, מאַוטהאַוזען, ראַווענסבריק, קעניגסוווסטערהאַוזען א"אַ). דאָ אויף די נייע ערטער טרעפן זיך ווידער מענטשן פון פאַרשידענע שטעט, לאַגערן — וואָס זענען געווען יאָרן אָפּגעריסן פון זיך — און... גיבן זיך איבער, צווישן אַנדערן, אויך די לידער, וועלכע יעדע פון די גרופּעס האָבן געשאַפן פאַר זיך פריער, ווען זי איז אָפּגעשלאָסן געווען פון דער גאַנצער דרויסנדיקער וועלט — — —

פאַראַן נאָך אַ פאַרמיטלער פון יידישן פאָלקסליד אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע.

אין בעלזשיצע (לובלינער קרייז) — צו אונטערשיידן פון בעלזשעץ, אויך אין לובלינער קרייז, ווו ס'איז געווען דער טויטן־לאַגער, — זינגט מען אָנהייב פון דער צווייטער העלפט 1942 אַ ליד פון... וואַרשעווער געטאָ:

ווּהין זאָל איך גיין,
ווער וועט ענטפערן מיר?
ווּהין זאָל איך גיין?
עס איז פאַרמאַכט אין יעדער טיר.

די וועלט איז גרויס און שיין
נאָר פאַר מיר איז זי קליין.

נחמן בלומענטאַל

ווהין זאָל איך גיין,
הייסט מען מיר בלייבן,
השיבנו נאַזאַד!

די לעצטע סטראָפע איז, קאָנטיק, געשעדיקט.

דאָס ליד האָט גאָר אויסגענומען. מ׳געדענקט נאָך ביזן היינטיקן טאָג דעם רושם וואָס עס האָט געמאַכט, אָבער ווי אַזוי איז דאָס ליד געקומען פון וואַרשע אַזש קיין בעלזשעץ? — וועגן דעם גיט איבער אַן עד־ראיה.

עס האָט זיך אין אַ העלן זומער־טאָג באַוויזן אויף די גאַסן פון בעלזשעצער געטאָ אַן אָרעם, אָפּגעריסן בחורל, געגאַנגען און געוויינט און געזונגען דאָס ליד. דער עולם האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים — מ׳האָט אים מקרב געווען, געהערט דאָס ליד און מיטגעזונגען — — — עס האָט אַלעמען גערירט ביים האַרצן. אַ ליד וועגן... אייגענע צרות.

פון וואַנען זאָל זיך דאָס האָבן גענומען דאָס בחורל פלוצים אין אַ פרעמדער שטאָט? ווער האָט עס אים דורכגעלאָזן דורך די פּאָליציאישע קאָרדאָנען? גאַנץ מעגלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון אַ טראַנספּאָרט, וואָס איז געגאַנגען פון וואַרשע קיין טרעבלינקע אין יענער צייט. ער איז דאָס, הייסט עס, געווען אַ „שפּרינגער" — לויט דער דעמאָלטיקער טערמינאָלאָגיע.

יאָנאַס טורקאָוו איז מעיד אין זיינע „פאַרלאָשענע שטערן" (ב. 2, ז' 104/5) — אין קעגנזאַץ צו אַנדערע — אַז דאָס ליד „ווהין" (וואָס פאַר אַ נוסח?) איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ (וואָס איז בלי ספק!) דורך י. קאָרנטייער (עס ווערט אָבער אויך אָנגעגעבן אַן אַנדערער מחבר).[15]

ווי אַזוי די זאַך זאָל נישט זיין, איז קלאָר, ראשית, אַז דאָס ליד האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין דער תקופה סיי מיטן אינהאַלט, סיי מיט דער מעלאָדיע; והשנית, אַז פון דעם ליד האָבן מיר אַ ריי וואַריאַנטן פון פאַרשידענע מקומות פון יענער צייט. ד"ה נישט געקוקט אויף אַלע מניעות,

---

[15] פאַראַן אויך אַ גראַמאַפאָן־פּליטע פון דעם ליד, וואָס ס׳איז מיר נישט געלונגען צו קריגן, אויפגעשפּילט אין ניו־יאָרק.

וואָס דער דייטש האָט פאַרשאַפט, האָט דאָס ליד פריי געוואַנדערט איבער דער אָקופּירטער טעריטאָריע.

שמערקע קאַטשערגינסקי ברענגט אין זיין לידער־זאַמלונג: „לידער פון געטאָס און לאַגערן", פאָלגנדיקן נוסח פון דעם ליד:

וווּ אַהין זאָל איך גיין,
ווער קען ענטפערן מיר?
אַז מען לאָזט נישט אַריין
און ס'איז פאַרמאַכט יעדע טיר!

דערביי גיט ער צו אַ באַמערקונג: „מחבר — אומבאַקאַנט (וואַרשעווער געטאָ)". ז' 279.

די דאָזיקע טעמע „וווּ אַהין זאָל איך גיין?" טרעט אויך אַרויס ביי היינטיקע דיכטער — פון נאָכן אומגליק אונדזערן. איינער פון זיי גיט אַפילו אַן ענטפער אויף דער פראַגע: „וווּהין?" — מיטן ליד „נישטאָ וווּהין".

אַוווּ איך זאָל זיך נישט געפינען,
אין וואַרשע, אין לובלין.
איך קען נישט פון דיין בראָך אַנטרינען,
מיין פאָלק — נישטאָ וווּהין.

(מאיר זימל טקאַטש: „בלוט שרייט פון דער ערד". לידער. פאַרלאַג מחבר, ניו־יאָרק 1946).

ווי די יידן פון יענער צייט האָבן נישט געהאַט וווּהין צו אַנטלויפן פונעם שונא, אַזוי אויך די איבערגעבליבענע ביים לעבן — האָבן נישט וווּהין צו אַנטלויפן פון זייערן־אונדזערן בראָך, פון דער דערינערונג אין דעם, וואָס ס'איז געשען.

מ. פייגענבוים: „פּאָדליאַשע אין נאַצי־קלעם" (בוענאָס־איירעס, 1953, ז' 120) דערציילט אונדז און גיט אונדז איבער אַ טעקסט פון אַן אַנדער ליד, וואָס ס'האָט געזונגען אַ פּליט פון וואַרשע, אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ, אויפן

וועג פון בריסק דליטא צוריק קיין וואַרשע. אַזוי האָבן וואַנדערער, ייִדן נע־ונדניקעס, געיאָגטע פון גורל, צווישן איין טויט־געפאַר און אַ צווייטער, געבראַכט מיט זיך אויך ייִדישע — אייגענע און פרעמדע — לידער וואָס מ׳האָט אינצווישן־צייט געזונגען. דאָס דאָזיקע ליד איז צום מייִנסטן פאַרשפּרייט געוועזן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, און עס ווערט נאָך ביזן היינטיקן טאָג געזונגען אויף פאַרשידענע נוסחאות דורך דעם קליינעם הייפל ייִדן, וואָס איז געבליבן פון די באַזונדערע מקומות, און עס ווערט גערופן — „דאָס טרעבלינקע־ליד״.

דאָס ליד האָט געוואַנדערט איבער גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן, און אפשר נאָך ווייטער.

אויף דעם ליד „טרעבלינקע״ איז דעריבער כדאי זיך אָפּצושטעלן.

פון צווישן די פיל, פאַרהעלטנישמעסיקע, וואַריאַנטן פון דעם דאָזיקן ליד קען מען דאַכט זיך אויסטיילן — צוויי הויפּט־נוסחאות:

אַ וואַרשעווער נוסח און אַ פּראָווינצער.

עס איז באַוווּסט, אַז דער הויפּט־שטראָם פון ייִדן קיין טרעבלינקע איז געגאַנגען פון וואַרשעווער געטאָ — און אָנגעהויבן האָט זיך עס דעם 22סטן יולי 1942 (ערב תשעה־באָב תש״ב). צו מאָרגנס, ד״ה תשעה־באָב (!) האָט די גאַז־קאַמער אין טרעבלינקע אָנגעהויבן איר אַרבעט! פון אומשלאַג־פּלאַץ אין וואַרשע גייען אָפּ טאָג־טעגלעך טראַנספּאָרטן (ביז סעפּטעמבער פון דעם יאָר: דריי חדשים צייט!) אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג״, צען טויזנט מאַן אַ טאָג!

אָבער באַלד ווערט מען געוווּיר פון אַנטלאָפענע פון די צוגן און פון די פּוילישער באַנערס, וווּהין די טראַנספּאָרטן גייען און וואָס ס׳געשעט מיט די ייִדן. אין זיין בראָשור: „דאָס געטאָ קעמפּט״ (פּויליש), שרייבט דער מחבר, מאַרעק איידעלמאַן, ווי אַזוי מ׳האָט אַרויסגעשיקט פון געטאָ אַ ספּעציעלן מענטשן, איבערגעטאָן פאַר אַן אַריער, געוווּיר צו ווערן וועגן גורל פון די אַרויסגעשיקטע, און ווי אַזוי נאָכן צוריקקומען פונעם שליח — זלמן פרידריך — האָט מען שוין געווּסט, אַז די טראַנספּאָרטן גייען קיין טרעבלינקע און זיי ווערן דאָרט פאַרסמט. שפּעטער־צו קומען אויך צוריק אין געטאָ מענטשן, וואָס זענען געווען אין לאַגער גופא און זיי איז געלונ־

גען מיט נסים אַנטרונען צו ווערן פון דאָרט. מען האָט וועגן דעם געשריבן און געוואָרנט נישט צו שטעלן זיך פרייוויליק צו די טראַנספּאָרטן אין אַ ספּעציעלן נומער „אויף דער וואַך" (נר' 2) און בכלל אין דער אונטערערדישער פּרעסע און אין די אומלעגאַלע אויפרופן פון יידישן ווידערשטאַנד. טרעבלינקע ווערט פון דעמאָלט אָן אַ שם־דבר — אַ שרעק־וואָרט. איז פאַרשטענדלעך, אַז וועגן אָט דעם פאַרניכטונג־לאַגער זינגט זיך דאָס טרעבלינקע־ליד:

טרעבלינקי

אין אַ קליין שטעטל גאַנץ פרי פאַרטאָג,
מענטשן צערודערט, אַ געוויין און אַ קלאָג.
מ'לויפט ווי משוגע האַלב נאַקעט און בלויז,
מ'הערט אַ געשריי: „יידן פון שטוב אַרויס".

זשאַנדאַרמען, פּאָליציי, אוקראַינער פיל,
צו דערמאָרדן די יידן — דאָס איז זייער ציל;
מ'שיסט און מען שלאָגט, אַ מורא, אַ שרעק,
מען טרייבט די יידן צום באַן אַוועק.

שרייבן קען זיך נישט קיין פעדער,
ווי עס דרייען זיך די רעדער,
מען פירט די יידן אויף קידוש־השם
קיין טרעבלינקי, קיין טרעבלינקי.

אונדזערע ברידער פון יענער זייט ים,
זיי קענען נישט פילן אונדזער ביטערן טעם,
זיי קענען נישט פילן אונדזער ביטערע נויט,
אַז אונדז וואַרט יעדע מינוט דער טויט.

נחמן בלומענטאַל

די מלחמה וועט נעמען אַ מאָל אַן עק,
די וועלט וועט דערפאַרן אונדזער אונערזעצלעכע שרעק.
אָנגעפילט מיט ווייטאָג איז דאָס יידישע האַרץ;
ווער וועט קענען היילן אונדזער שמאַרץ?!

טייכן טרערן וועלן רינען,
אַז מ׳וועט אַ מאָל געפינען
דאָס גרעסטע קבר פון דער וועלט
אין טרעבלינקי, אין טרעבלינקי.

טרעבלינקי, דאָרט איז פאַר יעדן ייד אַן אָרט,
ער קומט און בלייבט שוין דאָרט.
ער קומט שוין נישט ווידער.

דאָס האַרץ טוט וויי,
ווי מען טוט זיך נאָר דערמאַנען,
ווי מען טוט אונדזערע ברידער
און שוועסטער פאַרסמען.

די יידישע פּאָליצײ
זיי האָבן אונדז געהייסן וואָס שנעלער גיין.
איר וועט נישט ליידן דאָרט קיין נויט,
איר באַקומט דריי קילאָ ברויט.

דאָס האַרץ טוט וויי
ווי דאָס קינד שרייט צו דער מאַמען,
ווי לאָזסטו מיך איבער,
פאַר וואָס נישט ביידע צוזאַמען.

דער דאָזיקער וואַריאַנט און נאָך איינִיקע אַנדערע זענען פאַרצייכנט געוואָרן דורך פּאַרטיזאַנער, וועלכע האַלטן, אַז דאָס ליד איז געשאַפן גע־

וואָרן טאָקע דורך פּאַרטיזאַנער, בפרט אַז אַ קלענער טייל פון די גרעסטע־וועטע טרעבלינקע־אויפשטענדלער איז צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער און זיי וויל מען דאָס באַטראַכטן פאַר די פאַרפאַסער פון ליד. אָבער אין תוך איז עס נישט אַזוי.

אין טרעבלינקע איז דאָס „טרעבלינקע־ליד" נישט געווען באַקאַנט און ממילא האָבן זיך די טרעבלינקע־אויפשטענדלער און שפּעטערדיקע פּאַרטיזאַנער דאָס ליד אויסגעלערנט ביי אַנדערע.

אָבער ווו איז דאָס ליד יאָ אַנטשטאַנען? כדי צו פאַרענטפערן די פראַגע — לאָמיר נעמען אין באַטראַכט די ענדערונגען, וועלכע ס'פאַרמאָגט אין זיך דער צווייטער הויפּט־וואַריאַנט. ער הייבט זיך אָן:

דאָ הערט מען אַ בלאָקאַדע,
דאָ שטופּט מען זיך נאָך מאַרמעלאַדע,
און מען ווייסט נישט וואָס און מען ווייסט נישט ווען
די גאַסן ווערן לער.

דאָ פאָרן אוקראַינער אויף יידישע ריקשעס...

און ווייטער:

אָט דאָרט נישט ווייט שטייט דער אומשלאַגפּלאַץ אַליין...

אָט די דאָזיקע רעאַליסטישע בילדער־אויסדרוקן (בלאָקאַדע, ריקשע, אומשלאַגפּלאַץ) ווייזן אונדז אָן, אַז עס רעדט זיך דאָ נאָר וועגן איין שטאָט, וועגן וואַרשע. אויך דער סוף פון דעם וואַריאַנט:

„נאָר הערט מיך און איר זאָלט אַהין שוין מער נישט גיין,
איר בלייבט שוין דאָ מיט מיר אַליין".

קען אָנגעווענדט ווערן נאָר צו וואַרשע, ווו די אַקציע פון פירן קיין טרעבלינקע האָט געדויערט חדשים (ביזן 12טן סעפּטעמבער). אין אַנדערע קלע־

נערע שטעט האָט מען אין לויף פון איין טאָג, צי געציילטע עטלעכע טעג — פאַרלאָדעוועט דאָס גאַנצע שטעטל.

פאַראַן אָבער איןביידע וואַריאַנטן נאָך איין געמיינזאַמער מאָטיוו, וואָס באַפעסטיקט די מיינונג, אַז דאָס „טרעבלינקע־ליד" שטאַמט פון וואַרשע, נעמלעך, דאָס צוזאָגן פון צוויי (אין אַנדערע וואַריאַנטן רעדט זיך וועגן דריי) קילאָ ברויט פאַר יעדן וואָס וועט פרייוויליק זיך צושטעלן צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע. דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען קודם־כל אין וואַרשע, ווו דער הונגער איז געווען גרעסער, ווי אין די פּראָווינץ־שטעט. עס שרייבט וועגן דעם י. מאַוולט אין זיינע זכרונות פון וואַרשעווער געטאָ (כתב־יד אין אַרכיוו פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע): „כסדר אַפּישן. מ'רעדט צו אָן אויפהער מ'זאָל זיך פרייוויליק מעלדן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. ס'איז פאַראַן אַפילו אַ פּרעמיע פון דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָגראַם מאַרמעלאַדע פאַר יעדן פרייוויליקן. אונטערגעשריבן דער קאָמענדאַנט פון דער אָרדענונגס־דינסט".[16] (ז' 41). וועגן דעם פאַקט דער־מאָנט אויך עדעלמאַן אין זיין אויבן דערמאָנטער בראָשור (ז' 32). און ווער ס'ווייסט, וואָס פאַר אַ הונגער ס'האָט געהערשט אין וואַרשעווער געטאָ, קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ באַטייט די פּרעמיע האָט געקענט האָבן.

לויט אונדזער מיינונג, איז דעריבער דאָס ליד אַנטשטאַנען אין וואַרשע און דערנאָך אַריבער אין דער פּראָווינץ. די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער (בלאָקאַדע, אומשלאַג־פּלאַץ, ריקשע) זענען פאַרשוווּנדן אין דער פּראָווינ־צער אויסגאַבע און עס האָט זיך באַוויזן דער עפּישער אַריינפיר „אין אַ קליין שטעטל גאַנץ פרי פאַרטאָג" (אין אַנדערע וואַריאַנטן געפינען מיר: „אין אַ פּוילישער שטאָט"). אַזוי הייבן זיך צום מיינסטנס אָן די לידער וועגן אַקציעס... די טעמע איז אַלעמען געווען אַ נאָענטע און באַקאַנטע; דעריבער האָט זיך דאָס ליד געקענט אַזוי גיך פאַרשפּרייטן. ווי עס גיט איבער י. טורקאָוו („פאַרלאָשענע שטערן", ב' 2, ז' 104), זאָל דאָס ליד וועגן טרעב־לינקע האָבן געזונגען אין וואַרשעווער געטאָ ד. זיידערמאַן. (ווען?).

---

[16] אין צווייטן טייל רינגעלבלום־אַרכיוו, אויסגעגראָבן דעם 1טן דעצעמבער 1950, האָט זיך אויך אָפּגעפונען אַ קאָפּיע פון דער אָריגינעלער פאַראָרדענונג.

אָבער ווער האָט געקענט די דאָזיקע טעמע אַריבערברענגען אויף דער פּראָווינץ? בלייבט דערויף דער איינציקער ענטפער: די אַנטלאָפענע פון די טראַנספּאָרטן, די שפּרינגער. דאָס דערקלערט דעם פאַקט, וואָס דאָס ליד ווערט געזונגען נישט ווייט פון דעם טרעבלינקער לאַגער אין מעזריטש און אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ זומער 1943, נאָך פאַרן אויפשטאַנד אין טויטן־לאַגער פון טרעבלינקע. אין די מקומות האָבן זיך קודם־כל אָפּגעשטעלט די אַנט־לאָפענע פון די טראַנספּאָרטן.

II

כעלמנאָ

פערדס־מייערן

ווייפל מ'זאָל נישט לייענען און גריבלען זיך אין די שווידערלעכע געשעענישן פון דער דייטשער תקופה, דאַכט זיך אַלץ, אַז מיר זענען נאָך כסדר אויף דער אויבערפלאַך פון די פּאַסירונגען; אַז מיר האָבן זיך נאָך נישט דערגרונטעוועט צום יסוד — צום קערן. מיר באַשרייבן נאָך אַלץ די אויסערלעכע פאַקטן, מיר שטייען נאָך אַלץ אויף דער פּעריפעריע. צום תוך זענען מיר נאָך נישט דערגאַנגען. און ממילא קען מען נישט זאָגן, אַז מיר האָבן שוין אויפגעקלערט און אויסגעטייטשט דעם דאָזיקן אָפּשניט פון דער מענטשלעכער געשיכטע. און הגם — מ'קען עס נישט לייקענען — די געשיכטע־פאָרשונג האָט אין די לעצטע יאָרן געמאַכט גרויסע טריט אויף פאָרויס און נישט איין סוד אויפגעקלערט — קענען מיר נאָך אַלץ נישט זאָגן, אַז מיר פאַרשטייען דאָס אַלץ וואָס די געשיכטע באַשרייבט אונדז. אמת, מ'קען שוין היינט — פיל וויניקער — אויפשטעלן אַ פּראַגמאַטישע קייט פון די פּאָליטיש־סאָציאַלע געשעענישן; מ'קען שוין אין די באַזונדערע געשעענישן אויסטיילן די וואָרצלען, די סיבות פון זייער אַנטשטיין — מ'קען אָבער בשום אופן נישט זאָגן, אַז די עפּאָכע איז פאַר אונדז קלאָר און פאַרשטענדלעך, ווי יעדע אַנדערע. די דייטשע עפּאָכע (אַזוי מיין איך, דאַרף מען זי אָנרופן) האָט נעמלעך אַרויפגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך פון מענטשלעכן לעבן אַזעלכע פאַקטן, וואָס מיר קענען זיי פשוט מיטן מוח נישט באַנעמען. זיי זענען פרעמד אונדזער פּסיכיק און מיר פאַרשטייען זיי נישט, און איך מיין, אַז דעם שליסל צו פאַרשטיין זיי וואָלט אונדז געקענט געבן נאָר די פּסיכאָלאָגיע פון מענטש, צי גיכער די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע.

און דווקא אויף דעם געביט זענען מיר שטאַרק הינטערשטעליק. פשוט, די דאָזיקע וויסנשאַפט אָפּערירט נישט מיט די נייטיקע טעאָריעס, וואָס זאָלן אונדז קענען פאַרענטפערן די פראַגעס וואָס מאַטערן אונדז. נאָך מער, זי האָט אַפילו נישט אין איר באַגאַזש די נייטיקע באַגריפן, טערמינען. אָט

די נייע פאַסירונגען זענען געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט דער ביז איצטי־קער וויסנשאַפט, אַ מין „טעררא אינקאָגניטאַ". און אויף דעם מאַטעריאַל, וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אונדז צום באַדויערן אין אַזאַ שפע געליפערט, דאַרף עס זיך די מאָדערנע וויסנשאַפט אָנהייבן לערנען, פאָרשן און עווענטועל דערגיין דעם אמת, דעם אמת וועגן מענטשלעכן מהות. ביז די פּסיכאָלאָגיע וועט די פראַגע נישט פאַרענטפערן, וועלן מיר די געשעע־נישן נישט פאַרשטיין. מיט די ביז איצטיקע טעאָריעס לאָזן זיי זיך נישט דערקלערן. די עיקר־פּראָבלעמען פון דער תקופה זענען דאָך פאַר אונדז פון אַ פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער; און זיי לאָזן זיך קודם־כל צוזאַמענגעמען אין דער פראַגע: ווי אַזוי האָט געקענט געשען, אַז אַ פאָלק וואָס איז באַ־טראַכט געוואָרן ווי איינס פון די קולטורעלסטע, זאָל מיט אַ מאָל אַזוי ני־דעריק פאַלן? וואָס פאַר אַ כוחות האָבן זיך דורכגעריסן פון מענטשלעכן אונטערבאַוווסטזיין און אָפּגערוקט אין אַ זייט דאָס אַלץ, וואָס איז אָנגע־וואַקסן אין לויף פון דורות און יאָרטויזנטער און וואָס מיר רופן אָן „קול־טור?" —

און ווייטערדיקע פראַגעס: צי איז שוין פאַר די־אָ פינצטערע כוחות קיין אָפּהאַלט נישטאָ? צי קען מען זיי בלויז איינשלעפערן — אפשר אויף הונדערטער יאָרן — צי קען מען זיי אפשר גענצלעך פאַרטיליקן?

ווער קען היינט געבן אַ תשובה אויף די פראַגעס?

און אַזוי ווי מיר פאַרשטייען נישט און קענען בשום אופן נישט משיג זיין די „געמיטלעכע" שטימונג פון אַ דייטש צי אַן עסטרייכער, וואָס האָט זיך אויסגעלאָדן אין די מאַסן־שחיטות פון פרויען און קינדער, פּונקט אַזוי קענען מיר פון דער צווייטער זייט נישט פאַרשטיין די פּסיכיק פון די, וואָס זענען געווען באַשטימט די ערשטע אויף פאַרטיליקט צו ווערן, די פּסיכיק פון אונדז, ייִדן. איז דאָך אויך דער דאָזיקער מין מענטשלעכע איבערלע־בונגען ביז נישט לאַנג געווען לחלוטין פרעמד דער וויסנשאַפט.

נישט איין מאָל — ווען דו באַקענסט זיך מיט אַ נייעם פאַקט פון דעם מין, בלייבסטו שטיין פאַרגאַפט און פרעגסט זיך אַליין, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען? ווערסט פאַרציטערט פון דעם אומפאַרשטענדלעכן און אי־בערמענטשלעכן.

אָט וועגן איינעם אַזאַ פּאַקט וויל איך דאָ איבערגעבן:

אַן ערך 70 קילאָמעטער פון לאָדזש איז פאַראַן אַ קליין דערפל מיטן נאָמען „כעלמנאָ". דאָס דאָזיקע פאַרוואָרפענע דערפל, נישט ווייט פון שטעטל קאָלאָ, איז נישט געווען באַקאַנט דער ברייטער וועלט. אַ דערפל, ווי טויזנ־טער אַנדערע אין מדינת פּוילן, מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ פּאָר הונדערט נפשות, פּויערים, וואָס האָבן רויִק געוווינט אין זייערע קליינטשיקע שטי־בעלעך, צעוואָרפענע איבער אַ גרויסן שטח, אַזוי אַז פון איינעם צום צווייטן איז געווען אַ מהלך. דאָס דאָזיקע דערפעלע האָט זיך מיט גאָר נישט אויס־געצייכנט — אַ חוץ אפשר מיט דעם, וואָס אין מיטן פּלאַכלאַנד, אויף אַ בערגל, האָט זיך געפונען אַ פאַרלאָזענער און האַלב־חרובער פּאַלאַץ, אַ נישט קיין איבעריק גרויסער און אַלטער, אָבער פּאָרט אַ פּאַלאַץ אין אַזאַ מין פאַרוואָרפענעם העק...

האָבן ייִדישע בחורים און מיידלעך פון די אַרומיקע שטעטלעך ליב געהאַט אַ שבת בייטאָג אַריינצושפּאַצירן אין דעם דערפל, באַוווּנדערן פון דער ווייטנס דעם אַ ביסל מרה־שחורהדיקן און פאַראיינזאַמטן פּאַלאַץ, וואָס האָט ביי די אָנוועזנדיקע אַרויסגערופן אַן אומהיימלעכן געפיל. דאָס דער־מאָנט רינה אָפּאָטשינסקי, די שוועסטער פון ייִדישן שרייבער פּרץ אָפּאָ־טשינסקי, וואָס איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

אין אירע זכרונות פון די קינדער־יאָרן שרייבט זי: „נישט ווייט פון קלאָדאָווע ליגט דאָס דאָרף כעלמנאָ. דאָרט איז פון קדמונים געשטאַנען אַן אַלטער פאַרוואָרלאָזטער פּריצישער שלאָס... מיט אַן ערך דרייסיק יאָר צו־ריק בין איך אַליין דאָרטן געווען אָנקוקן אָט די היסטאָרישע אַלטערטימ־לעכקייטן... מיר האָבן באַטראַכט די בנינים און די חורבות פון אָט דעם פּאַלאַץ, און עפּעס אַן אומהיימלעכקייט האָט אונדז דעמאָלט אַרומגענומען. אין און אַרום שלאָס האָט געהערשט אַ סודותדיקע שטילקייט; אויף מיילן ווייט האָבן זיך געצויגן וועלדער און פעלדער, אָבער אָנשטאָט די נאַטור זאָל אונדז דערפרייען, האָט זי גאָר אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַן אומהיימלעכ־קייט. מיר האָבן זיך נישט געקענט דערקלערן די סיבה דערפון. מיר זענען פון דאָרטן ווי אַנטלאָפן און איטלעכער פון אונדז מיט עפּעס אַ שווער גע־פיל"... (פּרץ אָפּאָטשינסקי: „געזאַמלטע שריפטן", ניו־יאָרק 1951, ז' 28).

און אַט דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם העק, וואָס קיינער האָט פון אים נישט געוווּסט און נישט געדענקט אים, אַפילו רינה אָפּאָטשינסקי האָט זיך אין אים דערמאָנט... לאחר המעשה! איז באַשערט געוואָרן צו ווערן וועלט־באַרימט, צו ווערן אַ נייער באַגריף אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַ נייער טערמין אין אונדזער קולטור־געשיכטע!

אַפנים, די אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור — פון אונדזער גייסטיקער און מאָראַלישער וועלט, גייט נישט מיט קיין גלייכן וועג באַרג־אַרויף, נייערט באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף, אַרויף און אַראָפּ — און די עפּאָכע פון כעלמנאָ איז אַזאַ מין קאַטאַסטראָפאַלער באַרג־אַראָפּ...

ווייל כעלמנאָ איז געוואָרן דאָס אָרט, וווּ ס'איז געעפנט געוואָרן דער ערשטער טויטן־לאַגער אין דער וועלט; כעלמנאָ האָט אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע, די עפּאָכע פון טויטנלאַגערן און מאַסן־פאַר־גאַזירונגען פון גאַנצע פעלקער!

כעלמנאָ, אויף דייטש: קולמהאָף, האָט מיט העכער דריי חדשים מקדים געווען דעם צווייטן נעכסטן אין צייט פאַרניכטונג־לאַגער בעלזשעץ, און מיט העכער אַ האַלבן יאָר דעם דריטן נעכסטן לאַגער — טרעבלינקע. כעלמנאָ האָט אָנגעהויבן איר פּראָדוקציע שוין אין אָנהייב דעצעמבער 1941!

און ווער ס'ווייסט, וואָס פאַר אַ ראָל ס'שפּילט די צייט — דווקא אין אונדזער צייטאַלטער, — וועט וויסן ווי אַזוי אָפּצושאַצן דעם דאָזיקן פאַקט.

פאַר וואָס עפּעס דווקא דאָס אָרט האָבן די דייטשן אויסגעקליבן פאַר אַ פאַרניכטונג־שטעלע? ווער ווייסט דאָס?! אפשר טאַקע האָט דאָ דעצידירט די ראָמאַנטישקייט פון אָרט, די אָפּגעזונדערטקייט, די שטילקייט פון פאַר־לאָזטן פאַלאַץ, די שיינע אָבער איינטאָניקע און שטילע מענטשן־פרייע נאַ־טור... די דייטשע נאַטור, די דייטשע פסיכיק איז זייער פילבאַר, עמפינד־לעך אויף אַזעלכע זאַכן...

גאַנץ מעגלעך, אַז פאַרן פשוטן מענטשן איז דאָס געאָגראַפישע כעלמנאָ נישט מער ווי אַ נאָרמאַל, געוויינטלעך אָרט, ווי יעדעס אַנדערע, אָבער ווען מ'קלערט מיט קאַטעגאָריעס פון מענטשן־פאַרניכטונג, מיט קאַטעגאָריעס פון גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, איז כעלמנאָ אַפנים אַ מין התגלות, אַ מין גן־עדן מיט אַזעלכע סגולות, וואָס קיין געוויינטלעך אויג איז נישט

מסוגל עס אויפצוכאַפּן, פּשוט עס דערזען. און אַז ס׳איז וואַרשיינלעך טאַקע אַזוי געווען, באַווייזט אונדז אַ צווייטער ביישפּיל פון דעם זעלבן מין:

העס, דער באַרימטער גרינדער און ערשטער לאַנגיאָריקער (העכער דריי יאָר) קאָמאַנדאַנט פון לאַגער אוישוויץ, דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי ס׳איז געקומען צו אים קיין אוישוויץ אַדאָלף אייכמאַן, דער גרויסער רע־אַליזאַטאָר פון פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק; זיי ביידע, העס און אייכמאַן, האָבן גערעדט וועגן דעם פּראָבלעם, שפּאַצירנדיק איבער די פעלדער אַרום לאַגער אוישוויץ 1. און פּלוצים האָט אייכמאַן דערזען — פון דער הויך פון דער באַן־בריק — אַ שיין, רויק און קליין בערעזע־וועלדל, וואָס צווישן דער שטאָט אוישוויץ (אָשוויענטשים) און דערפל, וואָס טראָגט טאַקע דעם נאָמען פון דאָזיקן וועלדל, בזשעזינקע (פון „בזשאָזע" — אויף יידיש „בע־רעזע"). און אָנווייזנדיק אויפן דאָזיקן ראָמאַנטישן ווינקל, האָט אייכמאַן אויסגערופן: „דאָס איז עס, עורעקאַ!" געפונען דאָס, וואָס זיי ביידע האָבן געזוכט, זייער טרוים איז אַזוי אַרום דערפילט געוואָרן...

אויף דעם אָרט זענען אויסגעבויט געוואָרן אין אַ שנעלן טעמפּאָ פיר ריזן קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן פאַרשלונגען, ווערטלעך, מיליאָנען מענטשן... און דאָס אָרט איז באַרימט געוואָרן אין דער געשיכטע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — אונטערן נאָמען: Birkenau; אַמטלעך האָט עס געהייסן אַ געוויסע צייט An [Auschwitz] II, וואָס האָט מיט דער צאָל קרבנות ווייט־ווייט איבערגעשטיגן דעם הויפּטלאַגער אוישוויץ 1! אָבער צוריק צום ענין.

ובכן, כעלמנאָ!

אַט דאָס דאָזיקע מקום האָט זיך דער דייטשער מאַכט פאַרגלוסט אויסצודערוויילן פאַר אַן אומקום־אָרט פאַר די יידן פון לאָדזש און דער אַרומיקער געגנט. געבראַכט האָט מען אַהער די יידן דער עיקר מיט אויטאָס, אַריינגעפירט אין אַ פּאַלאַץ, געהייסן זיי זיך אויסטאָן און גרייטן זיך צום באָד. תיכף נאָך דעם האָט מען די מענטשן פאַרטריבן אין אַ פאַרמאַכטן לאַסט־אויטאָ (אַ״ג „גאַזוואָגן") און זיי געפירט „צום באָד אין וואַלד". ווען די מאַשין איז אַהין פאַרפאָרן, זענען שוין די מענטשן געווען טויט. אויפן

ווען האָט זיי דער גאַז פון מאָטאָר פאַרסמט! אויף אַזאַ אופן זענען אומגע־קומען אַן ערך פון אַ צוויי הונדערט פופציק טויזנט יידן!

און דאָס שענסטע און אָריגינעלסטע פאַר דער דייטשער פאַרניכטונגס־וויסנשאַפט איז דאָס, וואָס אין כעלמנאָ איז בכלל קיין לאַגער נישט געווען. נישט קיין באַראַקן צו וווינען, נישט קיין „אַרבעט־קאָמאַנדאָס״. דאָ האָט אַ געבראַכטער ייד געלעבט אין גאַנצן אַ צען־פופצן מינוט און שוין האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין אַ מאַסן־קבר און שפּעטער געבערנט אויף אַ שייטערהויפן אונטער דעם פרייען הימל!

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, האָט די דייטשע מאַכט — לויט איר שטייגער — אַלץ פאַרברענט, פאַרניכטעט אַפילו דעם אומשולדיקן פּאַלאַץ, ווו יידן האָבן זיך אויסגעטאָן; פאַרגלעט, פאַרווישט אַלע שפּורן פונעם פאַרברעכן. נישטאָ און נישט געווען קיין טויטנלאַגער. לא היה ולא נברא, אַלץ איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך! גרויל־פּראָפּאַגאַנדע!

און אָט איז געקומען די צייט, ווען מיט דעם דאָזיקן טויטן־אָרט האָט זיך פאַראינטערעסירט, שוין נאָך דער באַפרייונג, די פּוילישע מאַכט און אַן אויספאָרשונג־ריכטער האָט אָנגעהויבן צו דערגיין דעם אמת. מ׳האָט אָנגעהויבן צו גראָבן אין די הויפנס מיסט וואָס זענען דאָרט געבליבן, אין די פאַרשאָטענע קברים און מען האָט געפונען אַ גאַנצע ריי זאַכן, אַן ערך פון אַ צוועלף טויזנט פאַרזשאַווערטע לעפל, האַלב־פאַרברענטע פּריוואַטע דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס און פאַרשידענע אַנדערע שטוב־חפצים. דאָס אַלץ וואָס מ׳געפינט, אייגנטלעך, אין יעדן דייטשן טויטן־לאַגער; זיי האָבן דאָך שוין זייער נוסח!

און אָט באַקום איך די געלעגנהייט אָנצוקוקן דעם הויפן שמות און דעם באַרג פאַרשימלטע און פאַרזשאַווערטע לייכטער, שערלעך, מעסערס אאַז״וו. איך קוק זיך צו צו די שמות: ס׳רוב פּאַפּירן נישט איבערצולייענען, פאַרסמאַליעטע, צעריסענע... מ׳קען נאָר כאַפּן אַ וואָרט, אַ פּאָר ווערטער, אַ נאָמען — אין דייטש, אין פּויליש, אַ מאָל אין יידיש. און אָט דערזע איך דריי בייגעלעך פּאַפּיר פון אַ לינירטן העפט. די בריגעס אָפּגעהאַקטע, די קאָרטלעך באַדעקט מיט געלע פלעקן פון שימל און טייל ערטער געלעכערט. און פון דעסטוועגן לאָזט זיך דאָס געשריבענע (מיט אַ בלויען כעמישן בליי־

פּעדער) כמעט אין גאַנצן אַדורכלייענען. און איך ווער דערציטערט: אַ ליד, צי אפשר גאָר אַ גאַנצע פּאָעמע (פינף זייטלעך פאַרשריבן!). נישט וויכטיק איז דאָ דער אינהאַלט פון דעם ליד, נישט וויכטיק ווער עס האָט עס געשריבן; דער פאַקט אַליין פון געפינען אַ יידיש ליד אין טויטן-לאַגער פון כעלמנאָ איז אַזאַ אויסטערלישער, אַז מיר בלייבן שטיין, ווי פאַר עפּעס אומהיימלעכס, נישט מענטשלעכס! און היינט, ווען מ׳לייענט נאָך דאָס ליד איבער!

נאָר לאָמיר געבן קודם-כל אַן אָרט דעם אומבאַקאַנטן דיכטער פון טויטן-לאַגער כעלמנאָ:

פ ע ר ד ס מ י י ר ן

אויף די פעלדער נעבן האָהענזאַלצאַ שטיל און בעשיידן,
האָבן פּערדס מיירן געוואַקסן רוהיג און צופרידן.
נישט קיינעם געשטערט,
געוווּסט דאָס זיי זענען נאָר אַ מאכל פאַר פערד.
נישט געחלומט פין הויכע זאַכן,
מ׳זאָל פין זיי בעסערע פּאָטראַוועס מאַכן,
קומען אויף אַריסטאָקראַטישע טישן
די „איידעלס מענשן״ צו זעטיקן און דערפרישן
אַפילו נישט צי בענוצן צי אַ לעקיך, קוגעל אָדער צימעס,
דעריבער נישט געהאַט צו קיינעם קיין תרעומות.
מיטן גורל געמאַכט שלום,
בעשאַפן געוואָרן צו פראָסטע מאכלים,
צו פערשטיפן די מעגן פון פערד,
און זיך געפרוכפערט אויף דער ערד.
אין אַ פרימאָרגן, די זון האָט גענומען אויפשטיינען,
ערוואַכט האָבן די מיירן פול שטוינען,
דערזען אין געשלאָסענע רייהען אַ גרויע עולם
מיט קילאָף און לאָפּעטע, אַלערליי אַרבייטס-כלים.

נחמן בלומענטאַל

ס׳גייט אַן אַרבייט, מ׳גראַבט, מ׳שיט ליים, שטיינער, ערד,
ס׳שלעפּן די לאַסטן לאָקאָמאָטיוון, זייער פּייפן ווייט זיך הערט.
די מענטשן־מאַסע פון ברוטאַלע שומרים ווערן געהיט,
וועלכע שילטן,אונרחמנותדיק שמייסן ביז בליט.
די מיירן האָבן געקוקט תמעוואַטע און נישט פאַרשטאַנען
וואָס איז דאָס פאַרע אַרבייט, פאַרע פּלאַנען?
געוואַקסן בהרחבההדיק און גרויס.
זייערע גרינע קעפּ מיט גאווה געוויזן אַרויס. —
ביז איין מאָל דערשפּירט, מ׳טוט זיי רייסן,
דערפילט פון מענטשליכע ציין דאָס בייסן,
געווינדערט זיך: וואָס איז דאָ געשען?
מיר זענען אַ לעגומינע פאַר בהמות געווען,
און יעצט, מענטשן וואָס גרויסן זיך און קליגן,
שלינגען מיט אַפּעטיט און טוען זיך קריגן,
יעדער וויל אונז וואָס מער האָבן
וואָס פאַרע ענדערונג איז עס פאַרגעקומען אין לעבן?
דערהערט דאָס שמיסען פון די מענטשן־בהמות...
דאָס זענען קאָנסעקווענצן פון גרויסע מלחמות,
וואָס האָבן זייערע בלוטיקע פליגעל צעשפּרייט, —
אויף דער וועלט שנאה, נויט און פּעסט געזייט...
אַז מ׳הונגערט וויל ער גאָר נישט וויסן,
אַ פערדס מייער טוט מ׳פערבייסן,
זיי האָבן דעריבער געטוין שטאָלצירן,
אַז זיי זענען אַ וויכטיקע פּראָדוקט געוואָרן,
מ׳עסט, מ׳קאָכט זיי אויף פאַרשידענע אַרטן,
זיי שמעקן בעסער ווי קוכן און טאָרטן.
מ׳ברענגט זיי טראָץ שטרענגע פאַרבאָטן,
מ׳שמוגלט זיי אין לאַגער אַריין כאָטש שטרענגע וואַך־מענער היטן,
אין טונקעלן פאַרטאָגס, אין פינסטערן אָוונט דורך די דראָטן —
האַלב פערפוילט שלינגט מ׳זיי און מ׳טוט בראָטן,

ס׳שרעקט נישט קיין דראָהונג פון הענגען, שיסן,
מ׳כאַפּט זאָגאַר פאַר אַלע מלקות אויפן בלויזן...
אַלע עקזעקוציעס נישט שטערן,
צי קלאַוועס גאַנצע זעק מיירן...
(און ווער ס׳ברענ)גט פון קאָפּיעץ ווערט געאַכטעט, געשוו(ינט)).
אַלס מוטיקן העלדישן „יאַט״ געקרוינט,
דעריבער פאַר די גרויסע ווינדער
האָבן די מיירן יעדער בעזינדער
מיט אַ הייסע תפילה געדאַנקט נישט בלויז דעם בעשעפער פון דער וועלט,
נור דעם בערימטן אַכזריותדיקן העלד...
דעם „שטיוועל״ דעם מכלומרשטן קולטור טרעגער פון אייראָפּע...
וואָס האָט פערפּלייצט אַ גיפטיקע ראָפּע...
דעם מאָדערנעם טיראַן פון עמלקישן שטאַם —
וואָס פאַשעט זיין פאָלק מיט „ערזאַצן״ און סם...
דעם שעפער פון די ערדישע גיהנומס אלאַ סמאל, —
וואָס וויל פערטיליקן דאָס פאָלק ישראל.
דערפאַר ווייל ער האָט זיי אויף אַזאַ מדרגה דערהויבן,
די מיירן לידער פאַר אים זינגען אין לויבן.
דערהערט דאָס האָט דער טייוול חוזק געמאַכט
און זיך ציניש בּרייט צעלאַכט —
כאַ, כאַ, כאַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָנקורענט?
כ׳מוז אים נאָר נעמען אין מיינע הענט!
לאָמיר נאָר דעם „העכט״ כאַפּן
האַ, האַ, וועל איך אים מיט מיין פערדישע קאָפּיטעס אויף מיין
נוסח אויסקאַלפּן.
דער טייפעלשער מאַיעסטעט בכבודו ועצמו טוט אויף זיין פאַנג לויערן...
ווער ווייס ווי לאַנג ס׳וועט נאָך דויערן???
אויב „מעפיסטאָ״ האָט געקענט דעם גרויסן געטהע בעזיגן
(וועט ער אויך) דעם ליגענסגענאָסע אין זיין נעץ קריגן...

האָהענזאַלצאַ, 27.2.1942

מיר האָבן געבראַכט דאָס ליד אין דער נישט געענדערטער אָרטאָגראַפיע. דער מחבר שרייבט: „פין״ (פון), „צי״ (צו), „אין״ (און) אאַז״וו. דאָס וויגציקע אין די קלאַמערן דערגאַנצט דעם פעלנדיקן טעקסט.

איצט לאָמיר זיך פאַרקלערן וועגן אינהאַלט פון ליד.

דאָס ליד נייטיקט זיך נישט אין קיין ספעציעלע הערות. אַלץ איז קלאָר, אפשר דער איינציקער זאַץ, וואָס נייטיקט זיך אין אַ קאָמענטאַר, איז דער פסוק: („און ווער ס׳ברענ)גט פון קאָפּיעץ, ווערט געאַכטעט, געשווינט, אַלס מוטיקער העלדישער יאַט געקרוינט״ (אין אָריגינאַל טעותדיק „מוטיקן״), וואָס מיינט, לויט אונדזער אויפפאַסונג, אַז דער יעניקער וואָס קלאַַּבט די פערדס־מייערן נישט פון פעלד, ווי אַנדערע, רייסט אַרויס די מייערן נישט פון דער ערד, נייערט נעמט פון גרייטן, וואָס איז שוין אָנגעזאַמלט אין אַ הויפן, סטויג (אין פויליש — „קאָפּיעץ״) איז אַ העלד, אַ יאַט! ווייל קודם־כל דאַרף ער נישט זוכן אין פעלד, רייסן פון דאָרט די מייערן, אַרבעטן דערביי, צווייטנס — ווערט דאָך דער קאָפּיעץ זיכער בעסער געהיט, ווי די מייערן אין פעלד; דער קאָפּיעץ איז אָדער פאַרצוימט, אָדער עס שטייט אַ ספעציעלע וואַך ביי אים אאַז״וו. די מייערן פון קאָפּיעץ זענען דאָך גרייט אָפּגעשיקט צו ווערן אין רייך צי אין אַנדערע מקומות אויף צו פאַשען דייטשע פערד! דאָס איז דאָך דייטשישער מלוכה־אייגנטום!

קומט דעריבער אַ באַזונדערע לויב דעם יעניקן, וואָס וואַגט צו נעמען פון קאָפּיעץ הויפנווייז.

אַ צווייט פויליש וואָרט „לעגומינע״, פאַרלאַנגט אפשר אויך אויסגעטייטשט צו ווערן, דאָס באַדייט אַ „צימעס״, אָדער ווי מ׳האָט עס גערופן אין גאַליצישן יידיש: „צושפייז״.

עס איז קלאָר, אַז דאָס ליד איז אַ סאַטירע און דאָס מיט אַ גאַנץ בולטער פאָליטישער טענדענץ: אין פעלד וואַקסן פערד־מייערן, געוויקסן, מיט וועלכע מ׳פיטערט פערד. זיי וואַקסן זיך רויק מכמה יאָרן — און זענען פון זייער גורל צופרידן; זיי זענען דאָך אַ מאכל פאַר פערד.

אומגעריכט באַווייזט זיך אין דער דאָזיקער געגנט אַ מחנה מענטשן, וואָס אַרבעט שווער אונטער דער השגחה פון שלעכטע שומרים, וואָס שמייסן ביז בלוט. פלוצים דערפילן די פערד־מייערן, אַז ס׳קייען זיי גאָר מענטש־

לעבע ציין. זיי ווייסן נישט, וואָס איז דאָ געשען? זיי דערהערן אַ שמועס צווישן מענטשן און זיי ווערט אַלץ קלאָר: אויף דער וועלט איז אַ הונגער און מענטשן ראַטעווען זייער נפש מיט עסן פערד־געוויקסן, הגם זיי ווערן נאָך דערפאַר געשלאָגן. מ׳שמוגלט, מ׳גנבעט די מייערן דורך די דראָטן אין לאַגער, ווו עס זיצן יידן, נישט געקוקט דערויף, וואָס פאַר אַזאַ פאַרברעכן שלאָגט מען, „מלקות אויפן בלויזן״.

צוליב דעם וואָס די פערד־מייערן זענען אַזוי נתעלה געוואָרן, געוואָרן אַ מאכל פאַר מענטשן — ווערן זיי ביי זיך גרויס און הייבן אויף אַ לויב־געזאַנג צום רבונו־של־עולם, דער עיקר אָבער צו דעם יעניקן „שטיוול״, וואָס האָט דאָס אַלץ גורם געווען. דערהערט די כבוד־געזאַנגען לכבוד דעם „פּי־רער״ (ס׳איז גאַנץ קלאָר אַז אים מיינט דער מחבר), ווערט דער טייוול אויפגעבראַכט, וואָס מ׳לויבט אָנשטאָט אים — זיין קאָנקורענט, און ער שווערט נקמה צו נעמען אין זיין קעגנער. אָבער ווער ווייסט, ווען דאָס וועט געשען?

נאָר דער דיכטער איז זיכער, אַז מעפיסטאָ וועט געלינגען צו כאַפּן אין זיין נעץ דעם קאָנקורענט, דעם „ליגענסגענאָסע״, און אים אויסקלאַפּן מיט זיינע פערדישע קאָפּיטעס.

אַגב, ווען איך האָב מיט העכער פופצן יאָר צוריק (1948) פאַרעפנט־לעכט דאָס דאָזיקע ליד, האָב איך אייניקע שטעלעס נישט געקענט אי־בערלייענען און די לעצטע צוויי שורות כלל נישט אַנטציפערט, פון וואָס ס׳איז נישט גאַנץ קלאָר געווען די אידעע פון ליד, וואָס האָט דעריבער פאַר־לוירן אַ סך פון זיין פּרעציזקייט און דער גאַנצער ליטעראַרישער עפעקט פון סוף־ליד איז ווי פאַרשוווּנדן: און ווידער אַ וווּנדער, נאָך פופצן יאָר — איז מיר דווקא יאָ געלונגען צו אַנטציפערן דאָס גאַנצע ליד. הגם דער אָרי־גינאַל האַלט אין צעפאַלן זיך. מיר ברענגען דעריבער דאָ דאָס ליד צום ערשטן מאָל אין זיין גאַנצן, פולן טעקסט. די צוויי קליינע בלויזן, אויסגע־ריסענע שטעלעס פון טעקסט, דערגאַנצן מיר אין די קלאַמערן מיט אונדזע־רע ווערטער, וואָס זענען — מיינען מיר — ווי געצומען פונעם אָריגינאַל.

צי איז דאָס ליד אַ קונסט־ווערק? איך האָב שוין איין מאָל געזאָגט, אַז „טרעבלינקע״, „סאָביבאָר״, צי אין דעם פאַל „כעלמנאָ״ — זענען ליטעראַ־

רישע קריטעריעס. עס געניגט, אַז מיר זאָלן וויסן, אַז אַ געוויס ווערק איז געשאַפן געוואָרן אין אַ טויטן־לאַגער דורך אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אין די גרעסטע נויטן אויפן ראַנד פון טויט (און טאַקע נישט געבליבן לעבן!), כדי מיר זאָלן אויף דעם ווערק קוקן ווי אויף אַ גרויס מייסטערשטיק. עס רופט אַרויס ביי אונדז יידן, אָדער ריכטיקער געזאָגט: ביי די יעניקע, וואָס זענען צופעליק ניצול געוואָרן פון מבול — אַזאַ שלל פון געדאַנקען־אַסאָ־ציאַציעס, אַזאַ כוואַליע פון עמאָציעס און צוגלייך אַ מין מאָראַלישע דער־הויבונג, וואָס נעמט זיך פון דער דערקענטעניש, אַז אויך אין דעם גיהנום האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף פונקען פון — מענטשלעכקייט, צי אַפילו אי־בערמענטשלעכקייט — אַז זעלטן ווען אַן אמת קונסט־ווערק קען עס דער־גרייכן.

צוריק געדעדט, אַן „אמת־קונסטווערק" איז דאָך נישט אַליין פאַר זיך אַ „קונסטווערק". ס'רוב ווערט עס ערשט אין אונדזערע אויגן אַ קונסטזאַך, ווען מיר פאַרגלייכן עס מיט אַנדערע ווערק, ווען מיר שטעלן עס אַריין אין דער געהעריקער צייט און רוים, ווען מיר נעמען עס אויף אויסער — אַזוי צו זאָגן, — זיך אַליין, און קניפּן אין דעם אָן דאָס, וואָס מיר וויסן וועגן מחבר, זיין לעבן, דער צייט ווען דאָס ווערק איז אַנטשטאַנען, דעם דעמאָלטיקן קולטור־מצב, דעם אופן, ווי אַזוי ס'איז אַנטשטאַנען אאַז"וו. מערסטנטייל דעצידירן אָט די מאָטיוון מער, ווי די ריין ליטעראַרישע פאַר־מעלע קריטעריעס אַליין. מעסטן אַ ווערק, וואָס איז אַנטשטאַנען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע מיט די ליטעראַרישע מאָסן פון פאַר דער מלחמה — איז נישט שייך; פונקט ווי מיר קאָנען נישט אויסמעסטן די דייטשע פאַר־ברעכנס מיט די פּאַראַגראַפן פון אַ נאָרמאַלן שטראָף־קאָדעקס... אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך.

אין אונדזער פאַל, אַפילו מ'זאָל צוגיין מיט „נאָרמאַלע" ליטעראַרישע קריטעריעס, וואָלט מען אויך געמוזט פּאָזיטיוו אָפּשאַצן דאָס ליד „פּערדס־מייערן". קודם־כל אַן אינטערעסאַנטער סוזשעט, אַ מין פאַנטאַזיע, וואָס שפּיגלט אָבער אָפּ דאָס רעאַלע לעבן פון די יידן אין די דייטשע אַרבעט־לאַגערן. און היינט, דער נייער קאָנקורענט פאַרן טייוול. זייער אַ געלונגע־נער איינפאַל דער „ליגענסגענאָסע", וואָס פּאַשעט זיין פאָלק מיט ערזאַצן

און סם. און דער סוף — די פּאַענטע. דער דיכטער מאַכט חוזק, שפּעט אָפּ פון גרעסטן שונא־ישראל, ער וויל ווי צוגעבן מוט זיינע ברידער, ער וואַגט — אין אַזעלכע באַדינגונגען! — פּאָרויסזאָגן דעם נצחון פון גוטן. ביים דיכטער אָבער קומט אויס, אַז דער גואל איז גאָר דער טייוול אַליין! אויך זייער אַ געלונגענע וויציקע איראָניע.

אָבער נישט ווילנדיק כאַפּט זיך אַרויס ביים דיכטער אַ זיפץ. וועט עס נאָך לאַנג דויערן? מיר זעען ווי דער דיכטער שטאַרקט זיך — באַקעמפט זיין אומגלויבן, וויל פאַרגעסן אין דעם טאָג־טעגלעכן גיהנום, וויל טרייסטן די מיטבירגער, דערציילט זיי אַ שיינע מעשה, וואָס דאַרף צוגעבן כוח און אויסדויער, צוגלייך אָבער פילן מיר, אַז לייכט איז דאָס אים נישט אָנגעקומען... ס'איז געווען אַ געלעכטער דורך טרערן, אַ יידישער, שלום־עליכם־דיקער שמייכל...

און ווען מ'לייענט דאָס דאָזיקע משל, וואָס איז צוגלייך אַ סאַטירע, — וויל מען עס פאַרגלייכן פון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט מיט אַנדערע אָביעקטן פון דעם מין אין דער יידישער ליטעראַטור, מ'וואָלט עס געוואָלט אַריינשטעלן ערגעץ צווישן שלמה עטינגער און אליעזר שטיינבאַרג, און פאַררעכענען עס צווישן די שענסטע משלים אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אָבער מיר זענען ווייט — אין דעם איצטיקן מאָמענט — פון אַ ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. פאַר אונדז איז „פּערדס־מייערן" קודם־כל אַ דאָקומענט פון דער צייט. אַ יידיש ליד אויסגעגראָבן אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ, אַ ליד, וואָס ברענגט אונדז, אַלעמען, נישט נאָר אונדז יידן, נאָר דעם מין מענטש כבוד.

מיר ווייסן, אַז אויך אין דעם טויטן־לאַגער, ווו נאָר גאָר אַ קנאַפּער טייל פון די געבראַכטע יידן (יחידים!) האָט געאַרבעט ביים באַגראָבן די מתים און געלעבט דעריבער לענגער (אייניקע וואָכן), האָט נישט אויפגעהערט צו עגבערן דער געדאַנק וועגן אויפברויז, קאַמף, וועגן פאַראייביקן דאָס געזעענע, וועגן רופן צו נקמה... זיצנדיק פאַרשפּאַרט נאָך דער אַרבעט אין פינצטערן קעלער — האָבן זיי — די נאָך לעבעדיקע, געזונגען תפילות (נאָך דער קבורה האָט מען קדיש געזאָגט), געשריבן טאָגביכער. זיי האָבן אויך אַרויסגעשיקט בריוו, אַרויסגעוואָרפן פון פאַרמאַכטן לאַסטאויטאָ, מיט

וועלכן מ׳האָט זיי געפירט צו דער אַרבעט, פון פּלאַץ אין וואַלד אַריין, צו דער „וועלט״. וועגן דעם אַלעמען וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן. אָבער פון די אַלע זאַכן איז כמעט גאָר נישט געבליבן.

„פּערדס־מייערן״ איז — ווי ס׳איז אָנגעגעבן אין טעקסט — אַנטשטאַנען אין...האָהענזאַלצאַ. און אויך דער פאַקט איז נישט ווייניקער וווּנדערלעך.

„האָהענזאַלצאַ״ — דאָס איז דאָס פּוילישע אינאָווראָצלאַוו. אַ שטאָט, וואָס האָט — דאַכט זיך — קיין מאָל נישט געשפּילט קיין גרעסערע ראָל אין דער יידישער געשיכטע. דאָס איז געווען — אין פּאַרמלחמהדיקן פּוילן, איינע פון די געציילטע גרעסערע שטעט, וואָס האָט כמעט קיין יידן נישט געהאַט. לויט דער לעצטער פאָלקסציילונג פון 1931, איז דאָרט געווען בסך־הכל 139 יידן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די צאָל יידן — צוליבן גרויסן אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט דאָרט געהערשט (אַ ירושה פון אַמאָליקן פּרייסן, צו וועלכן די שטאָט האָט פריִער געהערט), — אַוודאי נישט געשטיגן, נאָר גיכער געפאַלן. און די יידן דאָרט זענען זיכער נישט געווען פון די יידיש־רעדנדיקע. און מ׳דאַרף נאָך צוגעבן, אַז תיכף נאָכן איינגעמען די שטאָט דורך די דייטשן, האָט מען זי ווידער איינגעגלידערט אין „רייך״ און די יידן פאַרטריבן. ווי אַזוי זשע קומט אַהין אַ יידיש ליד, געשריבן לויט דער אָנגעגעבענער דאַטע אין כתב־יד: דעם 2טן פעברואַר 1942? — דווקא אין יענער צייט! — מוז מען שוין אויף צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע זיך ווענדן צו דער געשיכטע פון לאָדזש, וואָס איז געווען דער רעזערוואָר, וואָס האָט געשיקט יידן אויף אַרבעט אין אַנדערע שטעט פון „וואַרטעגאַו״ (פון וואַנען די יידן זענען פריִער אַרויסגעשיקט געוואָרן, ווי למשל, פון פּויזן, לעשנאָ, האָהענזאַלצאַ א״אַ.). פון דאָרט איז אַ קליינער טייל פון אָנהייב צוריקגעקומען קיין לאָדזש, כדי דערנאָך צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע לאָדזשער יידן, נאָך אַ מאָל גיין אין אַן אַרבעט־לאַגער. דער רוב פון זיי איז נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט אויפן אָרט פאַרניכטעט געוואָרן, אָדער געשיקט געוואָרן אין טויטן־לאַגער, וואָס איז געווען „צושטענדיק״ פאַר דעם קרייז, ד״ה קיין כעלמנאָ...

אַזוי איז אויך, וואַרשיינלעך, געווען מיטן מחבר פון אונדזער סאַטירע: ער קומט סוף 1941, צי אָנהייב 1942 קיין האָהענזאַלצאַ. דאָ זענען געווען

אין פאַרשידענע צייטן אַן אַכט אַרבעט-לאַגערן. דער עיקר האָבן די ייִדן געאַרבעט ביי בוי-אַרבעטן (ביי די אונטערנעמער: „שטאָט-בויאַמט", „רייכס-באַהנאַרבייטען" און ביי פּריוואַטע פירמעס: „אָטאָ גראַף", „האָכטיף געזעל-שאַפט", „א. קוואַסט" און „העבעלע עט קרום"). אויף איינער פון די שטע-לעס האָט געאַרבעט אונדזער דיכטער. די פּרטים, וואָס מיר געפינען אין ליד וועגן דער אַרבעט, אַנטשפּרעכט דעם אַרבעט-כאַראַקטער פון לאַגער: „מ'גראָבט, מ'שיט ליים, שטיינער, ערד".

און אָט אין דעם לאַגער פאַרפאַסט דאָס אונדזער דיכטער לידער... פון דער פאָרעם פון „פּערדס-מייערן", פון דער פליסיקער, רייכער שפּראַך, זעט מען, אַז דאָס ליד איז נישט קיין ערשטלינג. ס'איז נישט קיין ליד פון אַן אָנפאַנגער. די קאָמפּאָזיציע פון ליד איז אַ דורכגעטראַכטע, אַ שלימותדיקע; גאַנץ זיכער, אַז דער דיכטער איז געווען אַ מענטש מיט אַ ליטעראַרישער קולטור. זיין בילדונג האָט ער געגעאָסן נישט אין ייִדיש, דערפון אפשר די נישט-ריכטיקע אָרטאָגראַפיע (פּוילישער נוסח) — אָבער דער דיכטער איז אַ געניטער.

גאַנץ מעגלעך, אַז די דריי געפונענע קאַרטלעך זענען טיילן פון אַ העפט, וועלכער איז פאַרלוירן געגאַנגען. און צוליב דעם געפינען מיר נישט דעם נאָמען פון מחבר. ער איז אַוודאי געווען אָנגעגעבן אויפן שערבלאַט פון העפט. דערמיט דערקלער איך מיר דאָס פעלן פון אונטערשריפט אויפן כתב-יד, הגם מיר האָבן דאָ אָנגעגעבן דאָס אָרט און די דאַטע. ס'איז אויך מעגלעך די השערה, אַז דער דיכטער האָט צוליב מורא נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען, אָבער די דאָזיקע השערה האַלט איך פאַר ווייניקער באַוויז-קרעפטיק. שוין דער אינהאַלט אַליין פון ליד איז געווען גענוג אויף צו ברענגען טויט-שטראָף פאַר דעם יעניקן, וואָס האָט געהאַט ביי זיך דעם כתב-יד.

איך מיין, אַז דאָס ליד „פּערדס-מייערן" איז דאָס ערשטע ליד אין ייִדיש פאַרפאַסט אין דער שטאָט האָהענזאַלצאַ בכלל. און ווען איז עס אַנט-שטאַנען? — דווקא אין דער „דייטשער תקופה", אין יאָר 1942.

און איצט נעמט צונויף די אַלע פּרטים, באַקלערט זיך, און... צי פאַר-שטייען מיר זיי? עס ווערט אַרויסגעשיקט פון לאָדזשער געטאָ אין יענע

צייטן אַ בחור אויף אַרבעט, און וואָס נעמט ער מיט זיך? — אַ העפט מיט אַ בלייפעדער! ער אַרבעט שווער און ביטער (מ׳שלאָגט זיי אומברחמנותדיק), אין לאַגער קומען אַפילו פאָר עקזעקוציעס פאַר גנבענען מייערן צום עסן (זע דאָס ליד און די אַלגעמיין באַקאַנטע פאַקטן פון לעבן אין די לאַגערן) און וואָס טוט אונדזער בחור? — ער שרייבט לידער!

אין דער צייט — סוף 1941 — הייבט אָן צו אַרבעטן דער טויטן־לאַגער כעלמנאָ. אין יאַנואַר 1942 גייען אָפּ פון לאָדזש גרעסערע טראַנספּאָרטן אַהער אויף אומקום (העכער צען טויזנט מענטשן); מענטשן ווערן שוין געוויר וועגן דעם און מ׳רעדט שוין וועגן שרעקלעכן טויט — אָבער נישט אַלע גלייבן אין דעם. ענדלעך ווערט אויך אונדזער דיכטער פון אַרבעט־לאַגער אין האָהענזאַלצאַ אַהער פאַרשיקט. און וואָס נעמט ער מיט זיך אין דעם טויטן־אָרט מיט? — זיינע לידער! און אָט דער דיכטער קומט אום, מיר קענען נישט אַפילו זיין נאָמען. אַלץ ווערט פאַרטיליקט, אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. אַלץ איז פאַרשוווּנדן. און וואָס געפינט מען נאָך עטלעכע יאָר פון נישט זיין? — דעם דיכטערס אַ ליד! צי איז דאָס נישט סימבאָליש, און צי קלינגט נישט די גאַנצע „מעשה" ווי עפּעס אַ לעגענדע?

און ווען מען לייענט דאָס דאָזיקע ליד היינט צו טאָג און מ׳הערט זיך צו צום סאַרקאַסטישן געלעכטער פון דיכטער איבער זיינע הענקער, קלינגט דאָס ווי אַ וואָרענונג פון יענער וועלט — מיר זעען פאַר זיך די צוויי וועלטן: די הענקערס און די געשאָכטענע; און דער געלעכטער פון געשאָכטענעם דיכטער איז ווי דאָס טריומף־ליד איבער דעם שעכטער...

***

מיט דער דאָזיקער פאַרצייכענונג בין איך אויסן איבערצוגעבן נישט נאָר אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע דערשיינונג פון יענע צייטן, נאָר אויך באַקאַנט מאַכן אַן אומבאַקאַנטן פּרט וועגן דער פּסיכיק פון יענע ייִדן.

עס דאַרף דינען דער וויסנשאַפט, דער מענטשן־קענטעניש, וואָס שטייט ווייט, ווייט הינטער די געשעענישן, און וועלכע מוז סוף־כל־סוף אַדורכמאַכן איר אַנטוויקלונגס־וועג, כדי צו קענען אונדז געבן אַ ריכטיקן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון די צוויי טיפּן מענטשן פון יענער צייט: פון ייִד און, להבדיל, — נאַצי־דייטש.

אַ צוואה

מיר האָבן שוין אין פריִערדיקן קאַפּיטל עפּעס־וואָס דערציילט וועגן דער ספּעציפישקייט פון לאַגער כעלמנאָ, וואָס איז פאַקטיש קיין לאַגער נישט געווען. דאָ האָבן — ווי מיר האָבן באַמערקט — די מענטשן געלעבט געציילטע מינוטן ביז צו זייער אומקום, זעלטענער עפּעס מער ווי אייניקע שעה. אַזוי פּרעציז האָט דאָ געאַרבעט די אויסראָטונג־טעכניק.

נאָך זעלטענער איז פאָרגעקומען, אַז אַ געוויסער טראַנספּאָרט האָט דאָ איבערגענעכטיקט אַ נאַכט (אין דערבייאיקן קלויסטער), צוליב עפּעס אַ פּלוצלינגן דעפעקט אין דער פאַרניכטונג־מאַשין (גאַזוואָגן) צי צוליב אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן פעלער (פאַרשפּעטיקונג פון דער קליינבאַן, וואָס האָט צוגעשטעלט די טראַנספּאָרטן פון שטעטל קאָלאָ, צי פון די אויטאָס וואָס האָבן געבראַכט די מענטשן פון לאָדזשער געטאָ אאַז״וו.) האָט מען געמוזט דעם פאַרניכטונג־פּראָצעס פאַרלאַנגזאַמערן און די געבראַכטע קרבנות האָבן נעבעך געלעבט איבעריקע שעהן, אַ לענגערן טערמין, ווי דאָס האָט פאָרויסגעזען די דייטשע „אָרדענונג״. גאַנץ זיכער האָט די דייטשע גערעכטיקייט נאָכגעפאָרשט יעדע סיבה, וואָס האָט גורם געווען צו אַ דעפעקט אין דער דאָזיקער מלוכה־אַרבעט און בלי שום ספק דעם שולדיקן צוגעצויגן צו געזעצלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און... באַשטראָפט.

און געדענקען דאַרף מען, אַז אין דעם לאַגער זענען אומגעקומען כמעט אויסשליסלעך ייִדן (אַ 98%), אַ פינף טויזנט ציגיינער, וואָס מ׳האָט קודם געהאַלטן אין אַ באַזונדערן אָפּגעשלאָסענעם לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע פון לאָדזשער געטאָ, און פון דאָרט געבראַכט געוואָרן אין אַ באַזונדערן טראַנספּאָרט קיין כעלמנאָ (נישט מיט די ייִדן צוזאַמען!) — און אַ פּאָר הונדערט פּאָלאַקן, דערונטער קינדער פון פּויערים פון זאַמאָשטשער קאַנט, וואָס מ׳האָט עוואַקויִרט פון דאָרט, כדי צו שאַפן פּלאַץ פאַר אַ קאָלאָניע פון דייטשן.. און איין דייטש, אַ רייכס־דייטש, וואָס

איז צופעליק אַרײַנגעגאַנגען אין גאַזוואָגן אָנקוקן וואָס דאָס איז אַזוינס, האָט מען די טיר פון וואָגן גיך פאַרקלאַפּט און — נישט קוקנדיק אויף זיינע געשרייען — אים אָפּגעגאַזעוועט; אַזאַ איז געווען דער באַפעל: ווער ס׳גייט אַריין אין גאַז־אויטאָ, טאָר קיין לעבעדיקער פון דאָרט נישט אַרויס, מעג עס זיין אַפילו אַ... רייכס־דייטש.

אַ קוריאָז, אָבער אין אַזעלכע פאַלן איז רייך די געשיכטע פון דייטשן אומזין.

כדי צו דערווייזן, אַז דער דאָזיקער פאַקט איז נישט קיין פאַראיינצלטער, וויל איך איבערגעבן אַן אַנדערע פּאַסירונג, אַ נישט ווייניקער אויסטערלישע פון אַן אַנדערן לאַגער, בעלזשעץ. די ענגלישע צייטונג Manchester Evening Chronicle[17] האָט זיינער צייט (אויגוסט 1943) איבערגעגעבן, אַז ווען די אַליאירטע כוחות האָבן אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן די שטאָט האַמבורג, האָט מען די ציווילע דייטשע באַפעלקערונג עוואַקוירט פון אָרט און זיי געשיקט ווייט פון פראָנט אין רויִקערע ערטער; דערונטער האָט מען איין טראַנספּאָרט פון עכטע אַריער געשיקט קיין לוואָוו, וואָס ליגט אין שכנות פון טויטנלאַגער בעלזשעץ און איז געווען — אין פּרט פון פאַרניכטונג — „צושטענדיק" צו דעם דאָזיקן פאַרניכטונג־לאַגער. האָבן די געסטאַפּאָ־לייט אין לוואָוו — דערזעענדיק אַזאַ מין טראַנספּאָרט, געמיינט, אַז כ׳זענען דייטשע יידן (וואָס אונטערשיידן זיך נישט אויסערלעך פון די דייטשן גופא, און נישט מיט דער שפּראַך) און זיי גלייך אָפּגעשיקט קיין בעלזשעץ. און איידער וואָס־ווער־ווען, איידער די אָנגעפאָרענע האַמבורגער דייטשן גופא האָבן זיך אָריענטירט, וווהין מ׳פירט זיי — זיי האָבן דאָך קיין אַנונג נישט געהאַט, וואָס דאָס מיינט בכלל בעלזשעץ, און זיי האָט דאָך כלל נישט געקענט קומען אויפן געדאַנק, אַז ס׳קען זיי עפּעס שלעכטס געשען אויפן דייטשן געביט — און איידער די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער גופא, וואָס האָט דאָך זיך נישט פאַרנומען מיט פאָרשן, ווער און וואָס דער טראַנספּאָרט איז — יעדער טראַנספּאָרט איז געווען באַשטימט צום גאַז! — האָט

[17] די מעשה ווערט געבראַכט צ. א. אין: 5705 (תש״ה) American Jewish Year Book, Volume 46. ז׳ 210.

זיך געכאַפּט, באַקומענדיק עווענטועל אַ ידיעה פון האַמבורג, האָט מען דעם גאַנצן טראַנספּאָרט עכטע דייטשן שוין געהאַט פאַרגאַזעוועט... אין לאַגער בעלזשעץ האָט מען דאָך זיכער נישט געפירט קיין אויספאָרשונגען, ווער עס זענען די געבראַכטע, דאָס האָט דאָך נישט געהערט צו זיינע קאָמפּעטענצן, און עס האָט דערצו פּשוט געפעלט דער געהעריקער אַפּאַראַט, און די געהעריקע... אינסטרוקציעס; צווייטנס איז אַלץ דאָ צוגעגאַנגען אַזוי סודותדיק און אין אַזאַ ריזיקן טעמפּאָ, אַז דער געבראַכטער האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט צו עפענען... דאָס מויל. אַלץ איז דאָ געמאַכט געוואָרן אין „לאַופשריט" אונטער כסדרדיקע בייטשן און געשלעגן פון די אוקראַיִנישע שומרים דער עיקר, וואָס האָבן דאָך קיין דייטש נישט געקענט און נישט פאַרשטאַנען און געוווּסט איינס: די טראַנספּאָרטן דאַרפן תיכף פאַרגאַזט ווערן אונטער פערזענלעכער אַחריות... אָט אַזוי האָט די מולך־מאַשין פאַרשלונגען אויך ריין אַריש בלוט.

אַן אומגלייבלעכע געשיכטע, אָבער דאָך אויפן פּאַן פון דעם אַלעמען, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם פאַרניכטונג־מעטאָד פון די דייטשן. אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך... צום ענין:

געווען אָבער אין כעלמנאָ אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק יידן, וואָס האָבן דאָ לענגער געלעבט, אַפילו ביז עטלעכע וואָכן. יידן, וואָס מ'האָט זיך אָן זיי נישט געקענט באַגיין און געמוזט דעריבער מאַכן פאַר זיי אַ יוצא מן הכלל און פאַרלאַנגירן זיי דאָס לעבן. דאָס זענען געווען געזונטע, פעסטע בחורים פון דער „זאָנדערקאָמאַנדאָ", וואָס האָבן באַדאַרפט גראָבן די קברים פאַר די געטויטע ברידער און שוועסטער, אַרויסציִען פון די גאַז־וועגענער די טויטע און אויסלייגן זיי עקאָנאָמיש, ס'זאָל פאַרנעמען ווי צום ווינציקסטן אָרט (אַ ספּעציעלע תורה איז דאָס געווען — וואָס מיר שטעלן זיך אויף איר אין דעם מאָמענט נישט אָפּ) און שפּעטער־צו, ווען מ'האָט אָנגעהויבן די טויטע פאַרברענען — ס'זאָלן נישט בלייבן קיין שפּורן פון פאַרברעכן. האָבן די דאָזיקע בחורים געמוזט אויסגראָבן די קברים, אויפשטעלן אַ ברענאויוון (אויך אַ ספּעציעלער לימוד!) און ברענען די מתים. און אַזוי ווי צו דער אַרבעט האָט מען געמוזט האָבן אַ שטיקל נסיון און די דייטשן אַליין האָבן זיך געפוילט יעדן טאָג צו לערנען אַנדערע ווי דאָס צו טאָן, האָט מען

ממילא געמוזט האַלטן די ייִדישע בחורים, די ספּעצן צו דער אַרבעט, ביז זיי האָבן נישט איבערגעגעבן די סימנים פון דער אַרבעט און נישט איינגע־אַרבעט אַנדערע. דערנאָך האָבן זיי שוין געקענט רו:ק אָפּטרעטן זייער אָרט צו די פרישע... און אַליין גיין „אויף שמעלץ". נאַטירלעך האָט אויך צו דער אַרבעט־קאָמאַנדאָ געהערט דאָס סאָרטירן די זאַכן פון די אומגעקומענע, וואָס מען האָט גערייניקט און געפּוצט און דערנאָך איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד; די לעצטע אַרבעט האָבן געטאָן אויך די ייִדן, וואָס זענען נאָך צייטווייליק געבליבן אין לאָדזש און אין פּאַביאַניץ (אַרבעט־לאַגער). נאָר אַפּנים די ייִדן האָבן זיך נישט איבערגענומען מיט דער אַרבעט, ווייל מיר האָבן דייטשע דאָקומענטן, וואָס דערציילן אונדז, אַז בערלין איז געווען אומ־צופרידן מיט דער אַרבעט, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מלבו־שים, צוגעשיקטע פון לאָדזש, וואָס ווערן צעטיילט צווישן אָרעמע דייטשן, אָדער דייטשע צוריקוואַנדערער אין רייך גופא, האָבן סימנים פון בלוט און טראָגן נאָך אויף זיך דעם געלן „ייִדנשטערן", וואָס די ייִדן אין לאָדזש האָבן געטראָגן. אַזוי אַרום האָט מען געקענט לייכט דערגיין פון וואַנען די זאַכן קומען, און די גאַנצע אַרבעט פון דער ווינטערהילף־אַקציע האָט געקענט דאַדורך דיסקרעדיטירט ווערן — אַזוי בפירוש דריקט זיך אויס דער דייטשער דאָקומענט, וואָס שטאַמט פון בערלין. זיי דאָרט, אין דער הויפּט־שטאָט, האָבן יאָ געוווּסט, וואָס ס'איז כעלמנאָ.

די זאָנדערקאָמאַנדאָ אין כעלמנאָ האָט אויך געדאַרפט אַרויסרייסן די גאָלדענע ציין פון די הרוגים און זיי איבערגעבן די דייטשן. דאָס דאָ־זיקע „גאָלד" איז דערנאָך אַריבערגעפירט געוואָרן ביז קיין בערלין און גע־היט געוואָרן אין די סייפן פון דער רייכסדייטשער מלוכה־באַנק. (אויך די דאָזיקע הויכגעשטעלטע מענער, פון דער פינאַנץ־וועלט, האָבן דעריבער גוט געקענט די אַרבעט און די הכנסות פון די טויטן־לאַגערן).

די דאָזיקע ייִדן פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט מען געפירט פון און צו דער אַרבעט אין פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָס, זיי זאָלן די ליכטיקע שיין נישט זען, און קיינער פון דער דרויסנדיקער וועלט זאָל פון זיי נישט וויסן. אין טיפן וואַלד ביי דער אַרבעט איז געווען אַ שטאַרקע שמירה, אַ חוץ דעם

איז דער גאַנצער וואַלד אַרומגעשטעלט געווען מיט דייטשע זשאַנדאַרן און געהיט, קיין זייטיקער זאָל זיך נישט דערנענטערן צום הייליקן אָרט.

און ווען מ׳האָט די בחורים צוריקגעבראַכט „אַהיים״, ד״ה אין קעלער פון פּאַלאַץ אין כעלמנאָ, האָט מען זיי געקאָוועט די הענט און די פיס... (פון דעסטוועגן זענען דריי פון זיי אַנטרונען געוואָרן און דערלעבט די באַפרייונג; זיי האָבן פאַרנדיק מיטן אויטאָ צו דער אַרבעט, איבערגעשניטן די פּלאַנ־דעקע פון אויטאָ און אַרויסגעשפּרונגען פון לויפנדיקן אויטאָ. די וואָך האָט זיי נישט געקענט נאָכיאָגן, ווייל זי האָט דאָך געמוזט היטן די איבעריקע יידן, וואָס זענען געבליבן אין אויטאָ), און בשעת ס׳איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט נייע יידן אין „באָד״ אַריין, ד״ה אין פּאַלאַץ אַריין, האָט מען אונדזערע בחורים געהיט, זיי זאָלן זיך נישט טרעפן מיט די ניי־אָנגעקומע־נע און זיי נישט דערציילן, וואָס זיי דערוואַרט דאָ אויפן אָרט, זיי האָבן דאָך געוווּסט דעם גאַנצן סוד פון כעלמנאָ, וואָס די דייטשן האָבן געהיט דער עיקר פאַר די ניי־געבראַכטע יידן, מורא האָבנדיק פאַר אַ ווידערשטאַנד.

פאַרשטייט איר שוין אַליין, אַז אַזעלכע מענטשן, זייער אַמטלעכער נאָ־מען איז געווען געהיימניסטרעגער, האָט די דייטשע פאַרניכטונג־אָרגאַניזאַ־ציע נישט געקענט לאָזן לעבן. זיי ווייסן דאָך צופיל! דערפאַר טאַקע זענען זיי — מער פון אַנדערע, גיכער פון אַנדערע, געווען פאַראורטיילט צום טויט (מיט אַ סיבה), נישט ווי סתם יעדער ייד.

זיי פלעגט מען שוין אומברענגען אויף אַן אַנדער אופן, נישט אין גאַז־וואָגן, זיי האָבן דאָך געקענט דאָס פּאַרטל און זיכער נישט געווען אַריינגע־גאַנגען אין אים; זיי פלעגט מען פּלוצים שיסן פון דער ווייטנס, בעת דער אַרבעט, אָדער אויף אַן אַנדער אופן אָפּנאַרן; הגם, ווי געוויינטלעך, האָט מען זיי גענאַרט, אַז זיי, די אויסדערוויילטע, וועלן בלייבן לעבן; מ׳דאַרף זיי דאָך האָבן, זיי זענען דאָך גלענצנדיקע אַרבעטער, ספּעציאַליסטן, מייסטערס אין אַ דייטשן „גראָס־אונטערנעמען״.

וואָס אין האַרצן פון די בחורים האָט זיך אָפּגעטאָן — איז שווער אָדער אוממעגלעך איבערצוגעבן. אַ לעבן, וואָס איז נישט געדאַכט געוואָרן און נישט געווען אין קיין שום צייט און אין קיין שום וועלט נישט! נישט איין מאָל האָבן די בחורים באַגראָבן, צי פאַרברענט זייערע אייגענע קרו־

בים און באַקאַנטע. זיי אַלע שטאַמען דאָך און זענען געקומען פון די שטעט־לעך, וואָס מ׳האָט אומגעבראַכט אין כעלמנאָ, און איינער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וואָס איז געבליבן לעבן, האָט אַפילו געפונען אין גאַזוואָגן זיין אייגענע פרוי און קינד.

און פון דעסטוועגן האָבן אויך די מענטשן אין די־אָ אוממענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס אין זיי איז זיי אויסגעקומען צו לעבן, אין עפּעס אַ נישט רעאַלער וועלט — נישט פאַרלוירן דעם צלם אלקים. זיי האָבן זיך באַמיט צו וויסן צו טאָן דער דרויסנדיקער וועלט וועגן אמת פון כעלמנאָ; זיי האָבן געשריבן קוויטלעך... און אַרויסגעוואָרפן זיי אויפן וועג צו דער אַרבעט, אפשר וועט זיי געפינען אַן ערלעכער גוי און איבערגעבן עס צו אַ ייִדן... זיי האָבן אויך באַשריבן די ווענט פון קעלער מיט ידיעות, נייעסן פון כעלמנאָ.

צווישן זיך זייענדיק, האָבן זיי געדאַוונט, געזונגען אין די לאַנגע, פינצטערע נעכט. אין פאַרשפּאַרטן קעלער האָבן זיי זיך דערציילט מעשיות, אַ מאָל געהערטע אָדער אַליין אויסגעטראַכטע... און נאָך יעדער קבורה, נאָכן פאַרשיטן אַ מאַסן־קבר — געזאָגט אין דער שטיל קדיש.

איינגעשטעלט דאָס לעבן, האָבן זיי פון ערגעץ־ווו אַרויסבאַקומען אַ קליין לעמפּל, וואָס פלעגט זיי באַלייכטן מינוטנוויז, בעת ס׳איז נישט געווען קיין קאָנטראָל, דעם פינצטערן קעלער; זיי האָבן אויך פון די מלבושים פון די אומגעקומענע אַרויסגעגנבעט און אַריינגעשמוגלט אין זייער קעלער פּאַ־פּיר, שרייבפּענדלעך, אַ פּעדער... און מיט די דאָזיקע ליטעראַרישע רעק־וויזיטן האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייבן: געשריבן די כראָניק פון לאַ־גער, געפירט די סטאַטיסטיק פון די קרבנות און פאַרצייכנט אויך אייגענע לידער און תפילות; צונויפגעשטעלט אויפרופן אין פויליש פאַר פּאָלאַקן, אין ייִדיש פאַר ייִדן און אַרויסגעוואָרפן זיי פון אויטאָ, בעתן פאָרן מיטן מלוכה־וועג צום וואַלד. זיי האָבן געגלייבט, אַז די בריוולעך וועלן דערגריין צו דער וועלט און דעמאָלט וועט קומען די ישועה; ס׳איז דאָך נישט מעג־לעך, אַז די וועלט זאָל דערוויסנדיק זיך וועגן כעלמנאָ און נישט רעאַגירן!

די וועלט אָבער איז וועגן דעם יאָ געוויר געוואָרן און... געשוויגן.

די פאַרשפּאַרטע אין קעלער האָבן אָבער זיך געטרייסט, אַז די וועלט

ווייסט נאָך נישט דעם אמת און ווייטער זיך אָנגעשטרענגט, איר דאָס צו וויסן צו טאָן.

גאַנץ מעגלעך, אַז דער דאָזיקער ווילן — צו געבן צו וויסן דער וועלט דעם אמת וועגן כעלמנאָ, ער זאָל נישט פאַרלוירן גיין אויף אייביק, האָט געגעבן כוח די בחורים צו לעבן אין דעם־אָ גיהנום. דער שאַפונגס־דראַנג, דער גרויסער ווילן עפּעס צו טאָן, אַרויסזאָגן דעם אייגענעם פּיין און צער, האָט פאַר זיי פאַרשטעלט דאָס אַרומיקע לעבן... זיי האָבן געזען פאַר זיך די דרויסנדיקע שיינע און פרייע וועלט און נישט די אַרומיקע מיאוסע און מנוולדיקע אַרבעט. זייער געדאַנק און געפיל איז געווען געווענדט צום שיי־נעם און העלן. צו דעם האָבן זיי געזונגען זייערע לידער, און דאָס מיאוסע געלאָזט פאַר די דייטשן. אַריינגעקומען צו זיך אין קעלער, האָבן זיי אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם עול פון אַרבעט, די דרויסנדיקע וועלט, דאָס מיאוסע און עקלדיקע און געלעבט אין טרוים פון שיינעם און ליכטיקן; דאָס איז געווען זייער אידעאַל, זייער בענקשאַפט, זייער... ליטעראַרישע טעמע.

וואָס האָט זיך פון דעם אַלעם אָפּגעהיט?

גאָר און גאָר נישט! די אַרויסגעוואָרפענע קוויטלעך און צעטלעך האָבן די פויערים אויפגעהויבן, געלייענט און... פאַרניכטעט, מורא האָבנדיק עס צו האַלטן און מורא האָבנדיק צו דערציילן וועגן דעם (ערשט נאָך דער מלחמה האָבן זיך געעפנט זייערע מיילער).

און יידן? זיי זענען שוין מיט דעם וועג נישט געגאַנגען; פאַרשפּאַרט אין די געטאָס, האָבן זיי דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן וועג... פון כעלמנאָ אין וואַלד, אין די גאַז־וועגענער.

און פון די שאַפונגען, וואָס די דאָזיקע בחורים האָבן פאַרשטעקט צווישן די ווענט פון קעלער, פאַרגראָבן אין דער ערד, איז גאָר נישט אָפּ־געפונען געוואָרן, ווייל די דייטשן, נאָכן פאַרניכטן די יידן, האָבן אויך פאַר־ניכטעט זייער וווינונג־אָרט, פאַרברענט, צעשטערט מיט דינאַמיט — קיין זכר זאָל נישט בלייבן.

און דאָס האָבן אונדזערע בחורים נישט פאָרויסגעזען, נישט געקענט פאָרויסזען! און ווען אַפילו יאָ, וואָס האָבן זיי קעגן דעם געקאָנט טאָן?!

אַזוי אַרום איז געשען, אַז מיטן צענעמען דעם בנין, ציגל נאָך ציגל,

שטיין נאָך שטיין, — די דייטשן האָבן אַזוי אַרום דאָ, ווי אויך ערגעץ אַנ־דערש־ווו, געזוכט פאַרבאַהאַלטענע אוצרות, — זענען פאַרניכטעט געוואָרן נישט נאָר די בנינים, נייערט מיט זיי אינאיינעם אויך ליטעראַרישע ווערק, וואָס וואָלטן געהאַט אַן אומגעוויינטלעכן ווערט, אייגציק אין זייער מין אין דער וועלט־געשיכטע. זאָלן מיר כאָטש דערמאָנען און פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז אַזוי איז עס געווען. זאָל כאָטש די ידיעה וועגן דעם נישט פאַר־לוירן גיין פון דעם מענטשנס געדעכעניש.

פון דעסטוועגן איז עפּעס וואָס אויך פון דעם יאָ אָפּגעהיט געוואָרן און צו אונדז דערגאַנגען. ווי אַזוי? אויך די געשיכטע איז אַן אויסטערלי־שע און אומגלייבלעכע.

צו מיר, אין דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש, איז אין יאָר 1945 אַריינגעקומען אַ ייִד, אַ בעל־מלאכה און איבערגעגעבן אַ קליין, לענגלעך בייטעלע (די לענג און פאַרעם ווי פון קליינעם פינגער) פון שוואַר־צער צעראַטע, וואָס ער האָט געפונען אין דעם אייזערנעם טייל פון אַ ניי־מאַשין; דער הילצערנער טייל אירער איז געווען פאַרברענט. די דאָזיקע ניי־מאַשין „זינגער” האָט עמעץ געבראַכט צו אים צום פאַרריכטן.

און אין צעראַטענעם בייטעלע איז געלעגן אַ קליין שטיקעלע פּאַפּיר, צונויפגעלייגט אין פינף קנייטשן און פאַרשריבן פון ביידע זייטן. מיר נע־מען דאָס שטיקעלע פּאַפּיר און מיר זעען געשריבנס מיט אַ פעדער אין ייִדיש. און מיר הייבן אָן לייענען. (מיר גיבן איבער דעם דאָקומענט, גענוי ווי ער איז געשריבן אין אָריגינאַל, אָן שום אויסבעסערונגען):

„דאָס זענען די לעצטע ייִדן וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער געסטאַפּאָ אין (כעלם) וואָס ליגט צווישן דומביע אין קויל. עס זענען די לעצטע טעג פון אונזער לעיבן געיבן מיר אַ ציידן מעיגלעך געפינען זיך קרוויוים אָדער בעקאַנטע פין די מענטשן. זאָלט איר וויסן אַלע ייִדן וואָס זענען אַרויסגע־שיקט פין ליצמאַנשטאַדט זענען געוואָרן אימגעברענגט אויף זעהר אַ מיסן אויפן זיי זענען געפייניקט אין געוואָרן פערברענט בלייבצ געזינד אויב איר וועט איבער לעיבן זאָלט איר נקומה נעמען”.

פון דער צווייטער זייט איז אויסליניִרט, האָריזאָנטאַל און ווערטיקאַל,

פיר רובריקן און 12 שורות אונטערן קעפּל: „דאָס זענען די יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין קולמהאָף (כעלם) צווישן קויל און דאָמביע אין טויטן־לאַגער״.

פאַראַן צוועלף נעמען פון די לעצטע יידן, יעדער אין אַ קעסטעלע, געניי בוכהאַלטעריש פאַרצייכנט:

1.	הערשקאָוויטש	יאָסיף	פון קוטנאָ
2.	פלאצקער	מוישה	„ „
3.	פלאצקער	פייוול	„ „
4.	שלאמאוויטש	שיעה	„ גראַבווו ביי לענטשיץ
5.	יאָדקעוויטש	נויעך־וואָלף	„ לאָדזש
6.	זאראך	חאַסקל	„ לענטשיץ
7.	וואכטל	סימכע	„ „
8.	וואנטל	יסרול זין	„ „
9.	יאסטשעמבסקי	בעניעק	„ „
10.	נוסבוים	אַרן	„ סאניק
11.	סטראסיבורג	איסער	„ לוטאָמיערסק
12.	שטאיער	געצל	„ טוריק

דאָס איז אַלץ!

אָפּנים נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט מער צו שרייבן און צו פאַר־באַהאַלטן, מעגלעך די צייט האָט נישט געגוגנט. עס זענען דאָך די לעצטע מינוטן פון לעבן פון די מחברים פון דער צוואה.

אַ פּאָר ווערטער וועגן סטיל, אָרטאָגראַפיע פון בריוו. קענטיק, אַז געשריבן דאָס האָט אַ מענטש, וועמען ס׳איז לייכטער צו האַלטן אין האַנט אַ נאָדל־פאָדעם, אַ האַמער און אַ פּאָדעשווע איידער אַ פּעדער צי בלייער. און גאַנץ זיכערלעך, האָט מען אויפצושרייבן דעם דאָזיקן היסטאָרישן בריוו אויסגעוויילט דעם כתבא רבה, דעם בעסטן פון אַלע צוועלף יידן, אַ שרייבער, וואָס האָט געהאַט אי אַ שיינע האַנטשריפט אי געקענט שרייבן יידיש.

ער שרייבט פאָנעטיש: „לעיבן״, „געיבן״, „מעיגליך״; פאַרשטייט זיך

לויטן פוילישן אויסרייד: „פין", „אין" (נישט לויטן ליטווישן, ליטעראַ־ רישן „פון", „און" אאַז"וו).

שווער קומען אים אָן די העברעיִשע ווערטער, ער לייגט זיי אויס אויף ייִדיש. „קרוויוים", „יסרול", „מוישע", „שייע", „סימכע". „ייִדן" — שרייבט ער מיט איין „יוד". שווערקייטן פאַרשאַפן אים דער אות „כ", „ד" — אין מיט־וואָרט שרייבט ער אַ לאַנגן „ד" אאַז"וו.

מיט איין וואָרט, מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס נאָר די היסטאָרישע נויטווענדיקייט האָט אים געצוווּנגען צו ווערן אַ שרייבער. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען דעם געבאָט פון שעה און גענומען אויף זיך דעם דאָזיקן עול. נישט ווייניק מי האָט אים דאָס זיכער געקאָסט, און דערביי האָט ער דאָך מורא געהאַט, די דייטשע וואַך זאָל אים נישט כאַפּן... און נישט דערלאָזן צו פאַרענדיקן דאָס ווערק! זיכערלעך איז אויך, אַז ביים שרייבן דאָס קונסטווערק זענען זיינע חברים געשטאַנען אויף שמירה און געהיט, דער שונא זאָל זיך נישט באַווייזן פּלוצים. און זיכערלעך איז אויך, אַז דאָס ווערק איז קודם אַרומגערעדט געוואָרן: וואָס און ווי אַזוי צו שרייבן. און ווי אַזוי עס צו באַהאַלטן.

ס'איז אויך זיכער, אַז אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין געפינען אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ בלייפעדער און אַריינשמוגלען עס אין זייער אַרבעט־וואַרשטאַט, און ווער ווייסט וויפל קרבנות עס זענען דערביי געפאַלן.

געשריבן מיט איין האַנטשריפט, דאַרף מען אָבער דאָס ווערק באַ־ טראַכטן ווי אַ קאָלעקטיווע אַרבעט פון די אַלע 12 ייִדן, שותפים פון איין גורל.

וואָס דערציילן אונדז די דאָזיקע ייִדן?

זיי דערציילן אונדז, אַז זיי זענען די לעצטע ייִדן אין טויטנלאַגער קולמהאָף־כעלמנאָ (די ייִדן ווייסן נישט, אַז דער אָפיציעלער נאָמען איז כעלמנאָ און רופן עס אויף ייִדיש „כעלם"). אויך זיי דערוואַרט דער טויט. גיבן זיי דעריבער איבער, וואָס ס'איז געשען מיט די ייִדן, וואָס זענען אַהער געשיקט געוואָרן פריִער פון לאָדזש. זאָלן דאָס ווייסן די באַקאַנטע און קרובים, אויב זיי זענען נאָך דאָ, און וואָס די שרייבער פון די בריוו זענען מספק. היטלער האָט דאָך געוואָלט אַלע ייִדן אומברענגען, איז

אפשר דאָס אים טאַקע געלונגען? זענען טאַקע די 12 לעבנגעבליבענע ייִדן די לעצטע יידן פון פוילן?

גיבן איבער די מחברים פונעם בריוו, וואָס ס'איז געשען מיט די ייִדן. זיי זענען געפּייניקט און מיאוס אומגעבראַכט געוואָרן און דערנאָך האָט מען זיי פאַרברענט, עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן! די מחברים האָבן מורא, אַז די וועלט וועט וועגן דעם בכלל זיך נישט דערוויסן. פּונקט אַזוי האָבן זיי מורא, אַז די וועלט וועט בכלל נישט וויסן וועגן כעלמנאָ און ווו עס געפינט זיך; גיבן זיי צוויי מאָל איבער, ווו דאָס אָרט געפינט זיך, נעמלעך, צווישן צוויי קליינע שטעטלעך: קאָלאָ (אויף ייִדיש: קויל) און דאָמביע, און זיין דייטשן נאָמען: קולמהאָף. די מחברים האָבן אין יאָר 1945 (ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען), געוועזן זיכער,אַז די ברייטע וועלט ווייסט לחלוטין גאָר נישט וועגן טויטן־לאַגער, וואָס האָט דאָך עקסיסטירט זינט דעם יאָר 1941 און געהאַט שוין איינגעשלונגען הונדערטער טויזנטער קרבנות; — ייִדן, דאַרף מען צוגעבן.

ווער זענען די מחברים?

כדי צו קענען פאַרענטפערן די פראַגע, דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן אויפן לעצטן קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון טויטן־לאַגער כעלמנאָ.

דער לאַגער האָט עקסיסטירט פון 8טן דעצעמבער 1941 ביזן 18טן יאַנואַר 1945, מיט אַן איבעררייס פון אַ יאָר צייט: פרילינג 1943 און פרילינג 1944. די געבראַכטע ייִדן זומער 1944 — אין אַ קליינער צאָל, האָט מען נישט פאַרגאַזעוועט, נאָר געלאָזט אַרבעטן ביים צעשטערן די רעשטן פון לאַגער, ביים פאַרברענען די גופים, וואָס מ'האָט נישט באַוויזן צו טאָן פריִער, צו פאַרגלעטן די פאַרשאָטענע, ליידיקע קברים אאַז"וו. די דאָזיקע ייִדן האָט מען צו ביסלעך נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, „ליקווי־דירט" שטיל און שאַ.

לעבן צעשטערטן פּאַלאַץ איז געווען אַן איינשטאָקיק געמויערטע גע־ביידע, אַפּנים אַן אַמאָליקע קאַמער — ווו עס האָבן זיך די גאַנצע צייט, זינט מ'האָט ווידער געעפנט דעם לאַגער (אין 1944) ביז צו זיין ליקווי־דאַציע, — געפונען פון אָנהייב אַ 50 ייִדן בעלי־מלאכות, דער עיקר שניי־דערס, שוסטערס, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביים באַדינען די

דייטשע הענקער, וואָס האָבן דאָ, אין כעלמנאָ, סטאַציאָנירט און אָנגע־פירט מיט דער גאַנצער אויסראָטונג־אַרבעט. פון די דאָ אָנגעזאַמלטע מלבושים און סחורות האָבן זיי אויסגעקליבן דאָס בעסטע און עס געלאָזט איבעראַרבעטן פאַר זיך און זייערע משפחות, וואָס האָבן זיך געפונען אין דייטשלאַנד, ווען מ׳האָט איבערגעשיקט פון מזרח־פראָנט „ליעבעסגאַ־בען״ פון שענסטן און בעסטן. אַזוי האָבן זיך די הענקער נוהג געווען אויך אין אַנדערע מקומות.

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט און מ׳האָט זיך געריכט, אַז דער לאַגער וועט היינט־מאָרגן אַריינפאַלן אין די הענט פון דער זיך דער־נענטערנדיקער רויטער אַרמיי, האָט מען אָנגעהויבן אַרויספירן די בעלי־מלאכות, יעדע גרופּע באַזונדער און זיי ליקווידירט. דאָס איז געווען אין פרימאָרגן פון 18טן יאַנואַר 1945, ווען די איבערגעבליבענע האָבן דער־זען, וואָס מ׳טוט מיט זייערע חברים (מ׳האָט די בעלי־מלאכות געהאַלטן אין באַזונדערע צעלן), האָבן זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, נישט גע־לאָזט זיך אַרויספירן פון בנין; געהרגעט צוויי פון די דייטשע זשאַנדאַרן און זיך פאַרבאַריקאַדירט אין שטיינערנעם בנין. די דייטשן האָבן אָבער פאַרשפאַרט די טירן, נישט באַמיט זיך אַריינצודרייסן אין בנין, און אים אונטערגעצונדן פון דרויסן. אַזוי איז אָפּגעברענט געוואָרן דער בנין (נאָר די ווענט זענען פאַרבליבן) און אין איינעם מיט אים אויך די ייִדן, וואָס זענען דאָרט געווען, ד״ה די צוועלף מחברים פון אונדזער בריוו.

דאָס פאַרברענען הייזער מיט די מענטשן אין זיי, איז געווען אַ גוט אויסגעפּרווט מיטל פון די דייטשן, נישט צו ריזיקירן מיטן אייגענעם פחדנישן לעבן, נאָר אומברענגען דעם שונא פון דער ווייטנס אָן שום סכנות פאַר זיך אַליין. אַזוי האָבן זיי זיך נוהג געווען אין וואַרשעווער גע־טאָ בעתן אויפשטאַנד; אַזוי אומגעבראַכט די העפטלינגען אין ראַדאָגאָש־טשער (לעבן לאָדזש) געפענקעניש; די פּאַרטיזאַנער־גרופּע א״נ אַנילע־וויטש אין די ווישקאָווער וועלדער, און אַזוי אין אַ סך אַנדערע מקומות.

אויפן אָרט פונעם לאַגער זענען געבליבן פיר פאַרסמאַליעטע ווענט און צווישן זיי אַ הויפן קוילן, אַש און שטיקלעך כלים, וואָס דאָס פייער האָט נישט באַוויזן צו פאַרלענדן: אייזערנע הענטלעך פון רענצלעך, קר־

פּערטן, אַרבעט־מכשירים און צווישן זיי די אייזערנע טיילן פון די ביי־מאַשינען, וואָס דאָס פייער האָט נישט געקאָנט פאַרשלינגען, — אַלץ אויסגעמישט איינס מיטן אַנדערן, צוזאַמען מיט די גאַנץ און האַלב־פאַר־ברענטע גופים —

אַ שריד ופליט פון אַ דייטשן אַרבעט־לאַגער.

פון דאַנען איז איינע פון די ביי־מאַשינען, האַלב פאַרשרפהט, גע־בראַכט געוואָרן צום פאַרריכטן קיין לאָדזש דורך אַ פויער, וואָס האָט נהנה געווען פונעם הפקר, וואָס איז געבליבן פון די ייִדן, וואָס היטלער („גע־לויבט איז גאָט, ער און נישט מיר, האָט אָפּגעטאָן פאַר אונדזערטוועגן דאָס שטיקל אַרבעט״) האָט אומגעבראַכט. געבראַכט האָט ער זי צו אַ ייִדישן בעל־מלאכה, וואָס האָט זיך באַוויזן נאָכן חורבן אויף דער פּוילי־שער ערד.

איצט קאָנען מיר שוין פאַרענטפערן די פראַגע, ווען איז געשריבן געוואָרן אונדזער צוואה.

דאָס זענען די לעצטע ייִדן אין כעלמנאָ; דאָס זענען די לעצטע טעג פון עקסיסטענץ פון לאַגער גופא — דאָס הייסט, בכן, יאַנואַר 1945, אפשר טאַקע דער לעצטער טאָג פון זיין עקסיסטענץ, דעם 18טן יאַנואַר 1945.

די ייִדן ווייסן, אַז ס׳דערנענטערט זיך זייער סוף. קיין נייע טראַנס־פּאָרטן ייִדן קומען שוין נישט אָן פון לאַנג. צי האָבן שוין פאַרפעלט ייִדן אויף דער וועלט? — זיי הערן אויך נישט די קולות (דאָס אַרויספאָרן פון און צו דער אַרבעט) פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, ד״ה אויך זיי זענען שוין נישט ביים לעבן; מעגלעך אויך, אַז אונדזערע לעצטע ייִדן, די צוועלף, האָבן אויך געהערט, ווי מ׳דערשיסט זייערע מיטהעפטלינגען, וואָס האָבן זיך אויך געפונען אין דעם בנין און אויך געאַרבעט פאַר דער געסטאַפּאָ. וויַיט פירן די קרבנות האָבן שוין די דייטשן נישט באַוויזן, געווען צו שפּעט און דערצו שוין קיין צייט נישט געהאַט. די סכנה פון בלייבן אויפן אָרט איז שוין געווען צו גרויס.

געבליבן איז נאָר בלויז די לעצטע גרופּע, אונדזערע צוועלף ייִדן — זיי האָבן שוין נישט קיין שום אילוזיעס, אַז זיי קען נאָך עפּעס וואָס ראַ־טעווען. זיי בלייבט נאָר דאָס איינציקע: געבן צו וויסן דער וועלט, אַז דער

כוף זייערע דערנענטערט זיך. מיטן לעצטן געדאַנק זענען זיי ביי דער בריישר וועלט און רופן צו נקמה.

מיר זעען אָט די צוועלף יידן, וואָס שטייען איינגעבויגן איבערן שריי־בער פון בריוו, העלפן אים ביים צוקלייבן אַ וואָרט, טרייבן אים אונטער, ער זאָל עס טאָן ווי צום גיכסטן און זיי דיקטירן אים איינציקווייז זייערע נעמען און די שטעטלעך פון וואַנען זיי שטאַמען — דאָס זענען דערביי־איקע ישובים, פון וואַנען מ׳האָט זיי געשיקט אויף אומקום קיין כעלמנאָ.

צוועלף איז זייער צאָל, צווישן זיי אַ טאַטע מיט אַ זון... וואַכטל ישׂ־ראל, זון פון שמחה וואַכטל.

די צייט לויפט, די סכנה איז גרויס; דער מלאך־המוות שטייט שוין אויף דער שוועל פון זייער הויז. דערפון דער קורצער, געפּרעסטער סטיל (קיין איבעריק וואָרט נישט!). אַלץ איבערגעגעבן אין געציילטע ווערטער: אי פון וואַנען די יידן־קרבנות זענען געקומען, אי וואָס מ׳האָט מיט זיי געטאָן (אַ מיאוסער טויט). גאַנץ מעגלעך, אַז די מחברים אַליין האָבן גע־נוי נישט געוווסט, וואָס מ׳טוט מיט די יידן, ווי אַזוי מ׳הרגעט זיי. זיי זע־נען פאַרשפאַרט אין בנין און האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך מיט אַנדערע יידן און נישט צו זען, וואָס מ׳טוט מיט זיי. און צום סוף דער רוף צו נקמה! עס בלייבט זיי נאָך איבער צו באַפרידיקן זייער לעכצן נאָך השארת־הנפש, שטעלן זיך אַליין אַ מצבה — דערפון די רשימה פון די נעמען; איבעריקנס, ווילן זיי דאָך צו וויסן טאָן אויך זייערע קרובים און באַקאַנטע, אפשר לעבט נאָך עמיץ פון זיי? אפשר אַ פריינט, אַ גואל; אפשר אַ טאַטע, צי אַ זון, וואָס וועט אַמאָל קדיש זאָגן נאָכן אומגעקומע־נעם, דערמאָנען אים. פון דער צווייטער זייט האָט דער דאָקומענט, דורך די נעמען, געוווּנען און פאַרשטאַרקט זיין היסטאָרישן (און יורידישן!) ווערט. ס׳איז נישט קיין אַנאָנימער דאָקומענט, עפּעס אַ געשריפטס — אָן אחריות געשריבן, וואָס מ׳קען צווייפלען אין זיין אויפריכטיקייט; דאָ האָבן יידן מיט זייערע נעמען און פאָרנעמען, מיטן אָנגעבן זייער וווינאָרט, געחתמעט דעם אמת פון זייער עדות. ווי אַזוי אַנדערש האָבן זיי דאָס געקענט טאָן אין יענעם מאָמענט?!

ס׳איז צו באַוווּנדערן די באַזינונג און באַטראַכטקייט פון די פּראָסטע

יידן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אַזוי פיל ישוב־הדעת, אַזוי פיל פאַר־שטענדניש פאַר צייט און געשיכטע, אַז זיי האָבן געקענט איבערלאָזן נאָך זיך — ממש אין לעצטן מאָמענט פון זייער לעבן, אַזאַ מין איידל, מיושב־דיק, אינטעליגענט און ליטעראַריש שיין צונויפגעשטעלט ווערק אין אַ געפּרעסטן אינהאַלט.

מיר געפינען דאָ נישט קיין ווײ־געשרייען, קיין וויינען איבערן אייגע־נעם גורל, קיין באַקלאָגן זיך. ווען מען וועט דאָס רירן? — טרוקענע פאַקטן זענען מער ראיות, ווי טרערן און זיפצן. און דאָס האָבן אונדזערע שריי־בער־העלדן דערפילט אין לעצטן מאָמענט פון זייער לעבן. איבעריקנס, וואָס פאַר אַ באַטייט האָט דאָ דאָס לעבן פון יחיד, פון פּרט, ווען דאָס גאַנ־צע פאָלק איז אונטערגעגאַנגען! — אויך דאָס שטייט פאַר די אויגן פון אונדזערע לעצטע יידן.

עס פעלט אין דאָקומענט די דאַטע.

אפשר נישט באַוויזן זי צוצושרייבן; אפשר זי פשוט נישט געוווסט. ווי אַזוי זאָלן יידן — פאַרשפּאַרטע חדשים־לאַנג אין אַ קאַרצער, וואָס זענען נישט די שיין פון דער וועלט, וויסן וואָס פאַר אַ טאָג דאָס איז. מה נפקא־מינה?! און נאָך דעם ווי די מחברים האָבן אַלץ וועגן זיך און אַנדע־רע איבערגעגעבן, בלייבט זיי נישט מער, ווי געזעגענען זיך מיט דער וועלט. און אויך דאָ ווערן מיר נשתומם פון דער מאָראַלישער הויך פון די מחברים: נישט זיי פאַרשילטן די וועלט און די מיטמענטשן, וואָס האָבן דאָך פאַר זיי צוגעגרייט אַזאַ מין ביטערן גורל; פאַרקערט, זיי געזעגענען זיך מיטן האַרציקן ברידערלעכן „בלייבץ געזונט". און ערשט צום סוף, נאָכן געזעגענען זיך מיט אַלע גוטע פריינד און מיט דער גאַנצער וועלט, דערמאָנען זיי זיך אין שונא און רופן צו נעמען אין אים נקמה. — „אויב איר וועט איבערלעבן", איז דער באַדינג צו נעמען נקמה. די מחברים צווייפלען, צי די, צו וועלכע ס'איז געווען געווענדט זייער בריוו, וועלן בכלל בלייבן לעבן; זיי צווייפלען, צי וועט בכלל נאָך ממשלת היטלער בלייבן אַ זכר פון יידן אין אייראָפּע. זיי זענען, וואַרשיינלעך, אויך נישט געווען זיכער, צי דער בריוו זייערער וועט בכלל צו עמיצן דערגיין. ווייל, ווי אַזוי און וויפל האָט געפּעלט, ער זאָל בכלל נישט אָפּגעפונען ווערן?!

און וויפל אַזעלכע בריוו זענען טאַקע פאַרלוירן געגאַנגען אין כעלמנאָ גופא צי אין אַנדערע מקומות, און מיר האָבן זיי נישט אָפּגעפונען?! אפשר טאַקע צוליב אונדזער שולד! פון דעסטוועגן שרייבן זיי דעם בריוו; עס רייסט זיך פון זיי אַרויס די באַדערפעניש איבערצוגעבן ידיעות דער דרויסנדיקער וועלט, אָפּגעזעגענען זיך מיט די פריינד, אויב זיי לעבן, און צום סוף רופן צו נקמה פאַר דעם „מיאוסן טויט", וואָס יידן האָבן געליטן פונעם צורר היהודים. דער רוף איז אַ רוף פון מענטשן, וואָס לעבן שוין נישט, אַ רוף ווי פון יענער וועלט, אַ באַפעל, אַן אָנווייזונג פאַר אונדז לעבעדיקע; אַ צוואה.

נישט לייכט איז אָנגעקומען אונדזערע יידן די קונסט פון שרייבן. מיר זעען, ווי געוויסע אותיות קומען נישט אַרויס, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. שווערע אותיות! מיר זעען ווי ביים שרייבן דאָס רינגעלע, וואָס מאַכט „סאַמעך", קלעקט די פעדער. זי איז נישט געוווינט צו אַזאַ האַנט־מלאכה! נישט וויניק מי האָט דאָס דעם שרייבער געקאָסט אָנצושרייבן דאָס אַלץ, אָבער זיין פליכט, זיין נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, האָט ער געטאָן — זיכער נישט פאַר זיך, נייערט פאַר אונדז.

און נאָכן אָנשרייבן דעם בריוו און נאָכן אָפּגעזעגענען זיך מיט דער וועלט, זענען זיי אַוועק פון דער וועלט מיט אַ געפיל פון גענוג־טואונג, סיפוק... זיי האָבן נישט קיין טענות צו דער וועלט. אַזוי איז זי; נאָר וואָס דען? מיט אייגענע כוחות דאַרף מען זי בעסער מאַכן, מיט אייגענע כוחות קעמפן קעגן שלעכטס; נישט וואַרטן אויף קיין ניסים, נישט וואַרטן עמיץ זאָל פאַר אייך די זאַך טאָן — אויך דאָס איז פאַרבאַהאַלטן אין דער צוואה. נקמה דאַרפן נעמען די, וואָס האָבן געליטן. אויך די תורה גיבן אונדז איבער די פּראָסטע יידן, די לעצטע פון טויטנלאַגער כעלמנאָ.

***

ווען מיר לייענען דעם דאָזיקן בריוו צום וויפלסטן מאָל, דערמאָנען מיר זיך אין אַ פריערדיקער ענלעכער דערשיינונג, וואָס ס׳האָט אונדז איבערגעלאָזט די אַלטערטימלעכע געשיכטע פון גריכנלאַנד. דריי הונדערט

מענטשן פון ספּאַרטאַ זענען געקומען צו הילף אַטען, ווען זי איז געוואָרן באַפאַלן דורכן אַכזריותדיקן און אַנצאַליקן פּערסישן שונא. די ספּאַרטאַנער באַזעצן דעם ענגן דורכגאַנג צווישן די הויכע בערג, טערמאָפּיל, און קעמפן ביז צו לעצט; אַלע פאַלן ביים פאַרטיידיקן גריכנלאַנדס פרייהייט און דעם אייגענעם כבוד. נאָר פאַרן אומקום קריצן זיי אויס אויף די ווענט פון די בערג אַ ווענדונג צום דורכגייער, ער זאָל איבערגעבן אין זייער היימ־שטאָט, אַז זיי זענען טאַקע אַלע געפאַלן, אָבער זיי האָבן דערפילט זייער פליכט ביז צום סוף... אַ שיינע און דערהויבענע לעגענדע.

אַזאַ מין ווענדונג איז אויך אונדזער צוואה פון די יִדן אין כעלמנאָ, מיטן אונטערשייד, וואָס די ספּאַרטאַנער זענען געווען קעמפער, געשיקט אויפן פראָנט, בעת אונדזערע יִדן — פּשוטע אַרבעטער, וואָס די מלאכה פון הרגענען מענטשן איז זיי געווען פרעמד, אָבער נאָכגייענדיק דעם נאַ־טירלעך איינגעבוירענעם אינסטינקט, האָבן זיי אויך דאָס געטאָן, ווען די אומשטענדן האָבן זיי דערצו געצוווּנגען.

און נאָך אַן אונטערשייד: אונדזער צוואה איז נישט קיין לעגענדע.

***

צי האָט די דאָזיקע בריוו־צוואה אויך אַ ליטעראַרישן ווערט? אין ליכט פון אויבן־געזאָגטן איז אין דעם נישטאָ קיין צווייפל. איבעריקנס, איז גענוג דאָס לייענען אַליין פון דער צוואה מיט דער געהעריקער פאַר־שטענדעניש און צוגאַנג, וואָס יעדעס קונסטווערק פאַרלאַנגט (און נישט קיין סענסאַציע־ליטעראַטור!), כדי צו ווערן פון איר באַאיינדרוקט, ווי פון יעדער גרויסן קונסטווערק. איר ווערט באַאיינפלוסט און מאָראַליש דער־הויבן פיל מער, ווי פון נישט איין גרויס און וואַגיק קונסטווערק.

געטהע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „דער מקור פון עכטער קונסט ליגט אין דעם אַנטקעגנשטעלן זיך פונעם יחיד קעגן די צעשטערנדיקע כוחות פונעם כלל". צי פּאַסט נישט די דאָזיקע דעפיניציע פונעם גרעסטן דייט־שן דיכטער צו דעם דאָקומענט, וועלכער איז אונדז איבערגעלאָזט גע־

וואָרן פון צוועלף (אַ סימבאָלישע ציפער!) יידישע פשוטע האָרעפּאַשני־קעס פון יענע גרויסע און שוידערלעכע צייטן?!

און דו שטייסט פאַר דעם דאָקומענט, ווי פאַר אַ ווונדערלעכער נאַטור־דערשיינונג, און דו פרעגסט זיך: ווי אַזוי האָבן צוועלף יידישע בעלי־מלאכות פון די קליינע פּוילישע פּראָווינץ־שטעטלעך געקענט זיך דער־הויבן צו אַזאַ הויכער קינסטלערישער, ליטעראַרישער און מאָראַלישער מדרגה?

דו שטייסט און דו ווונדערסט זיך: ווי אַזוי האָבן זיי דאָס דערגרייכט?!

III

בעלזשעץ

בעלזשעץ

פון אַלע טויטן־לאַגערן, וואָס האָבן עקסיסטירט אונטער דער דייטשי־שער אָקופּאַציע, איז אפשר דער אימהדיקסטער, וואָס איז געווען אין בעל־זשעץ. איך ווייס נישט, צי קאָן מען זיך אַזוי אויסדריקן; איך ווייס אויך נישט, צי לאָזן זיך און צי מעג מען בכלל די טויטן־לאַגערן גראַדויִרן: שרעקלעך, שרעקלעכער אאַז״וו. וואָס קען דען זיין ערגער פון טויט? און וואָס קען דען זיין שרעקלעכער פון אַ דייטשן טויטן־לאַגער? — און פון דעסטוועגן — — —

ביים אַריינטראַכטן זיך אין די געשיכטעס פון די דייטשע טויטנלאַ־גערן, ביים אָפּוועגן דעם באַזונדערן מהות פון יעדן פון זיי, כאַפּט אָן אַ באַזונדערער ציטער, ווען מ׳קומט צו צום קאַפּיטל בעלזשעץ. נישט דער־פאַר, ווייל אין דעם לאַגער זענען אומגעקומען מער מענטשן; אין דעם פּרט קען זיך בעלזשעץ נישט פאַרגלייכן מיט אָשוויענטשים צי טרעבלינ־קע. אויך נישט צוליב דעם, וואָס אין דעם לאַגער זענען די מענטשן גע־הרגעט געוואָרן צוויי צי דריימאָל. אַזאַ מעטאָד פון הרגענען האָט נאָך די דייטשע פאַרניכטונגס־וויסנשאַפט ביז דעמאָלט נישט געהאַט באַוויזן אויס־צוגעפינען.

בעלזשעץ ווירקט אויך נישט מיט דעם, וואָס ס׳אונטערשיידט זיך פון אַנדערע לאַגערן מיט באַזונדערע אופנים פון מאַסן־הריגות. ניין, אין דעם לאַגער האָט מען, ווי אין סאָביבאָר, צי אין טרעבלינקע, געסמט מענטשן אויף אַ גאַנץ פּשוטן און נאָרמאַלן פאַר יענער צייט אופן, — נעמלעך, מיט די גאַזן וואָס ס׳גיבן אַרויס דיזל־מאָטאָרן געטריבן מיט בענזין.

בעלזשעץ אונטערשיידט זיך אויך נישט מיט דעם, וואָס אין אים איז די אכזריותדיקייט פון די דייטשן דערגאַנגען צו עפּעס גאַנץ נייע ביז דע־מאָלט אומבאַקאַנטע פאָרמען. ניין, די מעטאָדיק פון הרגענען מענטשן אינ־דיווידועל אין יעדן טויטן־לאַגער איז געווען אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע און

אַזאַ דערפינדערישע, אַז אין דעם פּרט לאָזט זיך נישט דורכפירן קיין שום פאַרגלייך. יעדער לאַגער איז אַ תהום פאַר זיך. טאָ, וואָס וועסטו דאָ פאַר־גלייכן? און ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט איינער פון די ווינציקע, וואָס האָבן אַזאַ לאַגער דורכגעמאַכט און על־פּי נס ניצול געוואָרן, איז יעדער „העפטלינג״ אומגעקומען אויף אַן אָריגינעלן, באַזונדערן, אינדיווידועלן אופן.

און מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אומגעקומען זענען דאָך מיליאָנען, טאַקע מ־י־ל־י־אָ־נ־ע־ן. ווייסט איר וואָס דאָס באַטייט?!

בעלזשעץ ווירקט אויף אונדז דערמיט, וואָס מיר ווייסן כמעט גאָר נישט וועגן דעם לאַגער. און מיר ווייסן נישט דערפאַר, ווייל פון דאָרט איז קיינער נישט אַרויס לעבעדיק, אַ חוץ איינעם...

אָט האָט מען עפּעס אין אַ פינצטערן מקום דערשטיקט צום טויט עט־לעכע הונדערט מענטשן און שאַ־שטיל, מען ווייסט נישט, מען רעדט נישט וועגן דעם, נישטאָ קיין זכר, קיין סימן דערפון וואָס ס׳איז פאַרגעקומען. און אָט די סודותדיקייט ווירקט שוידערלעכער פון אַלץ.

לאָמיר נעמען אַנדערע טויטן־לאַגערן און זיי אויספּרווון פון דעם קוק־ווינקל: אָשוויענטשים. נאָך דער באַפרייונג האָבן זיך אָפּגעפונען עטלעכע טויזנט לעבעדיקע יידן וואָס זענען דאָרט געווען — אַ לענגערע צי אַ קור־צערע צייט, — און געבליבן לעבן, ווייל... דער דייטש האָט זיי נישט באַ־וויזן צו פאַרטיליקן. טייל געבליבן טאַקע אויפן אָרט, אין לאַגער. אַנדערע שיינע עטלעכע טויזנט האָבן דורכגעמאַכט דעם לאַגער און פריער אַרויס־געשיקט געוואָרן דורכן דייטש אין אַנדערע לאַגערן און דאָרט געבליבן לעבן. אייניקע — זייער ווינציקע, איז געלונגען צו אַנטלויפן אינעם וועג. אָט די אַלע לעבנגעבליבענע דערציילן אונדז, באַשרייבן זייער פּיין, שרייען אויס פאַר גאָר דער וועלט זייער ווייטיק, פון וואָס מ׳קען לערנען וואָס עס איז אַזוינס געווען אָשוויענטשים. און דאָס איז אַ שטיקל נחמה. אַז אַך און ווי צו אַזאַ נחמה, אָבער פאָרט אַ זכר.

טרעבלינקע: פון דעם לאַגער זענען געבליבן לעבן אַ פּופציק יידן. יידן, וואָס זענען ס׳רוב געווען אָנטיילנעמער אין טרעבלינקער זיגרייכן אויפשטאַנד, וואָס האָט צעשטערט דעם לאַגער. די העלדישקייט פון די

לעצטע „מאָהיקאַנער" האָט געוואָרפן אַ העלע שיין אויף דעם מאַרטירער־וועג פון הונדערטער טויזנטער ייִדן. דער אויפשטאַנד האָט דאָס באַשיינט, אַזוי צו זאָגן, די פינצטערניש פונעם אומקום. מיר זעען אויפן קבר פון טרעבלינקע די העלדן־גאַלעריע פון די קעמפער־מאַרטירער.

און דאָס איז אַ טרייסט...

דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן לאַגער סאָביבאָר, וואָס פאַרנעמט אַ קלענערן אָרט לויט דער צאָל קדושים. אויך אין דעם לאַגער איז אויסגע־בראָכן אַן אָפענער רעוואָלט, וועלכער האָט גורם געווען דעם טויט פון אַ צענדליק דייטשע הענקער און אַזוי האָט זיך אַ טייל פון די אויפשטענד־לער געראַטעוועט פון טויט. זיי זענען דערנאָך ס׳רוב אומגעקומען, אָבער פאָרט לכל־הפחות עטלעכע צענדליק פון זיי לעבן נאָך ביז היינטיקן טאָג, אַ גרויסע טייל פון זיי אין ישראל.

און פון טויטן־לאַגער כעלמנאָ האָבן זיך נאָך בשעת דער וועלט־מלח־מה אַרויסגעריסן געציילטע ייִדן, וואָס זייער עדות־זאָגן איז אַריבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד און „אַלאַרמירט" די וועלט וועגן דעם לאַגער. אין פּוילן זענען אויך געבליבן נאָך דער מלחמה געראַטעוועטע דריי ייִדן, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו ריידן. וועגן כעלמנאָ גיבן אויך אי־בער פּרטים פּאָליאַקן, וואָס האָבן געלעבט נישט ווייט פונעם לאַגער. אויך דאָרט איז געווען צום סוף, אין לעצטן מאָמענט, אַ שטיקל מרידה. און די „לעצטע" דריי ייִדן פון כעלמנאָ געפינען זיך היינט צו טאָג אין ישראל (איינער געשאָסן, אָבער נישט ביז צום טויט). איז וואָס־נישט־וואָס ווייסן מיר וועגן דעם לאַגער... און אָט דאָס וויסן אַליין איז אַ שטיקל נחמה... „זאָל כאָטש די וועלט דערפון געוווּיר ווערן", איז דאָך געווען דער לעצ־טער ווונטש פון אַלע אונדזערע אומגעקומענע.

און בעלזשעץ! פון גאַנצן לאַגער איז געבליבן לעבן ביז צו דער באַ־פרייונג (צי לעבט ער נאָך?) נישט מער — אויף וויפל איך ווייס, ווי איין איינציקער עדות; איין איינציקער מענטש פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך דעם לאַגער, איז געבליבן ביים לעבן. טאָ פון וואַנען זאָלן מיר שעפּן אונדזערע ידיעות וועגן דעם לאַגער, און אויך

די שכנים פון דעם לאַגער, וואָס איז געווען אָפּגערוקט אין אַ זייט, ווייסן און געדענקען כמעט גאָר נישט...

און צום סוף, וואָס איז איבעריקנס אַ פועל־יוצא פון די צוויי אויבן־געבראַכטע פאַקטן, קענען מיר אויך נישט די נעמען פון די בעלזשעצער מערדער און מיר קענען זיי אויך נישט צוליב דעם אָפּזוכן, און דאָס איז גורם, אַז מיר קענען פון זיי אויך נישט באַקומען קיין ידיעות וועגן דעם, וואָס איז געווען. אַגב, דערמאָן איך זיך, אַז אייניקע פון די אָשוויענטשי־מער מערדער זענען עטלעכע מאָל געמשפּט געוואָרן דורך די פּוילישע גע־ריכטן. אויף איין משפּט זענען אויף דער באַשולדיקונג־באַנק געזעסן פער־ציק דייטשן מיט אַ מאָל! פון זיי אַליין האָט מען דאָך געקענט שעפּן קוואַלן מיט פאַקטן, הגם, פאַרשטייט זיך, דעם פולן אמת האָבן זיי נישט געוואָלט און נישט געקענט איבערגעבן. העכער זעקס הונדערט פאַרברעכער פון דעם לאַגער אוישוויץ האָבן דורכגעמאַכט אַ משפּט, און אַ טייל וואַרטן נאָך אויף דער ריי.

און בעלזשעץ? — קיין עדות, קיין באַשולדיקער, דעריבער טאַקע אויך נישט קיין באַשולדיקטער, קיין פאַרברעכער! די אַרבעט איז דאָ אָפּ־געטאָן געוואָרן בשתיקה, מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט, גענויקייט און פולשטענדיקייט, פּשוט צום שטוינען! פולשטענדיק איז געווען די פאַרניכטונג פון יידן אין דעם לאַגער, פולשטענדיק זענען באַזייטיקט גע־וואָרן די סימנים פון מאָרד, און דאָס וואָס דעם פאַרברעכער איז די אַר־בעט אַזוי פיל געלונגען, אָט דאָס טוט צום מיינסטן וויי; איך רייד שוין נישט וועגן שפּורלאָזן אומקום פון די הונדערטער טויזנטער.

וועגן דעם אָנהייב־פּעריאָד פון דער טעטיקייט אין דעם לאַגער, שרייבט ד"ר עמנואל רינגעלבלום אין זיינע נאָטיצן מיט דער דאַטע פון 10טן יוני 1942: „אויב לכתחילה האָט מען דערשאָסן טויזנטער יידן אין מיטן שטאָט אָדער הינטער דער שטאָט, ווערט עס לעצטנס געטאָן לויטן פאָלגנדיקן פּלאַן: די נישט־פּראָדוקטיווע עלעמענטן, קינדער ביז 10 יאָר און זקנים איבער 60 יאָר, ווערן פאַרלאָדן אין פלאַמבירטע וואַגאָנען, וואָס ווערן געהיט דורך אַ דייטשער מאַנשאַפט, און אַוועקגעפירט אין אַן אומ־באַקאַנטער ריכטונג, געווינלעך איז עס אין דער ריכטונג פון בעלזשעץ,

ווי עס בלייבט נישט קיין שום שפּור פון די אויסגעזידלטע יידן. דער פאַקט, אַז ביז היינט איז קיינעם נישט געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דעם טויטנלאַגער אין בעלזשעץ, אַז ביז היינט איז נישטאָ קיין איין יידישער אָדער פּוילישער עדות פון דער פאַרניכטונגס־אַרבעט, וואָס ווערט אָפּגע־טאָן אין בעלזשעץ, איז דער בעסטער סימן, ווי שטאַרק עס ווערט געזאָרגט דערפאַר, אַז די ידיעות זאָלן נישט מפורסם ווערן צווישן אייגענע"...

אויף דעם זעלבן קלאָגן זיך אויך אַנדערע שרייבער פון יענע צייטן, און דאָס זעלבע קענען מיר באַשטעטיקן אויך היינט צו טאָג, צוואַנציק יאָר נאָכן ענדגילטיקן ליקווידירן דעם לאַגער דורך די דייטשן גופא.

וועגן דעם לאַגער האָבן מיר אויך כמעט גאָר נישט קיין דייטשע דאָ־קומענטן; אַ סך ווייניקער, ווי פון יעדן אַנדערן באַזונדער. אָבער וואָס ווייסן מיר יאָ וועגן דעם לאַגער?

קודם־כל: אין בעלזשעץ זענען געווען אין צוויי פאַרשיידענע צייט־אָפּשניטן — צוויי באַזונדערע טיפּן לאַגערן. אין דער ערשטער צייט, סוף 1939, אָנהייב 1941 — איז דאָ געווען אַן א"ג אַרבעט־לאַגער, אָדער ריכ־טיקער: לאַגערן אין דער אַרומיקער סביבה אונטער איין אָנפירונג, ווי אין בעלזשעץ. אַהער האָט מען געשיקט אויף אַרבעט יידן, קודם־כל פון נאָענטן לובלינער קרייז. עס האָבן זיך אָבער אויך דאָ געפונען יידן פון וואַרשע און פון ראַדעם. די יידן האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע באַראַקן און געווען באַשעפטיקט דער עיקרביים גראָבן לאַנגע און ברייטע גרי־בער קעגן טאַנקען. בעלזשעץ איז דאַך געלעגן אויף דער דעמאָלטיקער גרענעץ צווישן צוויי „אינטערעסן־געביטן": גענעראַל־גובערנעמענט און ראַטן־פאַרבאַנד. און די דייטשן האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן גרייטן צו דער שפּעטערדיקער מלחמה מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַנדערע ווידער גרופּעס יידן זענען דאָ געווען באַשעפטיקט ביי לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטן, אין דער מיל, ביי באַן־אַרבעט אאַז"וו.

אין די לאַגערן האָבן יידן געאַרבעט, ווי אין אַ דייטשן לאַגער אין דער ערשטער „גוטער" צייט. דער ייד איז פאַרשוואַרצט געוואָרן פון דער אַרבעט, אָן צו באַקומען עפּעס געצאָלט; וועגעטירט אין הינטישע באַדינ־גונגען, אָבער, ווי זאָגט אַ ייד: „אָן סכנה". די יודנראַטן פלעגן צושיקן

פון צייט צו צייט פעקלעך. דייטשן האָבן גענומען „אין יד״ און די ייִדן האָבן גערן געגעבן: „ער נעמט — איז עס דאָך אַ גוטער סימן״. און טייל מאָל האָט עס טאַקע געהאָלפֿן: אַ ייִד איז פון דער אַרבעט באַפרייט געוואָרן! אַפילו דער בלוטיקער גלאָבאָטשניק, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אויסראָטונג פון די ייִדן אין גענעראַל־גובערנעמענט, האָט פאַר 40.000 גילדן באַפרייט פון לאַגער אַ פּאָר הונדערט ייִדן, ס׳רוב פון זאַמאָשטש. אַזוי גיט איבער דער געוועזענער פּאַרזיצער פון יודענראַט אין זאַמאָשטש און אויף דעם איז אויך מרמז אַ דייטשער דאָקומענט. ייִדן, הייסט עס, האָבן זיך ווי נישט איז אַן עצה געגעבן. און אויב עמיץ איז טאַקע אַוועקגעפאַלן אין לאַגער, איז עס אויך געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלע דערשיינונג אין אַ דייטשן אַרבעט־לאַגער: מ׳איז געשטאָרבן פון די קלעפּ, מ׳איז אומגעקומען פון די „נאָרמאַלע״ — אין אַזעלכע דייטשע באַדינגונגען — עפּידעמיעס, וואָס האָבן דאָרט כסדר אָנגעהאַלטן. מ׳איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, אַלץ לויט דער דייטשער אָרדענונג. אָבער גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס — האָט מען אַפילו אין די פינצטערסטע מחשבות פון יענער צייט נאָך נישט געזען. ס׳האָט נאָך דעמאָלט געהערשט די „גילדענע צייטאַלטער״ פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

אַז די אַלע גרוילטאַטן זענען נישט געווען קיין צופאַל און אַז אַפילו די דייטשע צענטראַלע מאַכט האָט אָנגעפירט מיט אָט דער „אָרדענונג״ און געוווסט וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אין די לאַגערן, קען מען כאָטש זען פון פאָלגנדיקן זייער באַלערנדיקן עפּיזאָד: אויף אַן אָנפראַגע פון דער רעגירונג פון ג. ג. (גענעראַל־גובערנעמענט) אין קראָקע צום לובלינער גובערנאַטאָר, אויף וועמענס טעריטאָריע בעלזשעץ האָט זיך געפונען, צי דער לאַגער עקסיסטירט נאָך און וואָס עס הערט זיך דאָרט, האָט מען אַמטלעך געענטפערט (דעם 21סטן אָקטאָבער 1940), אַז מ׳קען נישט דערגייען קיין טאָלק! אַז מ׳האָט פון דאָרט צוריקגעשיקט אַ גרעסערע צאָל ייִדן, נאָר דערפאָרן צום ציל איז נישט מער ווי אַ העלפט, ווו די אַנדער העלפט איז אַהינגעקומען — ווייסט מען נישט. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך — פילאָסאָפירט דער געהעריקער דייטשער רעפערענט, ספּעציאַליסט פון אַזעלכע ענינים, — אַז מ׳זאָל האָבן אַזאַ גרויסע צאָל אויסגעשאָסן

אויפן וועג! נישט אַנדערש — איז דער זעלבער מחבר זיך משער, עמיץ האָט די יידן באַפרייט פֿאַר... געלט. אָבער דאָס, שטרייכט ער אונטער, איז נישט מער ווי אַ סברה. בקיצור, ווי עס דריקט זיך אויס דער מחבר פון דעם באַריכט — דאָס אַלץ, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר, קען מען באַצייכענען מיט איין וואָרט: „צירקוס". טאַקע באמת אַ שיינע געשיכטע! מ׳שיקט אַרויס 900 יידן און עס דערפֿאָרן בלויז 500! פֿאַרן דייטשן „אָר־דענונגס־ליבנדיקן שכל" איז עס טאַקע נישט מער, ווי אַ פריילעכע געשיכטע, אַ שפּאַס, אַ צירק! כאַ, כאַ, כאַ!

און מיר האַלטן דאַך ערשט ביים סוף פון יאָר 1940.

אָבער סוף־כל־סוף איז טאַקע דער אַרבעט־לאַגער אין בעלזשעץ ליק־ווידירט געוואָרן. די יידן זענען צוריקגעשיקט געוואָרן,[18] אָבער נישט אַלע זענען אַהיים געקומען: ווער ס׳איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אונטערוועגס און ווער ס׳איז נאָך פריער אויפן אָרט אומגעקומען. די יידן אין לאַגער האָבן

---

[18] די צוריקגעקומענע פון דעם לאַגער קיין וואַרשע זינגען דאָ לידער וועגן בעלזשעץ. בעלזשעץ זעט דאָ אויס ווי אַ מקום־פּורעניות, אַ גיהנום, אַ שרעק־נאָמען (דאָס איז די צייט, ווען מ׳קען נאָך נישט טרעבלינקע, דעם „קבר פון וואַרשעווער יידנטום", וואָס איז אַנטשטאַנען פיל, פיל שפּעטער און נישט בעלזשעץ פון דער שפּעטערדיקער תקופה!). פון די לאַגעריסטן ווערן די לידער איבערגענומען דורך די פּילצאַליקע אין וואַרשעווער געטאָ הויף־זינגער, וואָס זענען אין לאַגער נישט געווען, און וואָס צעטראָגן דעם גרויל פון דעם לאַגער איבערן גאַנצן געטאָ, ווי אַמאָל מיט יאָרן צוריק די לידער וועגן קעשעניעווער פּאָגראָם; וועגן די אוקראַינער פּאָגראָמען פון פּעטליורעס באַנדעס אאַז״וו.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער געגעבענער סיטואַציע קען מען נישט אָנגעבן, וואָס האָבן די לאַגעריסטן געבראַכט פון בעלזשעץ און וואָס זיי האָבן מוסיף געווען, צי געענדערט דורך די הויף־זינגער, וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין לאַגער גופא און וואָס אויסער אים. לידער־טעקסטן וועגן בעלזשעץ, דעם אַרבעט־לאַגער, וואָס ס׳איז אַ ספק צי זיי זענען טאַקע בעלזשעצער לידער, האָבן זיך אָפּגעהיט פון יענער צייט; דער עיקר זענען זיי פֿאַרצייכנט געוואָרן טאַקע אין וואַרשעווער געטאָ.

צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן, ווען מיר וועלן שרייבן וועגן די לי־דער פון דער ערשטער אָקופּאַציע־תקופה, וועגן דער „רויקערער" צייט. איצט פֿאַר־נעמען מיר זיך דערהויפּט מיט דער צווייטער תקופה, מיט דער ליטעראַטור פון די טויטן־לאַגערן.

די אַרבעט פּאַרענדיקט. דער פעסטונג־וואַל קעגן ראַטנפאַרבאַנד איז אויפ־געשטעלט געוואָרן (טיילווייז זעט מען אים נאָך ביזן היינטיקן טאָג (1948), און מ׳וואַרט אויפן מאָמענט, ווען מ׳וועט אַליין אָנפאַלן אויפן ראַטנפאַר־באַנד. דערווייל נייטיקט מען זיך נישט אין קיין יידן, נישט אין זייער אַר־בעט, נישט אין זייער נאָענטקייט און נישט אין דער נאָענטקייט פון קיין שום מענטשן. ס׳איז קריגס־געביט! ס׳איז אַ מין הפסקה, אַן אויסנעמעניש. די צוגרייטונג־אַרבעטן צו אַ נייער מלחמה זענען פאַרענדיקט. מ׳וואַרט נאָר אויף אַ גינסטיקער צייט און אויפן געהעריקן סיגנאַל. פון דער צווייטער זייט איז נאָך צו פרי אָנצוהייבן מיט דער פאַרניכטונג פון די יידן. איבעריקנס, האָט מען אין דעם מאָמענט קיין צייט נישט דערצו. נישטאָ קיין קאָפּ! זאָל נאָר די מלחמה מיטן ראַטנפאַרבאַנד זיך גיך און גליקלעך פאַרענדיקן, וועט שוין זיין צייט אויף אַלץ. זאָלן יידן געניסן פון דער קליינער הפסקה. דאָס נוצט אויך צום שפּעטערדיקן ציל: זי שטילט איין די יידן, פאַרנאַרט זיי. אַנטלויפן וועלן זיי דאָך אויך נישט. נישטאָ וווהין.

האָט מען טאָקע דעם לאַגער אין בעלזשעץ (זיין אָפיציעלער נאָמען איז: AL (Arbeitslager) Belzec. אויפגעלייזט און די יידן אָפּגעלאָזן).

ס׳איז סוף 1940, אָנהייב 1941.

און אָט ברעכט טאָקע אויס די מלחמה מיטן ראַטנפאַרבאַנד (דעם 22סטן יוני 1941). די דייטשע אַרמיי האָט אַ שפּאַר געטאָן אויף מזרח און מיט אירע חיילות פאַרפלייצט ריזיקע שטחים.

די דייטשן זענען מצליח. זיי גייען מיט ריזיקע שריט פאָרויס. עס קומט דער זעניט פון זייערע דערגרייכונגען אויפן פראָנט. די קאָמפּסגע־ביטן זענען: מאָסקווע, קאַווקאַז, טויזנטער קילאָמעטער פון דייטשלאַנד. דער דייטש — דערגרייכנדיק דעם הויכפּונקט פון זיינע קאַמף־דערפאָלגן, האַלט, אַז ער האָט שוין געזיגט, און ער נעמט זיך ענדגילטיק צו לייזן דאָס „יודענפּראָבלעם״, כדי פּטור ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פונעם אינערלעכן שונא. און אויב ס׳וועט געלינגען צו באַזיגן דעם אויסערלעכן שונא, ווער וועט דעמאָלט קענען זיך אַנטקעגנשטעלן דעם טויזנטיאָריקן רייך! און מ׳הייבט אָן בויען טויטן־לאַגערן. קודם־כל אין כעלמנאָ, דערנאָך אין בעלזשעץ, דערנאָך...

יאָ, אָבער פאַר וואָס דווקא אין בעלזשעץ?

איך מיין, אַז דאָ האָט געווירקט נישט נאָר די גינסטיקע געאָגראַפישע לאַגע, אין וואָס ס׳בייטיקט זיך אַ טויטן־לאַגער, אַן אָפּגערוקט ווינקל, פאַרוואָקסן מיטביימער, נישט ווייט פון אַ באַן־קאָמוניקאַציע אאַז״וו. סוף־כל־סוף אַזעלכע באַגינסטיקטע דורך דער נאַטור אַליין (!) ערטער קאָן מען געפינען אַ סך. עס פעלן נישט אויף גאָטס וועלט ערטער, וואָס זענען ווי ספּעציעל באַשאַפן געוואָרן אויף פאַרוואַנדלט צו ווערן אין... טויטן־לאַגערן.

איז דאָך טאַקע אַ שאלה, מיט וואָס האָט בעלזשעץ זוכה געווען אַזוי נתעלה צו ווערן?

איך רעכן, אַז דאָ האָט געמוזט שפּילן אַ ראָל עפּעס מער, ווי די נאַטור גופא, עפּעס מער וויכטיקערס פאַרן דייטש, — נעמלעך, די עקאָנאָמישע זייט פון פּראָבלעם, די דייטשע שפּאָרזאַמקייט. אין בעלזשעץ זענען דאָך שוין געווען גרויסע אָפענע, נאָך נישט פאַרשאָטענע ברייטע גריבער, וואָס זענען אַמאָל (צוריק מיט אַ יאָר, אַנדערהאַלבן) געבויט געוואָרן קעגן סאָוועטישע טאַנקען; אָבער היינט, ווען דער זיגרייכער מאַרש איז אַוועק גאָר ווייט, אויף טויזנטער קילאָמעטער ווייט, זענען דאָך די גריבער געבליבן ליידיק, אַן אַ פאַרווענדונג. שטייען זיי מיט אָפענע מיילער, די אומנייטיקע באַשעפענישן און דאַרשטן נאָך זייערס. אַזוי פיל מי און אַרבעט אין זיי אַריינגעלייגט און דאָ... „נוצלאָז״.

האָט דער דייטשער מוח געטראַכט און געטראַכט און — געפונען! מ׳וועט דאָ בויען אַ טויטן־לאַגער, אַ האַלבע אַרבעט איז דאָך שוין אָפּגעטאָן געוואָרן, די גריבער וואָס שטייען גרייט, וועט מען קענען נוצן ווי קברים פאַר די גופים פון די פאַרגאַזטע. וועט עס זיין אי עקאָנאָמישער, אי „שנעלער״, אי פיינער. מיט אַלע מעלות. וועגן צווייטן טייל פון דער אַרבעט לוינט זיך אפילו נישט צו טראַכטן, ס׳איז ממש אַ קלייניקייט, ווייל וואָס פאַר אַ באַטייט קאָן האָבן פאַר דער גרויסער דייטשער קריגסמאַשין דאָס אַהער ברענגען מיט צוגן פון דער נישט ווייטער סביבה אַ פּאָר הונדערט טויזנט יידן און זיי אויף אַ מעכאַנישן, אינדוסטריעלן אופן אומברענגען?

אויך דאָס איז אַ קריגס־וויכטיקער ענין און מוז אין דער ערשטער ריי דערליידיקט ווערן. און אַזוי איז טאַקע געשען. די גריבער האָבן — לויטן דייטשן וועלטבאַנעם, באַקומען זייער תיקון... און בעלזשעץ איז ווי־דער נתגלה געוואָרן. און גלייכצייטיק ווי דערהויבן געוואָרן; נאָך מער געטלעכער, ווי געוועזן.

פון אַן אַרבעט־לאַגער, ווו די טויט־פּראָדוקציע איז אַ דעטאַלירטע, נאָר פּאָר יחידים, — ווערט עס אַ טויטן־לאַגער, אַ מאַסן־פּראָדוקציע, אַ גרויסע „מאַסן־אונטערנעמונג״ (אַ דייטשער טעכנישער אויסדרוק!).

דער אַרבעט־לאַגער האָט צוגעגרייט דעם באָדן. געוועזן ווי אַ מין פּראָלאָג.

דער הויכפּונקט פון דער אונטערנעמונג וועט ערשט קומען.

אין מערץ 1942 איז שוין דער טויטן־לאַגער פּאַרטיק. קיין בעלזשעץ הייבן אָן צו לויפן פון אַלע עקן וועלט טראַנספּאָרטן ייִדן „צום איבער־זידלען״.

נישט לאַנג האָט געדויערט די אַרבעט פון דעם לאַגער, סך־הכל ביז זומער 1943. אָבער אין משך פון אַזאַ קורצער צייט האָט דער לאַגער באַוויזן צו ווערן דער קבר פאַר די ייִדן פון „דיסטריקט גאַליציע״; טייל־ווייז אויך פאַר די ייִדן פון מערב־גאַליציע, לובלינער קרייז און אַפילו פאַר אַ טייל אויסלענדישע ייִדן. ער האָט באַוויזן איינצושלינגען הונדער־טער טויזנטער ייִדן. כ׳מיין אַז אַן ערך פון 250.000 ביז 300.000 אָט דאָס הייסט דייטשע טעכניק! דייטשע עקאָנאָמיק!

אַ דאַנק דעם, וואָס דער לאַגער האָט אַזוי פּריצייטיק אָנגעהויבן צו אַרבעטן, ווען ס׳זענען נאָך אומעטום געוועזן ייִדן, נישט ווייט אַפילו פון בעלזשעץ גופא, איז מען פרי געוווּיר געוואָרן וועגן דער עקסיסטענץ פון טויטן־לאַגער בעלזשעץ. אָבער וועגן אינערלעכן „לעבן״ אין לאַגער האָט מען גאָרנישט נישט געוווּסט. מ׳מוז זאָגן, אַז בעלזשעץ האָט באַקומען טאַ־קע תיכף, שוין אין יאָר 1942, אַ שם אין פּוילן און אויסער פּוילן. עס האָבן וועגן אים גערעדט און געהערט נישט נאָר ייִדן פון די פּוילישע באַן־אָנגעשטעלטע (דער לאַגער ליגט אַ האַלבן קילאָמעטער פון דער באַן־ליניע: לעמבערג—לובלין, נישט ווייט פון דער סטאַנציע בעלזשעץ), האָט

זיך דער אמת צעטראָגן אויך צווישן די פּאָלאַקן און אָנגעוואָרפן אַן אימה. בעלזשעץ איז צוליב דעם געוואָרן צו יענער צייט מער פּאָפּולער, ווי אַנ־דערע לאַגערן. ס׳איז געוואָרן אַ שרעק־וואָרט. ס׳איז אַריין אין פאָלקלאָר, מ׳האָט וועגן דעם אָרט דערציילט לעגענדעס. אַגב, האָט מען שוין אין יאָר 1942 גערעדט וועגן דעם, אַז אין דעם לאַגער אַרבעט מען אויס זייף פון מענטשן־פעטס אאַז״וו. מ׳האָט אויך דערציילט וועגן די אופנים פון הרגענען די מענטשן דאָרט: מיט עלעקטריע, און די פּאָל הייבט זיך מע־כאַניש אַליין אויף און שיט אויס די מענטשן אין גרוב אַריין אאַז״וו. אָט די ידיעות וועגן בעלזשעץ פון יענער צייט באַווייזן טאַקע, אַז דעם אמת וועגן דעם לאַגער האָט מען נישט געוווּסט, ווייל אַ גרויסע טייל פון זיי האָט זיך שפּעטער, אויף ווי ווייט מיר ווייסן היינט צו טאָג, — אַרויסגע־וויזן פאַר נישט ריכטיקע.

שפּעטערצו זענען די טויטן־לאַגערן אין פּוילן געוואָרן אַ טאָג־טעג־לעכע דערשיינונג, אַ מעשה שבכל יום און מ׳האָט זיך אויפגעהערט צו וווּנדערן און מיט זיי זיך צו אינטערעסירן. בפרט, אַז ס׳זענען אַנטשטאַנען אַלץ נייערע און מער פולקומענערע...

בעלזשעץ איז אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט, זיין שטערן איז פאַר־טונקלט געוואָרן דורך די שפּעטער אַנטשטאַנענע און מער מאָדערנערע פאַרניכטונג־ערטער, ווי: אוישוויץ, טרעבלינקע, מאַידאַנעק.

און בעלזשעץ איז צו ביסלעך פאַרגעסן געוואָרן.

אין אַזאַ קורצער צייט, אין משך פון צוויי־דריי יאָר אין גאַנצן, — אַזוי פיל שינויים, אַזוי פיל קאָפּשווינדלענדיקע דערגרייכונגען און רע־קאָרדן. אין אַ נאָרמאַלער צייט וואָלט מען געדאַרפט דערצו צענדליקער יאָרן, אויב נישט מער.

דער טויטן־לאַגער בעלזשעץ ווירקט דעריבער אויף אונדז ביז אויפן היינטיקן טאָג מיט זיין האַסטיקייט, אימפּעט, קורצאָטעמדיקייט און מיט זיין סודותדיקייט. ביז היינט זענען אונדז, ווי געזאָגט, אַ סך פּרטים וועגן אים נישט באַקאַנט.

אָט די אַלע מערקווירדיקייטן געפינען מיר אויך אין דער ליטעראַטור פון און וועגן בעלזשעץ.

צי איז אויך פון דעם לאַגער, וואָס האָט קיין לעבעדיקן מענטשן פון זיך נישט אַרויסגעלאָזט, אויך עפּעס געבליבן לדורות? דאַכט זיך, אַז יאָ. און אָט וואָס כ׳קען וועגן דעם איבערגעבן:

פאַר מיר ליגן צוויי טעקסטן פון אַ ליד „בעלז", כמעט אידענטישע, וואָס איינס פון זיי האָט מען געהערט זינגען אין קראַצאָו (טשעכאָסלאָוואַקיע), דאָס צווייטע אין לובלינער אַרבעט־לאַגער „פּלאַגע־לאַשקיעוויטש".

אָט איז דער טעקסט פון ליד:

אויף אַלע וועגן פון איראָפּאַ באַנען
דאָרט לויפן, צוגן גאָר אָן אַ שיעור.
און אַלע לויפן און אַלע גייען
צו דיר, מיין שטעטעלע,
אומגליקליך שטעטעלע צו דיר.

רעפריין:

בעלז, די לעצטע סטאַציע בעלז,
פון וואַנען ס׳איז נאָך קיינער נישט צוריקגעקומען,
ווי מיין פאָלק איז אומגעקומען.

די לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, אַן אַלטער ייִד כראָפּעט;
דאָרט גוססט איינע מיט איר קינד.
דאָס קינד שרייט: „מאַמע, איך וויל צו דיר".
זי איז געשטאָרבן, ווייל איז צו איר.

רעפריין:

די לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, קוים וואָס זי רירט
ווייל אַזוי פיל צרות האָט זי נאָך ניט געפירט.
צייט די באַנען גייען און צייט די וועלט שטייט
האָט נאָך אַזאַ מערדער ניט געזען די מענטשהייט.

רעפריין:

און אַז דו וועסט וועלן אַ מצבה אויפשטעלן,
זאָלסטו מיליאָנען ציגל באַשטעלן.
די מצבה זאָל זיין ווי די טאַטרעס הויך,
ווייל קיין אַנדערע מצבה פאַרשטייט ניט מיין מוח.

רעפריין:

און אַז דו וועסט דאָ פאַרבלייבן,
זאָלסטו די מצבה פאַר אַנדערע פעלקער ווייזן.
זיי זאָלן געדענקען נקמה נעמען
פאַר דיין פאָלק, וואָס איז אומגעקומען
אויף קידוש־השם.

רעפריין:

בעלז, ווי טרויעריק איז דאָרט יעצט,
ווען דער ווינט בלאָזט איבער די פעלדער,
איבערן ברידערליכן קבר
זאָגט ער אל מלא רחמים.

די פרוי, וואָס האָט געהערט זינגען דאָס ליד אין יאָר 1943 אין לאַ־גער „פלאַגע־לאַשקיעוויטש" (אין דעם לאַגער האָט מען סאָרטירט און גע־רייניקט די זאַכן, וואָס זענען אָנגעקומען פון די טויטן־לאַגערן: סאָביבאָר, בעלזשעץ, מאַידאַנעק, איידער מ׳האָט זיי איבערגעשיקט אין אַן „אָנשטענ־דיקער פאָרעם" פאַר דייטשן קיין דייטשלאַנד), גיט איבער, אַז דאָס ליד פלעגן זינגען קינדער, וואָס האָבן דאָס געהערט פון צוויי פרויען, וואָס זענען אַנטלאָפן פון בעלזשעץ, בכן זאָל דאָס ליד שטאַמען טאַקע פון בעל־זשעץ גופא.

די אַנדערע פרוי, וואָס האָט עס געהערט אין קראַצאַו (סוף 1944), גיט שוין אָן אַ נאָמען פון אַ מחברטע, וואָס זאָל עס האָבן פאַרפאַסט טאַקע אין קראַצאַו. אָבער דאָ האָט זי שוין אַ טעות. עס איז שוין אַזוי, אַז דער

יעניקער, וואָס הערט אַ ליד פון עמיצן צום ערשטן מאָל, האָט אַ נטיה צו באַטראַכטן אים פאַר דעם מחבר. דאָס וואָס מ׳האָט געזונגען דאָס ליד קודם אין לובלין, נישט ווייט פון בעלזשעץ, דערנאָך אין בעמען און מעג־לעך אויך אַז נאָך ערגעץ־ווו, — ווייזט אָן אויף דעם שטראָם יידישע אַר־בעטער, וואָס מען האָט געיאָגט — פאַראַלעל צום צוריקציִען זיך פון דער דייטשער אַרמיי פון מזרח, — פון די באַזעצטע פוילישע געביטן קיין מערב, קיין דייטשלאַנד, בעמען אאַז״וו.

איז טאַקע דעריבער מעגלעך, אַז דאָס ליד איז אַנטשטאַנען אין בעל־זשעץ צווישן די יידן, וואָס זענען דאָרט געווען איידער מ׳האָט זיי פאַר־גאַזט, און וואָס אַ שטיקל צייט האָט מען זיי באַשעפטיקט אין לאַגער. ס׳איז אָבער אויך מעגלעך — און דאָס איז וואָרשיינלעכער, — אַז דאָס ליד איז אַנטשטאַנען ערגעץ אַנדערשוו, נישט ווייט פון בעלזשעץ, פון וואַנען מ׳פלעגט כסדר שיקן טראַנספּאָרטן קיין בעלזשעץ (למשל, פון שטעטל איזביצע, ווו מ׳האָט געשאַפן אַ זאַמל־לאַגער, אַ רעזערוואַר פאַר די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און פון אויסלאַנד): אויף דעם, אַז דאָס ליד איז אַנטשטאַנען מחוץ דעם לאַגער, ווייזט אַז דער אינהאַלט פון ליד. דער מחבר באַשרייבט דאָ נישט דאָס אינעווייניקסטע פונעם לאַגער, נאָר דאָס וואָס מ׳האָט געקענט הערן און זען פון דרויסן: באַנען לויפן; מאַמע און קינד; אַלגעמיינע ידיעות וועגן דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר. דאָס זעלבע איז שייך דעם פאַרלאַנג צו שטעלן אַ מצבה, כדי אַנדערע פעלקער זאָלן נקמה נעמען אאַז״וו. צי האָט שוין דער מחבר נישט געגלייבט אין קיום פון אייגענעם יידישן פאָלק? אין יענער צייט איז עס געווען גאַנץ מעגלעך. בכלל מאַכט דאָס ליד דעם איינדרוק, אַז ס׳איז אַנטשטאַנען לאחר המעשה: מ׳האָלט שוין ביי דער מצבה...

אין ליד קען מען אויך דערזען געוויסע רעמיניסצענצן פון „טרעבלינ־ליד״: ערשטנס, דאָס קינד, וואָס רייסט זיך צו דער מאַמען, וואָס איז שוין טויט; אין „טרעבלינקער ליד״ זאָגט זיך: „דאָס האַרץ טוט ווי, ווי דאָס קינד שרייט צו דער מאַמען: ווו לאָזטו מיך איבער, פאַר וואָס נישט ביי־דע צוזאַמען?״ און צווייטנס — דער מאָטיוו פון „קידוש־השם״). אָבער די ענלעכקייט איז נישט אַזאַ, מ׳זאָל דאַרפן אָננעמען דעם איינפלוס פון איין

ליד אויפֿן צווייטן. ס׳קען געמאָלט זיין, אַז די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וואָס זענען דאָך געווען זייער ענלעך צו זיך, האָבן אַרויסגערופֿן ענלעכע מאָטיוון ביי פֿאַרשיידענע פֿאָלקסדיכטער.

פֿאַר דער מלחמה און בעת דער מלחמה איז אין פּוילן געווען זייער פּאָפּולער אַ סענטימענטאַל ליד (מ׳פֿלעגט עס זינגען סיי אויף ייִדיש, סיי אויף פּויליש) וועגן „בעלז, מיין שטעטעלע בעלז״, נאָך וועלכן ס׳האָט געבענקט דער אָפּשטאַמיקער פֿון דעם שטעטל, וואָס איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט. אין מלחמה־צייט האָט אין קאָפּע גערטנער, אויף טלאָמאַצקע 13, דאָס ליד געזונגען דוד זיידערמאַן (1940). צוליב דעם, ווי אויך מחמת דעם, וואָס בעלז איז געווען מער באַקאַנט (דער בעלזער רבי), האָט מען דעם טויטן־לאַגער גערופֿן בעלז, נישט בעלזשעץ, וווּ ער האָט זיך פֿאַקטיש געפֿונען. ביידע שטעטלעך ליגן, אַגב, נישט ווייט פֿון זיך, גאַנץ וואָרשיינלעך, אַז דער רוב ייִדן האָט טאַקע נישט אונטערגעשיידט צווישן די ביידע ערטער.

ה. פֿענסטער, וואָס איז אַליין געפֿירט געוואָרן אין אַ פֿאַרמאַכטן וואַגאָן קיין בעלזשעץ, סעפּטעמבער 1942, און וועמען ס׳איז על־פּי נס געלונגען אַרויסצושפּרינגען פֿון וואַגאָן אין לויף, האָט נאָך אין יאָר 1944, אונטער דער אָקופּאַציע, אָנגעשריבן אַ לענגער ליד, א״נ „קיין בעלזשעץ״. און דאָס ליד הייבט זיך אָן:

„באַנען פֿאָרן, באַנען פֿירן
ביי פֿאַרהאַקטע פֿענצטער, טירן —
— — — — — — — — —
באַנען ציִען, באַנען שפּאַנען
פֿון אַלדי עקן און פֿון דאַנען״.

מיר זעען דאָ, אַז אויך דער דיכטער, וואָס האָט נישט געקענט דאָס פֿריִער געבראַכטע ליד, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער אויסטערלישקייט פֿון שיקן מאַסן טראַנספּאָרטן, גאַנצע צוגן מענטשן קיין בעלזשעץ אויף אומקום. פֿאַראַן עפּעס טייוולאָנישעס אין אָרגאַניזירן, אין אַזאַ

שווערן פאַר דער דייטשער מלוכה־מאָמענט, ספּעציעלע צונגען מיט ייִדן צו טויט־לאַגערן, אין אַ מאָמענט, ווען דאָס דייטשע פאָלק האָט געפירט „אַ קאַמף אויף לעבן און טויט". און ווען יעדע קלייניקייט האָט זיך גע־קענט אָפּרופן אויפן גאַנג פון דער מלחמה. ספּעציעלע לאָזונגען, אויפ־רופן, בראָשורן האָבן געלערנט און גערופן די דייטשן נישט צו פאַר־שווענדן נישט קיין צייט, נישט קיין מאַטעריאַל, נישט קיין כוחות — אַלץ דאַרף געשטעלט ווערן אין דינסט פון פאָטערלאַנד, פאַרן „גלאָררייכן זיג". צווישן די לאָזונגען האָט זיך אויך געפונען דער פאַלגנדיקער: Alle Räder rollen für den sieg. אויף די רעדער, וואָס פירן די ייִדן אין די טויטן־לאַגערן, „ראָלען" פאַרן נצחון פון דייטשלאַנד.

און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אין אָט דעם שדים־טאַנץ פון די אָנ־צאָליקע טראַנספּאָרטן צום אומקום, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף, האָט דער דייטש פאַרלוירן דעם שכל־הישר; ער האָט פאַרגעסן, פאַר וואָס ער קעמפט, צו וואָס ער שטרעבט; דער ווירוואַר, דער טייוולאָנים־טאַנץ פון די וואַגאָנען, וואָס האָבן געפירט מענטשן פאַר דער גרויסער טויט־אינדוסטריע, פאַר די גרויסע גאַז־קאַמערן, איינגעאָרדנטע לויט די לעצ־טע דערגרייכונגען פון דער „פאַרניכטונג־וויסנשאַפט", די גראַנדיעזע קרעמאַטאָריעס, אויסגערעכנטע אויף צענער טויזנטער מענטשן אַ טאָג, — אָט דאָס אַלץ האָט אים, דעם שונא, אַזוי איינגעשלונגען, אַז ער האָט אין אַלעם אַנדערן, אַפילו וועגן אייגענעם פאָטערלאַנד, אַפילו אין די אייגע־נע אינטערעסן פאַרגעסן.

אַבי די אינדוסטריע זאָל גיין, אַבי די טעכניק זאָל אַרבעטן.

אָט דאָס איז דער ציל, צו וועלכן מ'שטרעבט און צוליב דעם טאָר מען נישט אָפּשטעלן אויף קיין איין רגע דעם פּראָצעס פון מאָרדן. די טעכניק, די מאַשין, האָט ביים דייטש צוגענומען אי דאָס האַרץ, אי דעם מוח; געבליבן איז נאָר דער אויטאָמאַט, דער „ראָבאָט", דער גולם, וואָס קען זיך אַליין נישט באַפרייען פון דער פאַרניכטונג־מאַשין, וואָס ער אַליין האָט אויפגעשטעלט און וואָס האָט אים אַליין סוף־כל־סוף דערפירט צום אָפּגרונט.

***

פּ. ס.:

1. ענלעכע מאָטיוון, ווי אין בעלזשעצער ליד, ווי אין ליד פון נישט־דערפאַרענעם קיין בעלזשעץ יידישן שרייבער, געפינען מיר אויך ביי אַ פּריילין, סאַלאַ גרינבערג, וועלכע איז אויך געשפּרונגען פונעם צוג הינטער בעלזשעץ און אירע איבערלעבונגען אויסגעגאָסן אויפן פּאַפּיר, ווען זי איז דערנאָך, אין יאָר 1943, געווען באַהאַלטן ביי אַ פּוילישער משפּחה. דאָס ליד, — געשריבן צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, אין פּויליש — הייבט זיך אָן: Lokomotywa szarpnela obojetnie swe wagony...
אַלץ דער מאָטיוו פון לויפנדיקע צוגן:

2. וועגן דער דייטשער לאָזונג: Alle Räder rollen für den Sieg
וואָס איז אומעטום געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות און אויך אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע פון פּוילן, איז צווישן די יידן און פּאָליאַקן אַרומגעגאַנגען אַ וויץ: Alle Räder rennen zum Sieg!
— ריכטיק! אָבער די אַקס?

אַן אָנצוהערעניש צו דעם פאַקט צווישן היטלערן און דעם „דוטשע" מוסאָליני, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „אַקס"), ווייל נישט געקוקט אויפן פאַרניכטונג־פּראָצעס פון בעלזשעץ און אַנדערע לאַגערן, האָבן די יידן — און טאַקע דער עיקר זיי, — נישט פאַרלוירן אויף קיין איין מינוט די האָפענונג, אַז סוף־כל־סוף וועט ער דאָך די מלחמה פאַרשפּילן. דער איינציקער ספק, וואָס האָט דעם יידן דעמאָלט געפּלאָגט, איז געווען, צי וועט ער עס דערלעבן.

IV

טרעבלינקע

טרעבלינקע

כ׳מוז באַטאָנען, אַז אין דעם טייל פאָלקסשאַפן גייט נישט אַריין דאָס באַקאַנטע ליד „טרעבלינקע״, ווייל ווי איך האָב אין אַ פאַריקן קאַפּיטל זיך באַמיט צו דערווייזן, איז דאָס דאָזיקע ליד נישט אַנטשטאַנען אין טרעבלינקע גופא, הגם סיי פאָלקסמענטשן, סיי יידישע שרייבערס, קריטיקערס באַטראַכטן עס פאַר אַ ליד פון טרעבלינקע.

מיר וועלן זיך דאָ דאַקעגן פאַרנעמען בלויז מיט צוויי לידער, וואָס זענען יאָ אַנטשטאַנען אין טרעבלינקע. ווייל מער איז צו אונדז נישט דערגאַנגען, הגם מיר ווייסן, אַז אויך אין טויטן־לאַגער האָבן יידן געשאַפן נאָך אַנדערע ליטעראַרישע ווערטן.

פון וואַנען שטאַמען די לידער?

פריינד שמואל רייזמאַן, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ שטיק „טרעבלינקע״ און אָנטייל־גענומען אין אויפשטאַנד (אויגוסט 1943), האָט אונדז איבערגעגעבן צוויי לידער געשריבן מיט אַ בלייער אויף אַ בלאַט פון אַ העפט און דערציילט, אַז ער האָט עס געפונען אין דער קעשענע פון אַ מלבוש, וואָס האָט געהערט צו מ. שענקער, אַ וואַרשעווער ייד, וואָס איז געווען אַ שטיקל דיכטער, אַ שטיקל קאָמפּאָזיטאָר, מיט איין וואָרט: אַ מענטש מיט גאַר גרויסע מעלות. שענקער איז מיט זיין משפחה (אַ ווייב און אַ קינד) פאַרשלעפּט געוואָרן פון וואַרשע בעת דער גרויסער אויסזידלונג, זומער 1942, קיין טרעבלינקע. דאָ איז דאָס ווייב און קינד תיכף געגאַנגען, ווי מ׳רופט עס דאָ אָן — צום גאַז, ווי נישט אַרבעטס־פעיקע. דער פאָטער, דער דיכטער אַליין, איז פאַראורטיילט געוואָרן נאָך צום לעבן אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע. צו לעבן און אַרבעטן. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין דורכנישטערן, סאָרטירן, צונויפלייגן און איינפּאַקן די זאַכן פון די יידישע קדושים און איבערשיקן זיי קיין דייטשלאַנד.

דער דיכטער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט ביי דער מלאכה, ביז ס׳איז געקומען די ריי אויך אויף אים אַליין. נאָך זיין אומקום זענען די בגדים ווידער אַריינגעפאַלן אין דער זעלבער „עפעקטען־קאַמער״ (אַזוי האָבן גע־הייסן די מאַגאַזינען פון זאַכן, וואָס זענען געבליבן נאָך די געהרגעטע) און ווידער האָט ביי זיי געאַרבעט אַ יידישער העפטלינג. און ווען ער האָט געניששטערט אין די קעשענעס (לויטן באַפעל פון די דייטשן, האָט מען געמוזט געגוי אַדורכזוכן, צי אין די מלבושים געפינען זיך נישט קיין פאַרשטעקטע אוצרות. פאַר דורכלאָזן אַ נישט־געזעענע, פאַרבייטע זאַך, האָט געדראָט טויט־שטראָף אויפן אָרט!), האָט ער אָנשטאָט ווערטזאַכן געפונען אַ בויגן פאַפיר מיט פאַרשריבענע צוויי לידער.

דעם אוצר האָט אָבער אונדזער פריינד רייזמאַן די דייטשן שוין נישט אָפּגעגעבן. ער האָט אים געהיט די גאַנצע צייט, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

שלאָף מיין קינד

דאָס ערשטע ליד, וואָס מיר ברענגען דאָ, טראָגט דעם נאָמען: „שלאָף, מיין קינד״. פון דעם קעפּל איז צו זען, אַז ס׳איז אַ וויגליד.

אַזעלכע וויגלידער זענען שכיח ביי אַלע פעלקער. זיי זענען דאָס די ערשטע לידער, מיט וועלכע דער מענטש באַגעגנט זיך אין זיין לעבן. ער געדענקט זיי געוויינטלעך פון דער פריסטער קינדהייט און זיי בלייבן ביי אים אין זכרון אויף אייביק, ווי אַ זכר פון דעם גאָלדענעם צייטאַלטער.

דאָס וויגליד קניפּט זיך צונויף מיט דער געשטאַלט פון דער מוטער, וואָס זינגט פון דער משפחה, פון דער היים. לויטן קלאַנג, מעלאָדיע און ריטמיק איז עס באַשטימט פאַרן קינד. עס דאַרף ווירקן אויף אים באַ־רויקנדיק, איינשלעפערנדיק; האָט צוליב דעם אַ כאַראַקטעריסטישע קאָנ־סטרוקציע, מאָנאָטאָן, רויק און ס׳ווערט געזונגען לאַנגזאַם. דער קלאַנג פון די ווערטער ווירקן אויפן קינד, דאַקעגן זייער אינהאַלט איז פאַרן קינד נישט פאַרשטענדלעך. אין זיי דריקט אויס די מוטער אירע גע־פילן צום קינד, אירע האָפענונגען וועגן זיין צוקונפט, די מורא פאַר אַלדאָס אומגעריכטע און שלעכטע, וואָס קען טרעפן דעם קינד אין לעבן אאַז״וו. היות די לידער זענען פאָלקסלידער, וואָס גייען איבער פון דור

צו דור כמעט נישט פאַרענדערט, דריקן זיי אויס דעריבער דאָס אַלגעמיינע געפיל פון דער פאָלקס־מאַמען: דאָס געפיל וואָס יעדע מאַמע האָט צו איר קינד; די האָפענונגען אויפן קינד איז גלייכצייטיק דער אידעאַל, וואָס דאָס פאָלק וויל זען אין קינד פאַרווירקלעכט. קיין שום אַנדער ליד איז נישט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ פאָלק, ווי אַ וויגליד. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפיל דאָס אַלגעמיין־באַקאַנטע:

„אונטער (דאָ גייט דער נאָמען פון קינד) וויגעלע
שטייט אַ קלאָר, ווייס, ציגעלע.
תורה וועט ער לערנען,
ספרים וועט ער שרייבן,
אַ גוטער פרומער ייד וועט ער בלייבן".

(געבראַכט ביי מענדעלע מוכר ספרים אין „אַ גרויע האָר"!).

אין אַן אַנדער וויגליד זינגט מען, אַז „תורה איז די בעסטע סחורה"; „תורה וועסטו לערנען, דרשות וועסטו זאָגן" אאַז"וו. (מענדעלע: „שלמה ר' חיימס", 2טע טייל). פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי דאָס ליד ווערט געזונגען „פאַרן קינד", באַנוצט זיך די מוטער מיטן „קינדערשן לשון" („פאַרציונגען", אָנאָמאַטאָפּעישע אויסדרוקן אאַז"וו) הגם, פאַרשטייט זיך, אַז אויך די דאָזיקע ווערטער זענען דעם קינד פרעמד.

אויפן סמך פון די פאָלקס־וויגלידער שאַפן דיכטער ביי יעדן פאָלק אויך אינדיווידועלע וויגלידער, וואָס זענען ס'רוב סטיליזירטע קינסטלעריש שאַפונגען, וואָס האָבן אָבער אין זיך „עפּעס" פון פאָלקסטימלעכן וויגליד. ווי אַזוי אָבער זעט אויס אַ וויגליד געשאַפן אין אַ דייטשן טויטן־לאַגער, ווו דאָס קינד איז קודם־כל געווען באַשטימט צו גיין אין אויוון אַריין, און מיט אים אינאיינעם זיין מאַמע?

אויף דעם ענטפערט אונדז דאָס ליד:

נחמן בלומענטאַל

שלאָף מיין קינד

שלאָף מיין קינד, שלאָף,
ניט אין בעטאַלע דיין,
נור אין בערגאַלע אַש,
מיין קינד, שלאָף איין.

דו האָסט ליב געהאַט
צו שלאָפן מיט דיין מאַמען,
צי ליגסטו כאָטש היינט
מיט איר צוזאַמען?

ס׳לאָזט דיר ניט שלאָפן
דער בייזער ווינט,
ער צעטראָגט דיך
אַזוי גיך און געשווינד.

אין דיינע פינף יאָר
האָסט נישט געהאַט קיין רוה,
און נאָך דיין טויט
ווו ביסטו, ווו?

אַז ס׳קומט אָן אַ ווינט,
פרעג איך אים שוין,
האָסט נישט צעטראָגן אַמאָל
מיין קינד, מיין קרוין?

איך פרעג דעם הימל,
איך פרעג די ערד:
האָט איר נישט אַמאָל
מיין קינדס געשריי געהערט?

אַז עס וויינט דער ווינט
אַמאָל ביי דער נאַכט,
ס'וויינט דורך אים מיין קינד,
אַזוי עס מיר דאַכט.

אָ, וואָלט איך וועלן
אַ ווינט שוין ווערן,
דיך שוין צו געפינען
און אויסוויינען די טרערן.

וואָלט איך כאָטש גערהאַט
אויף דיין מאַמען,
וואָלטן מיר געוויינט
אַזוי צוזאַמען.

ס'וואָלט מיר גרינגער געוועזן,
אַזוי טו איך קלערן,
און אַזוי מוז איך אויסוויינען
אויף אירע טרערן.

ר ע פ ר יי ן:

אוי, ווי, קינדעניו,
ווי איז צו מיר, דיין טאַטעניו.
ס'וועט קומען די שעה,
פאַר מיר אויך דאָ,
כ'וועל צו דיר שוין גיין.

כ'וועל ברענען אַזוי געשווינד,
דאָס אַש וועט צוטראָגן דער ווינט,
כ'וועל זיך טרעפן אַצינד
מיט דיר, מיין קינד.

דער דיכטער־פּאָטער זינגט אַ וויגליד זיין קינד, וואָס די דייטשע רוצחים האָבן דערמאָרדעט און אויפן שייטערהויפן פאַרברענט אויף אַש, וואָס ווערט צעטראָגן דורכן ווינט אויף אַלע שבעה ימים. אויך זיין מאַמען האָט געטראָפן דער זעלבער גורל, אָבער צי ליגן זיי אויך איצט צוזאַמען אין איין הויפן, ווי אַמאָל אין לעבן — אין איין בעט? און צי איז דאָס אַש בכלל נאָך ערגעץ בנמצא, צי איז עס נישט מער ווי שטויב, וואָס טראָגט זיך אויפן ווינט?! נאָר דער ווינט ווייסט דאָס און דעריבער איז אים דער דיכטער מקנא. דאָס קול, דאָס געוויין פון קינד טראָגט זיך נאָך אפשר אין דער לופטן, אָבער ווער הערט עס, דער הימל? די ערד? און דער טאַטע, דער דיכטער, באַוויינט זיין קינד אי פאַר זיך, אי פאַר דער מאַמען. ער איז דאָך געבליבן אַליין. ער טרייסט דאָס קינד, אַז נישט לאַנג איז צו וואַרטן, וועט אויך ער קומען צום קינד.

דער פּאָטער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אים, אָבער ער וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון זיין גורל פאַרברענט צו ווערן. אַדרבה, דאָס איינציקע וואָס ער באַגערט, איז ווי צום גיכסטן זיך פאַראייניקן מיטן קינד און דאָס קען געשען, ווען ער וועט ברענען געשווינטער און דאָס אַש וועט צעטראָגן דער ווינט, ווי דאָס אַש פון קינד און דעמאָלט וועלן זיי זיך טרעפן...

אָט אַזוי זעט אויס אַ וויגליד אין היטלערס צייטן!

איך דערלויב זיך דאָ אויף אַ ליטעראַרישער דיגרעסיע.

ווי וווּנדערלעך ס'זאָל נישט זיין, נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור געפינען מיר אַ דוגמא פון אַ וויגליד געזונגען פאַר אַ טויט קינד און דאָס —ביים זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור, ביי מענדעלען, וואָס האָט — ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, אויך דאָס אומגליק אונדזערס, דאָס איצטיקע, פאָרויסגעפילט. אין „דאָס קליינע מענטשעלע" חלומט זיך דעם העלד די געשטאַלט פון זיין פרוי, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין נויט, ווי זי זיצט און וויגט אַ ליידיק וויגל, ווייל דאָס קינד אירס איז געשטאָרבן, און זי זינגט דערביי:

„אַליו־ליו־ליו, בידנע קינד,
ווײ איז דער מאַמע, ווײ און ווינד!

אינעווייניק אין וויגעלע
ליגט אַ קלאָר וויס ציגעלע
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ניט־זשע שריי, ניט־זשע וויין,
ביסט דאָך עלנט ווי אַ שטיין —
ציגעלע מע, ציגעלע מע!
— — — — — — — — —

ליידיק, ליידיק איז דאָס וויגעלע,
אוי, נישטאָ מיין קלאָר, וויס ציגעלע!
אַליו־ליו־ליו, בידנע קינד —
ווי איז דער מאַמען, ווי און ווינד".

**
*

פּ. ס.

אין זיין בוך „מיט דער שארית־הפליטה" (ניו־יאָרק, 1946, ז"ז 206/7) ציטירט ה. לייוויק דאָס אויבן געבראַכטע ליד אויפן סמך פון אַ קאָפּיע, וואָס ה. רייזמאַן האָט אים צוגעשטעלט, מיט קצורים, און ווי ער איז זיך אַליין מודה, מיט אַ „ריי אויסבעסערונגען". ה. לייוויק איז זיך באַגאַנגען מיט שענקערסביידע לידער, ווי מיט אַ ריי אַנדערע, וואָס ער ברענגט אין בוך, ווי מיט אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס אַ שרייבער־אָנפאַנגער שיקט אין רעדאַקציע אויף געדרוקט צו ווערן „פאַר יעדן פּרייז", אַפילו פאַרן פּרייז פון... „אויסבעסערונגען".

איך מיין, אַז אַזאַ צוגאַנג צו דער ליטעראַרישער ירושה פון דער אָקופּאַציע־צייט איז בלי שום ספק נישט קיין פּאַסיקער, נישט ריידנדיק שוין וועגן דעם, אַז דורך אַזעלכע אויסבעסערונגען ווערט פאַרקריפּלט אי דאָס ווערק פאַר זיך, אי דאָס ווערק ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער צייט, אי די צוואה, וואָס דער שרייבער האָט אונדז געוואָלט איבערלאָזן. איך מיין, אַז די פּאָר קליינע ריטמישע פעלערן צי שפּראַכלעכע גרייזן, וואָס דער

דיכטער לייוויק פאַרריכט אין אַזאַ ליד, זענען נישט מכפר די עוולה, וואָס ער באַגייט קעגן דעם דיכטער פון יענער צייט און קעגן דער היסטאָרישער גערעכטיקייט.

אַגב, אין זיין „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ" (ז"ז 208־251), שרייבט ד"ר הלל זיידמאַן, אַז אין זיין אַרכיוו, וואָס ער האָט געפירט אין וואַרשעווער געטאָ, האָט זיך געפונען אַ וויגליד פון ירוחם בערלינער, צוגעשיקט פון לאָדזש, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעשריבן פאַר זיין טויט קינד. אויב אַזוי, וואָלט מען געקענט ריידן וועגן אַ ספּעציעלער גאַטונג פון וויגלידער פאַר טויטע קינדער, ווייל אויך פון אַנדערע מקומות הערט מען וועגן אַזעלכע שאַפונגען, אַ ליטעראַרישער מין, וואָס האָט געקענט אַנטשטיין נאָר אין דער דאָזיקער פינצטערער תקופה פונעם נאַציזם.

דער דאָזיקער זשאַנער האָלט נאָך אָן ביי אונדז אויך נאָך דער מלחמה. זענען דאָך די נאָכוויייטנישן נאָך דער עפּאָכע נאָך נישט פאַרגאַנגען. און ווען אין אייראָפּע איז שוין דער זשאַנער פאַרשווונדן מיטן פאַרשווינדן פון די ייִדן, טראָגן זיך איצט אַריבער צוזאַמען מיט דער שארית־הפליטה די ידיעות פון אונדזער בראָך אין די נייע מדינות און רופן אַרויס אַן אַנטשפּרעכנדיקן ליטעראַרישן אָפּקלאַנג. זע, צ"ב, „דאָס וויגליד פון אַ ייִדישער מוטער אין פוילן":

וווּ איז, קינד, דיין וויגעלע?
וויגעלע — ניטאָ!
אויפן אָרט פון ציגעלע
שטייט אַ חיה־רעה!

(מאיר זימל טקאַטש: „בלוט שרייט פון דער ערד". לידער, ניו־יאָרק 1946). חיה־רעה ווערט דאָ אַרויסגערעדט, ווי אַמאָל אין קאָנגרעס־פוילן „כאַיע־ראָ" און דערפאַר גראַמט זיך עס מיט „ניטאָ".

דער מאָטיוו פון „פאַרצוקטן ציגעלע" טרעפן מיר אויך ביי אַנדערע ייִדישע דיכטער: איציק מאַנגער, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי א"אַנד.

כ׳שעם זיך

אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע זענען אומגעקומען זיבן מיליאָן יידן: מענער, פרויען און קינדער, אַלט און יונג. אַלע יידן, אָן אויסנאַם, זענען געווען פאַרמשפּט צום טויט און ווי ווייט די דייטשע ממשלה האָט געגרייכט, איז דער פסק־דין דורכגעפירט געוואָרן. יעדער ייד איז געהרגעט געוואָרן אָן קיין שום סיבה, אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַפילו אַ פּרוּוו צו דערווייזן אים זיין כלומרשטע שולד. דאָס איז גרויזאַם, דאָס נעמט אַרום מיט שרעק איעדן, וואָס טראַכט זיך אין דעם אַריין, אָבער נאָך גרויזאַמער און אומפאַרשטענד־לעכער איז דער וועג, וואָס האָט געפירט דעם יידן צום אומקום.

דער דייטש האָט געטוי אַרומגעטראַכט, אויסגעפאָרשט די מעטאָדן פון אויסמאָרדן אַ גאַנץ פאָלק. ער האָט איינגעפירט אַ גאַנצע ריי אינסטיטו־ציעס, געזעצן און אַ צאָל אַנדערע מיטלען אויף צו פאַרהיימלעכן דעם טייוולאַנישן פּלאַן פון פעלקער־פאַרניכטונג. אָט די צביעותדיקע טייוולאָ־נים־פּאָליטיק לגבי די יידן איז נאָך ערגער פון עצם פאַקט פון מאָרד.

און נאָך שוידערלעכער זענען די מעטאָדן פון דורכפירן דעם טויט־אורטייל.

אַ נאָרמאַלער מוח פון אַ מענטשן קאָן נישט באַגרייפן די אַלע אופנים פון מאָרד, וואָס דער דייטש האָט צוגעטראַכט און אָנגעווענדט, און ס׳איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן די אַלע עינויים און דעם פּיין, וואָס ס׳האָבן זיך אָנגעליטן די קרבנות פאַרן טויט זייערן. אָט דער גיהנום, וואָס די יידן האָבן דורכגעלעבט פאַר זייער ענדגילטיקן טויט, איז פיל שוידער־לעכער פון דעם עצם פאַקט: טויט. ער פאַרדינט אויך, מ׳זאָל זיך אויף אים אָפּשטעלן, געטוי אויספאָרשן, ווייל אין דעם פאַקט אַנטפּלעקט זיך די דייטשע נשמה מיט אַלע אירע פאַרברעכערישע מאָרד־אינסטינקטן, ווייל אין דעם האָט זיך אויך אויסגעווירקט די... גרויסע דייטשע קולטור, וויסנ־שאַפט, אינטעליגענץ.

און דער דאָזיקער מאָרד־אינסטינקט פון דייטש, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק בעת די „יידן־אַקציעס", איז שרעקלעכער פון אַלץ, ווייל דער אינסטינקט איז דאָך אַ נאַטור־כוח, וועלכן ס׳איז שווער צו באַקעמפן.

מיר קענען נישט זיינע סיבות, ווי אויך נישט זיינע אַנטפּלעקונגס־מעג־לעכקייטן. ער קען דרימלען לאַנגע יאָרן, מ׳זאָל פון אים גאָר נישט וויסן און פּלוצים, ביי געהעריקע באַדינגונגען, וואַקסט ער אויס, באַווייזט זיך און כאַפּט אַרום די וועלט מיט אַן אַלץ פאַרלענדנדיקן פייער. אויב איצט — נאָך דער מלחמה, זענען די באַדינגונגען פון מאָרד באַזייטיקט געוואָרן (ציַיטווייליק!), איז אָבער דער מאָרד־אינסטינקט ביים דייטשן פאָלק נישט אָנגעריַרט געוואָרן. מען שמועסט און מען דעבאַטירט ערשט וועגן דעם, ווי אַזוי דערציט מען איבער דעם דייטש, אָבער ווי אַזוי זאָל מען ביי אַ פאָלק סובלימירן אַ מאָרד־אינסטינקט?

אויף דער פראַגע האָבן מיר נאָך נישט קיין תשובה.

ווער ווייסט, צי די גאַנצע אויסראָטונג פון פעלקער איז נישט געווען מער אַן אויסדרוק, אַ רעזולטאַט פון מאָרד־אינסטינקט, ווי פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָדער, ברייטער גענומען — וועלט־אַנשוילעכע פּרינציפּן. אַלנפאַלס, נאָר אַזאַ טעזע קען אונדז פאַרענטפערן די גרויסע פרייד, די הנאה, וואָס דער דייטש האָט געהאַט בעתן אויספירן די צוגעטראַכטע, אויסגעקליגלטע און דערפינדערישע מעטאָדן פון פיין, וואָס האָבן שטופנוויַיז דערפירט צו אַ פאַמעלעכן, בהדרגהדיקן טויט. און אויב אין די גרויסע טויטן־לאַגערן האָט מען זיך באַמיט צו פאַרגיכערן דעם פּראָצעס פון טויט, איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון נויטווענדיקייט; די צייט האָט גענויט דערצו און די מאַסן־קרבנות, באַשטימטע צום טויט, האָבן נישט געקאָנט וואַרטן. דער שנעלער טעמפּאָ פון מאַסן־מאָרד אין אַ מאָדערנעם טויטן־לאַגער איז געווען דער פועל־יוצא פון דער הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע. דער טויט־באַטריב, איינגעריכטעט לויט די לעצטע דערגרייכונגען פון דער דייטשער וויסנשאַפט, האָט דערצו געפירט און דאָס איז גאַנץ זיכער געשטאַנען אין סתירה צום מאָרד־געַנוס, וועלכן דער דייטש האָט געהאַט ביים דורכפירן דעם מאָרד שטופנוויַיז, במנוחה.

בעל כרחו איז דער דייטש געווען געצוווּנגען צו בויען גאַז־קאַמערן פאַר הונדערטער, צי אַפילו טויזנטער מענטשן אויף איין מאָל; די צייט האָט דאָך אים נישט דערלויבט צו פאַרנעמען זיך מיט יעדן איינעם אינדיווידועל. אָבער פון דער נאַטור איז ער געווען נוטה צו פירן אַן אייגע־

נעם, אַליין צוגעקלערטן מעטאָד פון טויטן. מיר זעען דאָס צווישן אַנדערן פון דעם אופן, ווי אַזוי דער דייטש האָט דורכגעפירט די א״ג סעלעקציעס. די סעלעקציע איז געווען דער ערשטער עטאַפּ, דער אַריינפיר צו דער מאָרד־אַקציע. ער איז באַשטאַנען פון אָפּקלייבן דערוואַקסענע געזונטע אויף „אַרבעט״, קינדער אין „קינדער־גערטענער״, אַלטע אין „אַלטער־היימען״. ערשט פיל שפּעטער האָט מען זיך איבערצייגט, אַז די סעלעקציע מיינט — זיכערער טויט.

ווי אַזוי איז פאָרגעקומען אַזאַ מין סעלעקציע?

אָנגעהויבן האָט זי זיך נאָך אין די געטאָ־צייטן, אָדער אַפילו פאַרן איינפירן דאָס געטאָ. איבעריקנס איז דאָך נישט אומעטום געווען אַ געטאָ. צוליב „אַבוועקסלונג״ איז דער דייטש געווען בכוח צו ליקווידירן אַן עדה יידן אָן אַ געטאָ אויך!

מ׳הייסט יידן קומען זיך רעגיסטרירן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. דער אַרבעטס־אַמט דאַרף וויסן, ווער פון זיי טויג צו אַרבעט און ווער נישט. אַלע יידן קומען, ווייל פאַר נישט קומען דראָט דאָך אַ האַרבע שטראָף. זיי ווערן פלוצים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך באַוואָפנטע זעלנער, ס. ס.־לייט, פּאָליציאַנטן א״אַ. פּלוצים באַווייזט זיך אַ קאָמיסיע פון אַ פּאָר העכערע אָפיצירן, באַאַמטע, וואָס באַטראַכטן דעם עולם און טיילן אָפּ איינעם אויף רעכטס, איינעם אויף לינקס. אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, ווערט איין טייל באַפרייט, דער אַנדערער פאַרהאַלטן. און דאָ קענען פאָרקומען פאַרשיידענע וואַריאַציעס. עס ווערן פאַרהאַלטן די שטאַרקערע און יינגערע און זיי ווערן טאַקע דערנאָך געשיקט אויף אַרבעט אין אַרבעטס־לאַגער. די איבעריקע גייען אַהיים צופרידענע: באַפרייט פון דער אַרבעט!

אַן אַנדערש מאָל ווידער, ווערן די שוואַכערע פאַרהאַלטן און די געזינטערע לאָזט מען אָפּ. וואָס טוט מען מיט די שוואַכערע? זיי ווערן אָדער גלייך אַרויסגעפירט אויף אַ באַשטימטן אָרט (געוויינטלעך אויפן בית־עולם, אָדער אין אַ וועלדל אויסער דער שטאָט) און ווערן גלייך ליקווידירט, אָדער מ׳שיקט זיי אָפּ צו אַ דערצו באַשטימטן מקום.

עס קאָן אָבער געמאָלט זיין אַן אַנדערע וואַריאַציע: קיינער פון די

גרופּעס ווערט נישט אָפּגעלאָזט, אָבער גלייכצייטיק — נאָך דער סעלעקציע, ווערט איין גרופּע אָפּגעפירט צו אַרבעט און די צווייטע — צום טויט.

כדי אַריינצופירן דעם עולם אין אַ טעות, בפרט ווען מענטשן האָבן זיך שוין געהאַט עפּעס־וואָס דערוווסט און פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אַזעלכע רעגיסטראַציעס, האָט דער דייטש צוגעקלערט אַ ניי שפּיצל. ער האָט די מענטשן, וואָס האָבן זיך יאָ צוגעשטעלט, אַרויסגעגעבן ספּעציעלע פּאַפּירלעך, די באַרימטע „שיינען",[19] וואָס האָבן נישט ווינציק צוגעהאָלפן צום פאַרטומלען די ייִדן, זיי באַפרייט און דערביי געלאַכט פון די יעניקע, וואָס האָבן מורא פאַרן דייטש און זיך בכלל נישט צוגעשטעלט.

שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט האָט זיך די רעגיסטראַציע איבערגעחזרט, עס האָט זיך שוין צוגעשטעלט אַ גרעסערער עולם. עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. אויך דאָס מאָל ווערן זיי באַפרייט: זיי באַקומען נייע „שיינען", אָדער מ'לייגט אַ נייעם שטעמפּל אויפן אַלטן „שיין". אָן אַזאַ שטעמפּל אין דער אַלטער שיין נישט גילטיק און אַ ייִד אָן אַ שיין איז בכלל נישט לעבנס־באַרעכטיקט.

איז אויך די צווייטע רעגיסטראַציע אַדורך בשלום, טאָ פאַר וואָס מורא האָבן פאַר דער דריטער? אָט ערשט דעמאָלט, ווען די ייִדן האָבן שוין באַקומען דעם געהעריקן צוטרוי צו דער דייטשער מאַכט און שטעלן זיך צו כמעט אָן אויסנאַם, ווערט דורכגעפירט די אמתע סעלעקציע לויטן פריִער אָנגעגעבענעם נוסח.

בכן, פירט מען דורך ביי אַ סעלעקציע דעם איינטייל: ווער צו „אַרבעט" און ווער נישט.

מיט דער צייט האָבן שוין די מענטשן פאַרשטאַנען דעם אמתן זינען פון נישט זיין אַרבעט־פעיִק און זיי האָבן זיך באַמיט אויסצוזען ווי צום שטאַרקסטן, צום ייִנגסטן. אַ דייטשער דאָקומענט פון לאָדזשער געטאָ באַ־

---

[19] ס'איז אינטערעסאַנט, אַז שוין ביי מענדעלען געפינען מיר דאָס וואָרט „שיין" מיט דער ספּעציפישער באַדייטונג: „קומט פלוצים אָן גזרת־הבלעטלעך, מלמדים טאָרן נישט קנעלן אָן אַ „שיין", אַ בלעטל הייסט עס. שלעכט!" („שלמה ר' חיימס", 1טער טייל, קאַפּ' 15). נאָר פאַרשטענדלעך, מיר זענען אַוועק ווייטער פון מענדעלעס צייטן...

שרייבט, ווי אַזוי אַלטע פרויען באַמיִען זיך אויסצוזען וואָס ייִנגער, מאָלן זיך, פּודערן, טוען זיך שיין אָן — אַלץ, כּדי נישט אַריינצופאַלן אין דער קאַטעגאָריע, וואָס טויג שוין צו גאָר נישט, סיידן „אויף שמעלץ", אַזוי האָט מען דאָס גערופן אין לאָדזשער געטאָ.

ביי אַזאַ סעלעקציע האָט זיך תּמיד דער דייטש באַמיט צו צעטיילן די משפּחות, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ווען אַפילו זיי זענען אַלע פעיִק געווען צו אַרבעט. אַ מאַן מיט אַ פרוי? — טאָ איינער צום לעבן, איינער צום טויט! סיידן זיי ווילן ביידע גיין צום טויט. דעם חסד האָט דער דייטש מיט די ייִדן יאָ געטאָן — אָבער אויך נישט תּמיד.

קומט אַ מאַמע מיט קינדער? — די מאַמע אויף רעכטס, מעג זי זיין אַפילו נישט קיין אַרבעטס־פעיִקע. נישקשה, מ'וועט זיך מיט איר דערנאָך אויך קענען אַן עצה געבן. די קינדער אויף לינקס — צום טויט.

ס'איז פאַרשטענדלעך און מ'קען זיך משער זיין, וואָס פאַר אַ סצענעס עס האָבן זיך דערביי אָפּגעשפּילט. מכּל שכּן ביי אַ קינדער־אַקציע (למשל, אין לאָדזשער געטאָ, סעפּטעמבער 1942, פּלאַשאָווער לאַגער, מאַי 1943), ווען מ'פלעגט נעמען קינדער נאָר ביז 10 יאָר און אַרויסשיקן אויף „דער־ציִונג! מחוץ דעם געטאָ, ווייל וואָס פאַר אַ מענטשן קענען אויסוואַקסן אין די געטאָ־באַדינגונגען...

מענטשן חלשן, שטאַרבן אויפן אָרט. מענטשן ווילן זיך נישט לאָזן צעשיידן, און דער דייטש שטייט און האָט הנאה פון זיין שטיקל אַרבעט. ער פאַרגינט זיך זייער אָפט אויף פאַרשיידענע המצאהלעך, פאַרווײַלונגען. ער גיט, למשל, דער מוטער פון צוויי קינדער דאָס רעכט אויסצווויילן איינס פון זיי, כּדי עס קאָנען מיט זיך מיטנעמען.

וויפל טייוולאָנישע אַכזריות עס שטעקט אין אַזאַ מין פאָרשלאַג, גע־מאַכט דער מוטער, זי זאָל אַליין באַשטימען, וועלכעס קינד אירס דאַרף גיין צום טויט.

און ווען איין מוטער (אין סאָנדאָמיר) האָט זיך נישט געקענט גלייך דעצידירן אויפן אָרט וואָס צו טאָן: דאָ געכאַפּט דאָס עלטערע מיידעלע, וואָס פאַרשטייט דאָך שוין וואָס עס קומט פאָר, און דאָ דאָס קלענערע ייִנגעלע, וואָס וועט דאָך אַליין קיין טאָג נישט קענען איבערלעבן אָן דער

מוטער און דאָס עלטערע מיידעלע וועט זיך דאָך אפשר אַליין אַן עצה געבן, — איז דאָס דעם דייטש געוואָרן איבערדריסיק נאָך דעם, ווי ער האָט אַ לענגערע צייט אָנגעקוואָלן פון דער שפּיל צווישן מוטער, טאָכטער און זון — און אַלע דריי דערשאָסן אויפן אָרט.

אַגב, אויף צו הרגענען משפּחות זענען אַפּנים אויך געווען געוויסע פאַרשריפטן. קודם האָט מען געהרגעט דאָס יינגסטע קינד, דערנאָך דאָס עלטערע און צום סאַמע סוף די מוטער (עלטערן). אַזאַ סדר גיבן איבער פאַרשיידענע עדות און פאַרשיידענע מקומות.

דערנאָך, ווען קיין געטאָס זענען שוין נישט געווען און דאָס ביסל יידן האָט זיך געפונען אין לאַגערן, האָט מען דאָ אויך דורכגעפירט די סע־לעקציעס. די געוואָרענע נישט־אַרבעטספעיקע, א״ג מוזולמענער, פלעגט מען אויסקלייבן און גלייך שיקן אין אויוון.

ביים אָנקומען אין לאַגער, צי שפּעטער, נאָך אַ געוויסן אַרבעט־פּע־ריאָד, פלעגן פאָרקומען סיסטעמאַטישע סעלעקציעס פון די העפטלינגען. מ׳פלעגט הייסן דורכגיין דער מאַסע מענער און פרויען — גאַנץ נאַקעט, אַפילו בעת אַ ווינטער־טאָג, פאַר דער קאָמיסיע, אין וועלכער ס׳האָט זיך נישט איין מאָל געפונען אַ דאָקטער־מעדיצין, און אויפן אויג, צי מיט אַ פאָך פון אַ שטעקעלע, אָפגעשיקט איינעם אויף רעכטס, אַ צווייטן אויף לינקס. נישט איין מאָל האָט מען אַפילו געהייסן מאַכן ספּאָרט־איבונגען, לויפן איבער שטערונגען, שפּרינגען. ווער עס האָט דאָס נישט דורכגע־פירט ווי ס׳דאַרף צו זיין, דער איז שוין במילא געווען אַ פאַראורטיילטער.

און וויפל הנאה זיי האָבן געהאַט, די דייטשע אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָ־מישן לויף. עס לויפן עלטערע אָפגעשוואַכטע פרויען, וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס. „דאָנערוועטער, נאָך איין מאָל! איין קעסטליכעס בילד״ (אַן אמתער אויסדרוק פון אַ דייטשן מאַכטהאָבער).

אָט דאָס איז אַ סעלעקציע, געזען מיט די אויגן פון אַ דייטש.

וואָס ס׳האָבן דערביי געפילט די יידישע קרבנות — דאָס קאָנען מיר, יידן, זיך משער זיין, הגם אַריינלעבן זיך אין דעם איז פאַר איינעם, וואָס איז דאָרט נישט געווען — אוממעגלעך. מיר פאַרשטייען דאָס, אָבער מיר קענען דאָס נישט פילן. איבעריקנס זענען גרויסע פסיכישע איבערלעבונ־

גען איינמאָליקע, זיי חזרן זיך נישט איבער אַפילו נישט ביי דעם זעלבן יחיד און אין די זעלבע באַדינגונגען.

ווען מען נעמט דאָס אויבן געזאָגטע אין אַכט און מ׳זעט פאַר זיך די דורכגעפּירטע סעלעקציעס, קענען מיר ערשט פאַרשטיין דאָס צווייטע ליד פונעם דיכטער מ. שענקער.

כ׳שעם זיך

ליבע פרוי מיין,
כ׳האָב דיר געברענגט אַהער
אין האַרצן אַ ווייטאָג
אויף די באַקן אַ טרער.

איך האָב שוין געוווּסט,
אַז מ׳גייט צום טויט אַצינד.
און איך האָב דיר געלאָזן אַליין
צוזאַמען מיטן קינד.

און דו ביזט געגאַנגען אַזוי
מיטן קינד אויף דער האַנט,
געגאַנגען אַזוי שטיל אין דעם
יודענלאַנד.[20]

איך שעם זיך פאַר דיר,
ס׳איז פינצטער מיין שעה,
כ׳האָב דיך געשיקט צום טויט
און איך בין געבליבן דאָ.

[20] „יודענלאַנד״, דאָס איז דער יידישער רעזערוואַט, וווהין מ׳האָט געשיקט די יידן, זיי זאָלן קענען רויק אַדורכלעבן די מלחמה. דאָ זענען עס אַנטשטאַנען די טויט־לאַגערן.

נחמן בלומענטאַל

כ׳שעם זיך פאַרן הימל,
כ׳שעם זיך פאַר דער ערד,
צי בין איך דען שוין
צו לעבן ווערט?

כ׳שעם זיך פאַר די בוימער
ביים בערגל וואָס שטייען,
די וואָס האָבן געהערט
דיינע לעצטע געשרייען.

דאָס קינד האָט זיך געטוליעט
צו דיין קאָפּ צו
און ס׳האָט געפרעגט אַזוי,
וווּ איז דער טאַטע, וווּ?

כ׳שעם זיך אַזוי,
איך האָב נישט קיין רו,
די בוימער זיי פרעגן מיך
וווּ ביסטו טאַטע, וווּ?

וווּ איך גיי, וווּ איך שטיי
זע איך דיך אויף וואָר,
דיינע פאַרוווּנדעטע אויגן
און די אָפּגעשוירענע האָר.[21]

איך זע דיך אין רויך
איך זע דיך אין פלאַמען,

---

[21] פאַרן פאַרגאַזן די פרויען האָט מען זיי אָפּגעשוירן די האָר, וואָס מ׳האָט דערנאָך פאַרווענדט אין די דייטשע פאַבריקן אויף צו מאַכן פון זיי שטריק און מאַטראַצן.

איך זע דאָס קינד זיך טוליען
צו דיר, זיין מאַמען.

ב׳זע דיך ביים בערגל
אויף די בוימער אַלע,
כ׳זע דיך אַצינד
ווי דו ביסט געווען מיין כלה.

ס׳איז דיר שוין בעסער פאַר מיר,
מיין טייערע, מיין זיסע,
ביסט שוין פּטור געוואָרן
די שרעקלעכע תפיסה.

ליבע! איך בין דיך מקנא,
ס׳איז דיר שוין גוט.
דו זעסט נישט אַצינד
די טרערן און דאָס בלוט.

ביסט פריי געוואָרן
פון אַלע צרות צוזאַמען,
דו זעסט נישט אויך
דעם רויך און די פלאַמען.

דו האָסט נישט אין האַרץ
אַזאַ טיפע ווונד,
ווי איך האָב דאָ
פון דיר מיטן קינד.

ווען ס׳וועט קומען די צייט,
מ׳וועט מיך אויך טויטשלאָגן,
וועט אַפילו נישט זיין
ווער ס׳וועט קדיש זאָגן.

דער דיכטער שעמט זיך פאַר דער פרוי און קינד, וואָס מ׳האָט זיי צו־גענומען אין זיין אָנוועזנהייט, בעת דער סעלעקציע. ער האָט שוין יאָ גע־ווּסט, וואָס ס׳באַטייט דאָס דאָזיקע וואָרט. ער שעמט זיך, וואָס ער האָט געלאָזט דער פרוי און קינד אַליין אַוועקגעפירט ווערן און ער איז געבליבן צווישן די לעבעדיקע. מעגלעך, אַז אים האָט אָפּגעהאַלטן פון מיטגיין מיט זיי דער אינסטינקט פון לעבן, מעגלעך: ער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט נישט תיכף זיך אָריענטירט און געקענט תיכף ומיד מיטגעריסן ווערן. די דייטשן האָבן נישט געגעבן קיין סך צייט אויף צו קלערן. זיי האָבן דעם אָפּגעקליבענעם עולם תיכף געטריבן מיט קללות, חרמות און מיט קלעפּ, אָדער צו אַרבעט, אָדער אין גאַז־קאַמער; און ביז דער דיכ־טער האָט זיך געכאַפּט, איז שוין די פרוי און דאָס קינד נישט געווען, און ער שעמט זיך.

דער פּאָעטער קען נישט פאַרגעסן דאָס בילד, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל געזען זיין משפּחה. ער חזרט איבער די ווערטער פון פּינפּיאָריקן קינד, וואָס פרעגט זיך אויפן טאַטן. אויב שטאַרבן, טאָ די גאַנצע משפּחה. אַזוי זענען צום מערסטן אומגעקומען יידישע משפּחות. זיי האָבן זיך ביזן טויט נישט געלאָזט צעשיידן. נאָך אין די גאַז־קאַמערן האָבן זיי זיך גע־האַלטן אינאיינעם, ביי די הענט, צי אַרומגענומען, מ׳זאָל זיי חלילה, נישט צעשיידן, אָפּרייסן איינעם פון צווייטן:

דער דיכטער האָט דאָס נישט געטאָן און ער האָט חרטה, געוויסנס־ביסן. אומעטום זעט ער זיין פרוי און קינד. ער הערט זייערע שטימען, זייערע לעצטע געשרייען און ער טרייסט זיך: „זיי, די טויטע, איז בעסער, זיי ליידן שוין נישט, זיי זעען שוין נישט דעם שוואַרצן רויך פון קרעמאַ־טאָריע״, וואָס שלאָגט פון די ברענענדיקע גופים.

אָט דער שוואַרצער רויך, די פלאַמען, וואָס האָבן געזעצט פון די קוימענס, צי פון די שייטערהויפנס און וואָס מ׳האָט געזען אויף קילאָ־מעטערס ווייט, האָבן דערפירט די „העפטלינגע״ צו משוגעת. ער, דער רויך, איז דאָס געווען דער סימבאָל פון אומקום. ער איז די טעמע פון נישט איין ליד, פון נישט איין דערציילונג אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער ווערט אויך אויסגענוצט, ווי אַ מאָלערישער סוזשעט דורך אַ גאַנצער

ריי קינסטלער (אויך נישט־יידן), וואָס האָבן דורכגעמאַכט אוישוויץ. נישט אומזיסט הייסט איינס פון די דערשיטערנדיקסטע ביכער אויף דער טעמע פון מאַרטיראָלאָגיע אין טויטן־לאַגער: „דער רויך איבער בירקעַ־נאַו", אַ שילדערונג פון דער פּוילישער שרייבערין סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ.

דער דיכטער זעט נישט פאַר זיך קיין אַנדערן וועג, ווי מיטגיין, נאָכגיין זיין פרוי און קינד. ער איז איבערצייגט, אַז דאָס וועט אין גיכן קומען און דאָס איז טאַקע געשען. זיין איינציקע זאָרג: ווער וועט זאָגן נאָך אים קדיש?

די דאָזיקע זאָרג האָט עס דעמאָלט באַגלייט נישט איין יידן. נישט איינער איז געווען זיכער, אַז אַלע יידן קומען אום, אַז ס'וועט אַפילו נישט בלייבן קיין זכר פון זיי, אַז די וועלט וועט אַפילו נישט וויסן, ווי אַזוי און ווען זיי זענען אומגעקומען.

**
*

ה. לייוויק, וואָס ברענגט אויך דאָס ליד מיט אַ קיצור זאָגט, אַז דער דיכטער האָט געהאַט דעם שולד־באַוווסטזיין און אַז בדרך־כלל האָבן זיך די מוטערס מער געאָפּפערט און מיטגעגאַנגען מיט די קינדער, בשעת די פאָטערס האָבן זיך מער אָפּגעהיט און דערפון נעמט זיך דער שולד־באַוווסטזיין ביי די מענער.

איך ווייס נישט, צי די מיינונג איז אַ ריכטיקע. עס פעלן אונדז צו דער פראַגע מאַטעריאַלן, סטאַטיסטיקעס; און צי איז דאָ בכלל שייך צו ריידן וועגן סטאַטיסטיק.

איך וויל נאָר דאָ איבערגעבן איין בילדל (וואָס זעט שוין היינט אויס ווי אַ לעגענדע) פון דער גרויסער „אויסזידלונג", זומער 1942, אין וואַר־שע.

דורך דער סעלעקציע־קאָמיסיע גייט דורך אַ הויכער געזונטער מאַן מיט אַ זאַק מטלטלים אויף די פּלייצעס. די קאָמיסיע קוואַליפיצירט אים צום לעבן. דער ייד גייט אויף רעכטס.

פּלוצים דערזעט דער ס. ס.־מאַן, אַז אין זאַק רירט זיך עפּעס. ער שטעלט אָפּ דעם מאַן, נעמט צו דעם זאַק, עפנט אים און דערזעט אַ לע־בעדיק אָבער אַרבעטס־אומפעיִק קינד, וואָס דער „פּאַרפלוכטער יודע" האָט געוואָלט אַדורכשמוגלען קעגן דייטשן געזעץ. ער שיקט אָפּ דאָס קינד אויף לינקס.

דער פאָטער, אַ פאַרלוירענער, אַ גרויסער און געזונטער, וואַרפט זיך צו די פיס פון ס. ס.־מאַן מיט תחנונים און געוויינען, ער זאָל אים דער־לויבן מיטגיין מיטן קינד. דער ס. ס.־מאַן שלאָגט אים, טרייבט אים אָבער צו דער זייט פון די צום לעבן־באַשטימטע. דער מאַן טרעט נישט אָפּ, ביז לסוף דערלויבט אים דער ס.ס.־מאַן אַריבערצוגיין אין דער זייט פון די קינ־דער. אַ דייטשע נשמה קען מען דאָך נישט אָפּשאַצן! און דער ייִד לויפט מיט פרייד צו צום קינד, כאַפּט עס אויף די הענט — דאָס מאָל שוין אין גאַנצן בפרהסיא: ער האָט שוין פאַר קיינעם נישט קיין מורא. און ער גייט אָפּ געלאַסן מיט אַ שטראַלנדיק גליקלעך פנים און מיטן קינד אויף די הענט — אויף לינקס, צו דער מחנה, וואָס איז באַשטימט אויף טויט.

V

אוישוויץ

א ו י ש ו ו י ץ

ווער קען היינט נישט דעם דאָזיקן נאָמען? ווער ווייסט דאָס נישט, אַז דער נאָמען פון קליינעם, אַמאָל עסטרייכישן און דערנאָך פּוילישן שטעטעלע איז געוואָרן באַרימט אויף גאָר דער וועלט? ווער איז היינט צו טאָג אַזוי אָפּגעשטאַנען, ער זאָל נישט וויסן, אַז אוישוויץ איז איינס פון די „גרונדלאַגן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט", אַ סימבאָל פון נישט געהערטער ביז איצט — היינטצייטיקער אַכזריותדיקייט; דער אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע, וואָס איינער אַ פּויליש־ייִדישער שרייבער (א. רודניצקי) האָט אָנגערופן די „תקופה פון אויוונס"; פון אַן עפּאָכע וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם נייעם יורידישן טערמין „גענאָסיד", אויף צו באַצייכענען דעם סיסטעם פון הערשן מיטן מעטאָד פון פעלקער־מאָרד.

און אוישוויץ — דער גרעסטער לאַגער אויף דער וועלט (וועלט־רעקאָרד, אַלנפאַלס ביזן היינטיקן טאָג), איז דאָס דער בעסטער סינאָנים פון דעם אַלעמען.

ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט אָפּצושאַצן, צי אַפילו געננוי אַרומנעמען מיטן געדאַנק דאָס אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיקער שוידערלעכער תקופה. ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט, מ'זאָל קענען באַגרייפן מיטן פשוטן מענטשלעכן שכל, ווי אַזוי האָט מען געקענט פאַלן אויפן געדאַנק צו שאַפן אַ גאַזקאַמער און אַ קרעמאַטאָריע פאַר גאַנצע, לעבעדיקע פעלקער. ס'וועט נאָך זיכער אַ סך וואַסער אָפּפליסן, ביז מיר וועלן דאָס אַלץ קאָנען משיג זיין. אָבער מ'טאָר אין דעם, היינט צו טאָג, נאָכן דערגרייכטן נצחון איבערן נאַציזם, — נישט פאַרגעסן און נישט פאַרקלענערן דעם ווערט און די באַדייטונג דערפון פאַר דער נאָענטסטער און ווייטסטער צוקונפט. מ'טאָר נישט פאַרפלאַכן דאָס פּראָבלעם דורך דערפירן עס צו אַ טעזע, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ „קראַנקער פאַנטאַזיע" פון אַ מענטשן, אַ דעגענעראַט. און מ'טאָר זיך אויך נישט באַנור־

גענעץ מיט אַ צוויטער טעזע, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון אַ בינטל אויס־וואָרפן, סאַדיסטן, וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט — און געקאָנט! — אויסלאָדן זייערע בייזע אינסטינקטן.

דאָס פּראָבלעם איז פיל ברייטער און טיפער. און ווער ווייסט, צי וועט דער דאָזיקער אויסטערלישער ביישפּיל נישט האָבן נאָך אָנהענגער, וואָס וועלן אים אין דער נאָענטער צי ווייטערער צוקונפט נאָכטאָן. גרויסע זאַכן, אומגעווייינטלעכע מעשים, געפינען שטענדיק זייערע נאָכ־מאַכער. און דאָ קומען מיר צום עצם־פּראָבלעם. אוישוויץ איז עפּעס מער ווי אַ געווייטלעכער קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַ געניטער, רויִקער האַנט און לויט אַ גענוי און פּינקטלעך באַאַרבעטן וויסנשאַפטלעכן פּלאַן — כך וכך מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן; אוישוויץ איז עפּעס מער. אוישוויץ — איז אַ גראַנדיעזע דער־שיינונג! אויב דאָס אַלטערטום האָט זיך געגרויסט מיט שאַפן אַזעלכע קאָ־לאָסאַלע בנינים, ווי דאָס רוימישע קאָליסעום, די עגיפּטישע פּיראַמידן, קאָן זיך די נייצייט באַרימען (אַז אַך און ווי צו דער באַרימעריי!) מיט אויפשטעלן אַזאַ מין וווּנדער, ווי אוישוויץ. אויף ריין יידיש זאָגט מען: אַ בייז וווּנדער.

ווען מ׳איז נאָך דער מלחמה אַרויפגעקראָכן אויף דעם וועכטער־טור־רעמל, וואָס אויף דער בראָם, וואָס פירט צום לאַגער בירקענאַו, און מ׳האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער ריזיקער טעריטאָריע, וואָס ס׳האָט פאַרנומען דער שטח פון דעם לאַגער, וואָס מ׳האָט נישט געקענט אַרומכאַפּן מיטן אויג; מעקסיקע, למשל, דעם טייל לאַגער, ווו ס׳זענען אַפילו קיין באַראַקן נישט געווען, ווו מ׳האָט די מענטשן געהאַלטן אונטערן פרייען הימל, האָט מען אַפילו מיטן ווייטסטן בליק נישט געקאָנט דערגרייכן, ווען מ׳האָט פאַר זיך געזען אַ ים מיט באַראַקן, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין „ריי און גליד", האָט עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם! מען איז געפּלעפט געוואָרן פון דער גרויסקייט פון רעיון און פון דער טיף־גרונטלאָזער רישעות. מען איז אויפגעציטערט געוואָרן פון דער גרויסקייט פון פּלאַן, פון דעם „ווייטן בליק" פון די פאַרברעכער פּלענער־מאַכער, וואָס האָבן

פון דעסטוועגן באַוויזן אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרווירקלעכן זייער טייוו־לאָנישן פּלאַן.

און ווען מ׳האָט זיך נאָך פאַרגעשטעלט, אַז אָט אין די אַלע באַראַקן האָט געווימלט אין משך פון אַ פּאָר יאָר מיט הונדערטער טויזנטער מענטשן; אַז יעדן טאָג זענען צענדליקער טויזנטער פון זיי געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגן, — האָט מען פאַר זיך דערזען דעם אָפּגרונט פון גיהנום אויף דער ערד, אַ גיהנום — געשאַפן פון מענטשן פאַר מענטשן.

און די גרויסקייט פון פאַרברעך, די גראַנדיעזקייט פון מענטשלע־כער אוממענטשלעכקייט האָט פאַרשפּאַרט דעם אָטעם! מ׳האָט פאַרלוירן דעם קלאָרן געדאַנק, דאָס מענטשלעכע געפיל און מ׳האָט מיט פאַרוווּנדע־רונג אויסגערופן: אָט־אָ־דאָ איז אוישוויץ?! די ווירקלעכקייט האָט איבער־געשטיגן די פאַנטאַזיע, זי האָט אונדז געפּלעפט און דערשלאָגן און פאַר־טונקלט אַלע אונדזערע ביז איצטיקע פאָרשטעלונגען וועגן שלעכטס און גרויזאַמקייט.

אוישוויץ האָט בלאָס געמאַכט, פאַרקלענערט און אָפּגערוקט אין אַ זייט, צונישט געמאַכט אַלע אונדזערע באַגריפן פון מענטשלעכע זינד און פאַרברעכנס. מיר האָבן מיט אוישוויץ זיך דערשלאָגן צום אידעאַל פון זינד, צו דער ריינער אידעע פון שלעכטקייט — און דאָס האָט אונדז אַרויס־געפירט פון גלייכגעוויכט, אונדז דערדריקט, ווי מיר וואָלטן געזען עפּעס אומנאַטירלעכס, איבערמענטשלעכס. און דאָס איבערנאַטירלעכע ציט דעם מענטשן, ווירקט אויף אים. דאָס שלעכטע קען אַזוי גוט באַאיינפלוסן און מיטרייסן דעם מענטשן ווי דאָס גוטע, אויב נישט נאָך מער.

ווען אַ ספּעציעלע קאָמפּעטענטע קאָמיסיע האָט נאָך דער מלחמה זיך פאַרנומען מיטן גורל פון דעם לאַגער (אין בירקענאַו) און געדאַרפט אויס־אַרבעטן אַ פּלאַן, כדי צו וויסן וואָס צו טאָן מיט דעם, וואָס ס׳איז געבליבן, — האָט איין מיטגליד, דער איינציקער ייִד וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָמיסיע פאָרגעשלאָגן, אַז מ׳זאָל דעם גאַנצן שטח, די אַלע לאַגער־איינריכטונגען דערהאַלטן ביים צושטאַנד, ווי ער האָט אויסגעזען ווען ער האָט נאָרמאַל פונקציאָנירט אין די היטלער־צייטן — ווי אַ זכר לדורות. נאָך אַ לענגערער באַראַטונג און נאָך אַ שטיק צייט אַריינטראַכטן זיך אין

דעם ענין, און נאָך דעם, ווי די פאַרשיידנסטע זאַכקענער האָבן זיך אַרויס־געזאָגט וועגן דעם פּראָיעקט, איז מען געקומען צום אויספיר, אַז מ׳קאָן דעם פּראָיעקט נישט דורכפירן; ווייל אויסהאַלטן, רעסטאַווירן און קאָנ־סערווירן אַזאַ מין ריזיקע שטאָט בלויז צוליב מוזייאַלע, צי היסטאָרישע צילן, — דאַרף עס פאַרשלינגען אַזעלכע ריזיקע סומעס געלט, אַז אַפילו פאַרן בודזשעט פון אַ גרויסער מדינה איז עס נישט לייכט דורכצופירן. און אַזוי האָט מען בלית ברירה געמוזט איינגיין דעריף, אַז פון גאַנצן לאַגער זאָל בלייבן נישט מער, ווי איין גאַס באַראַקן פון איין לאַגער־אָפּ־שניט; ווייל אויך די קאָנסערוואַציע פון דעם קליינעם טראָפּן, אין פאַר־גלייך מיטן גאַנצן לאַגער — איז אויך נישט פון די קליינע זאַכן. בירקע־נאַו איז דעריבער — אין אַ גרויסער מאָס — שוין נאָך דער מלחמה צע־שטערט געוואָרן: צעשטערט האָט עס די צייט און די מענטשן. (דעם בוי־מאַטעריאַל האָט מען טיילווייז פאַרווענדט אויף הייזער פאַר ניי־איבערגע־זידלטע פון די מזרח־קרעסן). פון לאַגער איז געבליבן נאָר דער סקעלעט. מער גאָר נישט! אָבער אויך דאָס ווירקט אויפן מענטשן ווי אַ גרויסע נאַטור־דערשיינונג, ווען ער באַגעגנט זיך דערמיט פנים אל פנים! און גאָר נישט אין לעבן קאָן אָפּווישן דעם דאָזיקן איינדרוק: וויפל מאָל מ׳זאָל דאָס אָרט נישט זען, ווירקט עס תמיד ווי צום ערשטן מאָל. דאָס איז די קללה פון אָרט!

די גרויסע פיר אייזן־בעטאָן שטאַרקע קרעמאַטאָריעס, וואָס זענען גע־ווען דאָס צירונג פון לאַגער (אין פּלאַן איז געווען צוצובויען נאָך אַנדערע קרעמאַטאָריעס, מיט נאָך אַ גרעסערע אויפנעם־קראַפט — שוין נישט פאַר ייִדן, ווייל ווו וועט מען נעמען אַזוי פיל ייִדן? — בייערט פאַר די אַנדערע אונטערגעיאָכטע פעלקער, אויף נאָך דער מלחמה) איז אונדז שוין נישט אויסגעקומען צו זען, ווייל די קרעמאַטאָריעס זענען דורך די דייטשן אַליין פאַר זייער ענדגילטיקער מפלה, פאַר זייער פאַרלאָזן דעם לאַגער, אין יאַ־נואַר 1945, אויפגעריסן געוואָרן. נאָר זייערע חורבות זענען געבליבן.

די איינציקע אייזנבעטאָן־בנינים פון די קרעמאַטאָריעס אין לאַגער בירקענאַו אויפן פאָן פון די טויזנטער הילצערנע באַראַקן, פערדשטאַלן אייגנטלעך, — ווירקן ווי אַ סימבאָל פון אָרט. די לעבעדיקע העפטלינגען

פון לאַגער זענען אַ דורכגייענדיקע דערשיינונג, אייביק אָבער איז דאָס קעניגרייך פון שלעכטס.

אָבער נישט אַלע קרעמאַטאָריעס זענען צעשטערט געוואָרן דורך די דייטשן. דער געשיכטלעכער אמת פאַרלאַנגט מ׳זאָל אונטערשטרייכן, אַז איין קרעמאַטאָריע איז אויפגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט דורך די ייִדישע העפטלינגען אַליין, וואָס מ׳האָט אויפגעהאַלטן אין דעם לאַגער, כדי זיי זאָלן ברענען די גופים — פון זייערע פאַרגאַזטע ברידער.

און דאָס איז אפשר דאָס שענסטע בלעטל פון מענטשלעכער גבורה, וואָס די געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אויפגעמישט. און מיר זענען שטאָלץ און נאַציאָנאַל־דערהויבן, וואָס אָט די גבורה האָבן אַרויסגעוויזן ייִדישע מיידלעך און ייִדישע בחורים, העפטלינגען פונעם טויטן־לאַגער בירקענאַו.

שטעלט זיך נאָר פאָר אַליין, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען?! אין לאַגער געפינען זיך שוין נישט קיין מענטשן, נאָר נומערן, וואָס זענען טאַ־טויִרט אויף דעם אָרעם. דער מענטש האָט שוין נישט קיין פּערזענלעכן נאָמען; ער ווערט באַטירט און גערופן אַמטלעך נאָר מיטן נומער זיינעם. און ווי ער האָט פאַרלוירן זיין אייגענעם נאָמען, אַזוי האָט ער אויך פאַר־לוירן אַלץ, וואָס איז אַמאָל געווען זיין אייגנס. ער טראָגט העפטלינג־קליי־דער; אויף די פיס הילצערנע קלומפּעס, און אַ חוץ אַ שיסל אויף צו נע־מען געקעכטס, מ׳שטיינס געזאָגט, טאָר ער גאָר נישט פאַרמאָגן. אַלץ האָט מען ביי אים צוגענומען; יעדע קלייניקייט, אַפילו אַ בריוו, אַ פאָטאָ־גראַפיע. פון דער דרויסנדיקער וועלט (עקסיסטירט נאָך אין יענער צייט פאַר אַ ייִדן אַ דרויסנדיקע וועלט?) איז ער פולשטענדיק אָפּגעשניטן. פאַר זיך האָט ער נאָר די פאָר שעה נאַכט־רו (וואָס איז זעלטן אַדורך רויִק), ווען ער האָט זיך געקאָנט איינאיינעם מיט אַנדערע מיט־חברים צוזאַמענ־קוועטשן אויף די ברעטער פון דער ענגער און נידעריקער קאָיע. אַרויס־גיין פון לאַגער האָבן געקענט נאָר די יעניקע, וואָס זענען געגאַנגען אונ־טער אַ שמירה צו אַרבעט אויף אַ באַשטימט אָרט, אַן אַרבעטפּלאַץ. דערביי האָט מען זיי בשעת דער אַרבעט געהיט אויף טריט און שריט. פאַרן אַרויס־גיין און נאָכן צוריקקומען פון דער אַרבעט, האָט מען די העפטלינגען גע־

ציילט, צי פעלט נישט ווער. און ווי איז געווען דעם יעניקן, וואָס מ׳האָט עפּעס וואָס נישט איז געפונען ביי אים (אַ בלייפעדער, אַ שטיקל ריין פּאַפּיר, אַ ברייוול). זיין גורל איז גלייך געחתמעט געוואָרן: טויט אויפן אָרט! אויב ס׳האָט אים נישט געטראָפן נאָך עפּעס ערגערס, ווי למשל, אַ שטייבונקער. שטיין — ווייל אויף זיצן איז נישט געווען קיין פּלאַץ, אין אַן ענגן, פינצטערן בונקער, ווו די העפטלינגען פלעגן נישט זעלטן אומקומען פון מאַנגל אין לופט. כדי צו פאַרשטאַרקן דעם עפעקט, האָט מען נאָך געגאָסן פון אויבן וואַסער און דער העפטלינג איז געשטאַנען ביזן מויל אין וואַסער. פאַרשיידנפאַרביק און פילצאָליק זענען געווען די וואַריאַנטן.

און אַליין אַנטמוטיקט, אָן קראַפט, אָן ווילן, אויסגעהונגערט און אויסגעמוטשעט, אָן שום פּערספּעקטיוון אויף צו בלייבן לעבן, אָן דער מינדסטער האָפענונג אויף אַ וואָס פאַר אַ נישט איז בעסערער צוקונפט; אַרומגערינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן, „קאַפּאָס" און גלאַט מוסרים, אין אַן אַטמאָספער, וואָס האָט אים כסדר מאָראַליש, פיזיש און גייסטיק דערדריקט, ער זאָל אין זיך קיין ברעקל מענטשלעכקייט נישט פאַרבאַהאַלטן, — האָט ער וועגעטירט, דער ייִדישער העפטלינג אין אוישוויץ, דערוואַרטנדיק יעדע רגע זיין סוף, ווי אַ דערלייזונג...

און פון דעסטוועגן האָבן באַוויזן ייִדישע מיידלעך, דער עיקר האָבן זיי דאָס געטאָן, — צו גנבענען דינאַמיט פון דער אַמוניציע־פאַבריק, ווו זיי האָבן געאַרבעט מחוצן לאַגער,[22] אַריינשמוגלען עס אין תחום פון די לאַגער־דראָטן פון זייער פרויען־אָפּטיילונג. פון דאַנען ווידער האָט מען געדאַרפט האָבן נישט ווייניקער מוט צו קאָנען און וואַגן עס אַריבערשמוגלען אויף אַ צווייט אָרט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן אַנדער אָפּטיילונג פון לאַגער, ביז עס איז דערגאַנגען צו דעם אָרט וואָס איז צום שטרענגסטן

---

[22] איינע פון די מיידלעך, ראָזע ראַבאַטע (אומגעקומען), איז געווידמעט אַ ליד „שטימונגס־ליד פון די טשעכאַנאָווער אין אוישוויץ", געבראַכט אין דער בראָשור אַרויסגעגעבן דורך אירע לאַנדסלייט: „דער חורבן פון דער ייִדישער קהילה אין טשעכאַנאָוו". תל־אביב, 1952.

באַוואַכט געוואָרן — צו די קרעמאַטאָריעס, ווו ס׳האָט געאַרבעט די אַזוי גערופענע „זאָנדער־קאָמאַנדע״, אַן אָפּטייל־לונג העפטלינגען, וואָס האָבן פאַרברענט די פאַרגאַזטע און אַליין געווען אָפּגעשניטן פון די אַנדערע, וואָס אין לאַגער. יידן זענען דאָס געווען.

יעדע דריי חדשים האָט מען דעם שטאַנד פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדע״ געביטן. די „אַלטע״ זענען פאַרנאַרט געוואָרן אין אַ גאַזקאַמער, אָדער אויף אַן אַנדערן אופן אומגעבראַכט געוואָרן; זייער אָרט האָבן פאַרנומען יונגע שטאַרקע בחורים, וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן פון אַ נייעם טראַנספּאָרט יידן, אויסגעלערנט זיי די מלאכה און געלאָזט לעבן — לויטן דייטשן „געזעץ״, פונקט דריי חדשים.

אַזוי איז געגאַנגען די צייט אין אוישוויץ. און אָט אין דעם טויטן־לאַגער, ווו דאָס לעבן איז געווען ערגער פונעם טויט; אָט אין דעם לאַגער, וואָס די יעניקע, וואָס זענען דאָרט געווען און צום גליק איבערגעלעבט, געפינען נישט קיין אַנדערע ווערטער, ווי עס אָנצורופן: „דאָס לאַנד אָן גאָט״; אָט אין דעם לאַנד האָבן געלעבט מענטשן, וואָס האָבן דווקא אין... גאָט נישט פאַרגעסן. נישט געקוקט אויף אַלץ, איז אין זיי די גאַנצע צייט דער גייסט געווען וואַך און דאָס האַרץ אָפן, אויך אַפילו פאַר פרעמדע צרות. די מענטשן האָבן זיך קעגנזייטיק געמונטערט, זיך צוגעגעבן כוח איבערצוטראָגן דאָס איצטיקע לעבן און געוועקט דעם גלויבן אין ליכטיקן מאָרגן. אייניקע אַפילו זענען אין דעם פינצטערן אָרט דווקא מאָראַליש געוואַקסן — גלייביקער געוואָרן.

פון אָנהייב האָט יעדער פאַר זיך, צי פאַר זיינע נאָענטסטע זיך באַמיט נישט אונטערצוגיין אין אַלגעמיינעם אונטערגאַנג. מיט דער צייט האָט זיך אויך געוועקט דער געזעלשאַפטלעכער חוש. מענטשן האָבן זיך צונויפגערעדט, געזוכט קאָנטאַקט צווישן זיך, געשאַפן גרופּעס און גרופּקעלעך, גרעסערע און קלענערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, פאַרבאָרגענע פאַרן אויער און אויג פון דייטש און זיינע מיטהעלפער פון צווישן די העפטלינגען גופא.

אינאיינעם מיטן וווקס פון אַלגעמיינעם אָפּווער־קאַמף וואָס מ׳האָט גע־

פירט קעגן שונא, אינאיינעם מיטן ווקס פון דער אומלעגאַלער אונטער־ערדישער פּאָליטישער טעטיקייט, איז אויך געוואַקסן דאָס קאָלעקטיווע קולטור־לעבן. די ליטעראַטור־שאַפונגען, וואָס ביז איצט האָבן געשאַפן יחידים, פאַר זיך אָדער פאַר די נאָענטסטע, הייבן איצט אָן ווערן אַ קנין פון אַלע. עס אַנטשטייען שאַפונגען, וואָס ווערן באַשטימט פאַר אַן עולם. די העפטלינגען קומען זיך צונויף ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ באַראַק, גיבן זיך איבער פּאָליטישע נייעס, הערן אַ שטיקל איבערזיכט וועגן דער אַל־געמיינער סיטואַציע פון איינעם, וואָס האָט אונטערגעהערט אַ דייטשן ראַדיאָ, צי באַקומען ידיעות פון דרויסן, און דערביי ווערט אויך דעקלאַמירט אַ ליד, אַן אַלטס, אַן די באַדינגונגען אין די באַקומט אַ נייעם באַטייט, ווערט אַקטואַליזירט. עס אַנטשטייען אָבער אויך שפּאָגל־נייע זאַכן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין אוישוויץ גופא, אָדער אויפן וועג קיין אוישוויץ. עס קומען פאַר ליטעראַרישע אָוונטן, אַזוי, למשל, האָבן מיר אַ באַריכט פון איינעם, וואָס האָט עס מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט, וועגן אַן אַקאַדעמיע געווידמעט י. ל. פּרצן. אַן אַקאַדעמיע אין אוישוויצער טויטן־לאַגער לכבוד אַ... ייִדישן שרייבער!

אַגב, זענען פּרצעס לידער געווען זייער פּאָפּולער אין די געטאָס און אין די לאַגערן. מ׳פלעגט זיי זינגען, אַזוי ווי דער דיכטער האָט זיי אָנגעשריבן. זייער אינהאַלט, זייער שווערער טאָן („דריי נייטאָרינס״) אָדער זייער גלויבן אין זיג פון גערעכטן („האָף און גלויב״, „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע״) האָבן זיך גוט צוגעפּאַסט פאַר דער דעמאָלטיקער צייט. די לידער האָבן זיך דעריבער גוט געלאָזט אַקטואַליזירן, ווי מיר רופן דאָס אָן, און זיך נישט געבייטיקט אין קיין שום רענאָוואַציעס. מ׳פלעגט אָבער אויך אין די לידער אַדורכפירן ענדערונגען, וואָס זאָלן נאָך גענויער און שטאַרקער אָפּשפּיגלען די צייט. אַזוי, למשל, האָט מען אין אוישוויץ געזונגען פּרצעס „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע״ אויף אַזאַ אופן:

מיין נישט, אַז די וועלט איז אַ שלאַכט־הויז, באַשאַפן
פאַר היטלערן, מוסאָליני, צו רויב און צו מאָרדן.
דער רויך פון די קרעמאַטאָריעס —

אַ פּאַרהאַנג צו פּאַרשטעלן די פּאַרברעכנס,
די מוזיק — צו פּאַרשטיקן די ווילדע געשרייען פון די קרבנות!
מיין נישט, אַז די וועלט איז אַ הפקר...

(איבערגעגעבן דורכן לעבנגעבליבענעם העפטלינג
א. בעסערמאַן, פון פּאַריז).

**
*

מ׳דאַרף אין זינען האָבן, אַז אוישוויץ איז געווען אַ קעניגרייך פּאַר זיך, גרויס ווי דאָס גלות. און אין איין לאַגער גופא, בירקענאַו, זענען גע־ווען טיילן, וואָס אַריבערצוגיין פון איינעם צום צווייטן איז געווען פּאַרן פּשוטן העפטלינג אַן אוממעגלעכע זאַך, אַזוי, אַז אין די באַזונדערע טיילן פון דעם זעלבן לאַגער האָבן זיך געשאַפן באַזונדערע, — ווי פּאַראַדאָק־סאַל דאָס וואָרט אין דעם קאָנטעקסט זאָל נישט אויסזען, מוזן מיר עס פּאָרט אָנווענדן, — קולטור־צענטערן מיט אַן אייגענער ליטעראַטור אאַז״וו.

אַ חוץ דעם, וויסן מיר, האָט אוישוויץ אַרומגענומען אַן ערך פון אַ 40 פּיליעס: אומעטום זענען געווען יידן און אומעטום זענען זיי פּאַרפּיי־ניקט געוואָרן צום טויט. אָבער אומעטום האָט גלייכצייטיק געהערשט דער זעלבער גייסט פון נישט לאָזן זיך דערדריקן און אומעטום זענען אויך געשאַפן געוואָרן, צווישן אַנדערן, ליטעראַטור־ווערטן. טייל מאָל האָט מען די זעלבע לידער אויף פּאַרשיידענע אופנים איבערגעאַנדערשט און צוגע־פּאַסט צו די לאָקאַלע באַדינגונגען. דאָס איז נוגע נישט נאָר פּרצעס „מיין נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע״, אָפּטער האָט מען אין יעדן לאַגער געשאַפן נייע ווערטן. אַגב איז אין אוישוויץ נישט נאָר געשאַפן געוואָרן ליטעראַרישע ווערק פון פּאַרשיידענע מינים און פון זיי האָט געגאָסן דער אַנגעזאַמלטער עולם אויפן אָרט, נייערט מ׳האָט אויך געזאָרגט דערפּאַר, אַז די געשאַפענע היסטאָרישע באַריכטן וועגן לעבן אין לאַגער און אַפילו די ליטעראַרישע שאַפונגען, זאָלן אָפּגעהיט ווערן פּאַר דער צוקונפט. וועלן די מענטשן אומקומען — אין וואָס קיינער פון די יידן האָט נישט גע־צווייפלט, — טאָ זאָלן כאָטש זייערע ווערק פּאַרבלייבן פּאַר דער געשיכ־

טע. און טאָן האָט מען זיך באמיט דאָס צו טאָן אויף צוויי אופנים: אָדער דורכן אַרויסשמוגלען די זאַכן מחוץ דעם לאַגער מיט דער הילף פון נישט־יידישע העפטלינגען, וואָס האָבן פאַרט געהאַט מער באַוועגונגס־פרייהייט ווי די יידישע, אָדער דורך די „ציווילע” אַנגעשטעלטע, וואָס פלעגן קו־מען אַרבעטן אויפן געביט פונעם לאַגער פון דרויסן. דורך זיי האָט מען די אַרויסגעשמוגלטע זאַכן איבערגעגעבן אין באַגלייבטע הענט פון דער פוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע (ר. פ. זש., „ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם”, ראַט צו העלפן יידן).

דער צווייטער אופן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט די זאַכן באַגראָבן אויפן אָרט, אין לאַגער גופא.

אין טויטן־לאַגער אוישוויץ, אייגנטלעך אין זיין נעבנלאַגער, בירקע־נאַו, וואָס איז געווען פיל גרעסער און מער באַפעלקערט פון שטאַמלאַגער, האָבן די העפטלינגען יידן באַגראָבן אייניקע קאַסטנס מיט ליטעראַטור־שאַפונגען. דער גרעסטער טייל פון דעם איז אָבער, צום באַדויערן, פאַר־לוירן געגאַנגען. און געטאָן האָט עס אַ קליינע צאָל איבערגעבליבענע טוער אין געהיים אַפילו פון די נאָענטסטע חברים, וואָס האָבן אַליין נישט דער־לעבט די גאולה. ווער זשע קען אונדז אָנווייזן, ווו די זאַכן זענען — אויף דעם ריזיקן שטח — פאַרשטעקט געוואָרן?!

דאָ און דאָרט האָט מען אָבער יאָ עפּעס אויסגעגראָבן נאָך דער מלח־מה און די זאַכן געפינען זיך טיילווייז אין פּריוואַטע הענט, טיילווייז אין יידישע אינסטיטוציעס.

און פון די אַלע אָפּגעזוכטע זאַכן, די גרעסטע מערקווירדיקייטן, וואָס אַ קולטור־געשיכטע קען בכלל האָבן, האָט מען ביזן היינטיקן טאָג, צו אונדזער אַלעמענס שאַנד און צער, נאָר גאָר קליינע ברוכטיילן פאַר־עפנטלעכט.

אָט דאָס באַווייזט צום בעסטן אונדזער באַציונג צו דער דאָזיקער תקופה.

קיין בעסערן באַווייז קען אונדז אַליין, קיין טרויעריקערער מצב קאָן גאָר נישט געמאָלט זיין. וועלן מיר זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס איז אָפּגעפונען געוואָרן בכתב און געפינט זיך אין אַן אינסטיטוציע,

וואָס ווייסט עס זיכער ווי צו שאַצן, אָפּצוהיטן און וואָס וועט, ווי מיר האָפן, מיט דער צייט פאָרט זיך באַמיִען, אַז דאָס אָפּגעפונענע זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

מיר וועלן זיך דאָ אויך נישט אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס ס'געפינט זיך אין פּריוואַטע הענט, מחמת מיר ווייסן נאָר וועגן אַ ברוכטייל פון דעם, וואָס איז דורך פּריוואַטע פּערזאָנען אָפּגעפונען געוואָרן נאָך דער מלחמה אין אוישוויצער לאַגער און באַהאַלטן געוואָרן ביי זיך אין דער היים. מיר קענען נאָר האָבן צו די דאָזיקע אייגנטימער די בקשה, זיי זאָלן אַליין איבערגעבן וואָס זיי פאַרמאָגן אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער אינסטיטוציע.

לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן דאָס טאָן.

אונדז וועט דעריבער אויסקומען אין דעם מאָמענט צו באַנוצן זיך מיט דעם, וואָס מיר האָבן אַליין, תיכף נאָך דער באַפרייונג, פאַרנאָטירט פון מויל פון די יעניקע געוועזענע העפטלינגען, וואָס האָבן אָקערשט וואָס פאַרלאָזט אוישוויץ און אַרויס אויף דער פרייער וועלט.

אויף ווי ווייט אונדזערע פאַרצייכענונגען זענען קאָרעקטע און גע־שיכטלעך דערוויזענע, וועט אונדז באַווייזן פאָלגנדיקער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד: אין די „רשומות" (הוצאת „דביר", תל־אביב, תש"ז) לייענען מיר אַן אַרטיקל פון משה נתן (קובאָוויצקי): „יהודי בריסל בעול הנאצים" און הערות צום אַרטיקל פון מיטרעדאַקטאָר פון די „רשימות" י. ל. (יום־טוב לעווינסקי). עס ווערט דאָרט דערציילט, אַז אין לאַגער מאַלין (בעלגיע) האָט זיך אויך געפונען דער באַקאַנטער יידישער שרייבער און דראַמאַ־טורג ד"ר י. ב. ציפור, אַן איידעם פון באַוווסטן רב קאָוואַלסקי (פוילן), דער מחבר פון דער דראַמע „אויפשטאַנד", וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג פאַר דער מלחמה אויף אייניקע יידישע בינעס. פון מאַלין איז ד"ר ציפור אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, ווו ער איז אומ־געקומען.

און אָט האָט ד"ר ציפור פאַרפאַסט אין לאַגער מאַלין אַ הימן אין יידיש, וואָס איז געזונגען געוואָרן דורך יונג און אַלט („הושר בפי זקן וטף").

די אויבן אָנגערופענע צוויי שרייבער קענען נישט דעם טעקסט פון ליד. זיי גיבן נאָר איבער זיין אינהאַלט לויטן פראַנצויזישן טעקסט, וועל־כער איז געווען געדרוקט אין דער פראַנצויזישער צייטונג "Le Peuple", דעם 31סטן מאַי 1945. און אָט וואָס זיי שרייבן וועגן דעם אינהאַלט פון ליד:

„תכנו: מצלתים, תוף, בטנון, כנור וחליל — אל תרגזו היום, נגנו; שמחו לבבות וחנקו בעמקי הלב דכאון ופחד, על אף ה„שחורים" יגבר השיר. בחרוז החוזר שהושר בעוז נאמר: נגן ר' אליה עליזות ב„קפליה" שלך, שכח דמעה, מחה דמעה, מכה לראש אויב ולא ידע מה שמכרסם בלבנו פנימה.

„הנוצרים ראו והשתוממו: יהודים מובלים לטבח ושירת עליצות וחיים בפיהם? על כן קראו לו „שיר הגיהנום", — "Le Chant de la Ge-henne" („דאָס ליד פונעם גיהנום").

עד כאן די „רשומות" וועגן דאָזיקן ליד.

אונדז איז געלונגען אָפּצוגעפינען דאָס דאָזיקע ליד נאָך איידער די נאָטיץ אין די „רשומות" האָט זיך באַוויזן. און מיר ברענגען דעם פולן טעקסט פון ליד אין אָריגינאַל, אין יידיש — הייסט דאָס, ווי אַזוי ס'איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך געוועזענע העפטלינגען פון אוישוויץ (וואָס זענען אין מאַלין נישט געווען!) אָנהייב 1945, תיכף נאָכן באַפרייען זיי פון לאַגער.

אויך אין אוישוויץ איז דאָס ליד געווען זייער פּאָפּולער און געזונ־גען געוואָרן אויף פאַרשיידענע קינסטלערישע אונטערנעמונגען.

נאָך מער וווּנדער: אין מאַלין, אין דעם לאַגער וווּ די לעבנס־באַדינ־גונגען, אין פאַרגלייך מיט אוישוויץ, זענען געווען ווי אין אַ גן־עדן, הייסט דאָס ליד „דאָס גיהנום־ליד". אין אוישוויץ דאַקעגן, אין אמתן גיהנום, איז דאָס ליד באַקאַנט אונטערן פּשוטן נאָמען: „טאַנץ".

און אָט איז דאָס ליד:

טאַצן

טאַצן, קעסל־פּויק און באַסן, פּידעלע און פלייט,
ניין, איר זאָלט אייך היינט נישט כעסן, שפּילט אונדז גליק און פרייד!
דערשטיקט ביי זיך אין האַרצן ביטערניש און באַנג,
אויף צו פּיקעניש דעם שוואַרצן — הילכן זאָל געזאַנג!

ר ע פ ר יי ן:

איי, פריילעך, פריילעך, הילכט, ר׳ עליע!
פריילעך שפּילט אונדז היינט, קאַפּעליע.
די טרער אין אויג פאַרגעסט, די טרער אין אויג פאַרגעסט!
אַ מכה זאָל דער שונא וויסן, אַז אין האַרצן עס פרעסט.

אַזש פון שושן ביז קאַסטיליע, נירענבערג און רוים,
ס׳האָבן המנס און ציווילע געיאָגט אונדז עד תהום;
געשענדעט גייסט און קערפּער, אַ שוואַרצע נעץ געשטריקט,
אונדזער שטאָלץ אין שטויב געטראָטן און דאָך אונדז נישט באַזיגט.

ר ע פ ר יי ן:

ניין, ר׳ עליע, נאָר נישט זאָרגן, ס׳איז נאָך נישט דער סוף,
קומען וועט אַ נייער מאָרגן, ער ברענגט פאַר זיי די שטראָף.
פון בוידעם־שטוב און קעלער גייט אויף אַ העלע שיין;
זעט, ער ווערט אַלץ העל און העלער, ס׳וועט נאָך ליכטיק זיין...

ר ע פ ר יי ן:

דאָס ליד איז אין אוישוויץ פאַרברייטערט געוואָרן. דווקא די שטאַר־קע ווערטער וועגן דער האָפענונג און זיכערקייט אין דער באַפרייונג, וועגן

דער אויפגייענדיקער העלער שיין זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין אוישוויץ, דעריבער ווערט דאָס ליד אַן אוישוויצער ליד. איבעריקנס איז דאָך דאָס ליד דאָ געזונגען געוואָרן, דאָ באַקומען זיין תיקון, דאָס וואָס דער לאַגער מאַלין אין בעלגיע האָט נישט באַוויזן אָפּצוהיטן, האָט אונדז אוישוויץ צוריקגעקערט.

און דער אינהאַלט פון דעם ליד אַנטשפּרעכט די ליניע, וואָס ס'האָט אָנגענומען די ייִדישע אונטערערד־אָרגאַניזאַציע אין אוישוויץ אין יענער צייט, ווען ד״ר ציפּור איז אַהין אָנגעקומען (סוף סעפּטעמבער, 1943).

די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע, קיין אויסוועג זעט זיך נישט. איז כדי נישט צו לאָזן פאַלן ביי זיך די העפטלינגען, כדי אונטערצוהאַלטן זייער גייסט, האָט מען באַשלאָסן אויף צו להכעיס די שונאים פריילעך זיין! און די ייִדישע דיכטער און שרייבער, וואָס זענען געווען אין די לאַגערן, האָט מען „באַאויפטראַגט״ (יאָ, אויך אין אוישוויץ האָבן עקסיסטירט באַשטעלונגען אויף, לאָמיר זאָגן, גוטער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור!) צו שאַפן נייע, אָפּטימיסטישע לידער, וואָס זאָלן זיך זינגען מיט באַקאַנטע מעלאָדיעס דורך אַלע לאַגעריסטן, אַפילו ביים מאַרשירן צו דער אַרבעט, אויף דער דייטשער קאָמאַנדע: !Singen.

און די דיכטער האָבן די באַשטעלונג אָנגענומען און צוגעשטעלט דעם נייטיקן רעפּערטואַר, וואָס האָט געהאַט אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: אי געדאַרפט דעם העפטלינג „ווײלן״, געבן אים עסטעטישע איבערלעבונגען (פּאָעזיע, מוזיק), אי געדאַרפט אים טרייסטן, שטאַרקן, ווירקן אויף אים ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. ביידע צילן האָט די פּאָעזיע דערגרייכט.

נאָר איידער מיר ברענגען דאָ נאָך אַ מוסטער פון אַזאַ מין ליד, וועלן מיר זיך נאָך אויף איין מינוט אומקערן, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, צו ד״ר ציפּור. מיר ווייסן, אַז פאַר זיין דעפּאָרטאַציע פון בעלגיע, האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אַ ריי ליטעראַרישע ווערק אויף אַקטועלע טעמעס. אַזוי ווייסן מיר, אַז צווישן זיי איז געווען אַ דראַמע אין פראַנצויזיש מיטן נאָמען: "Deutschland, Deutschland über alles" (אַזוי הייבט זיך אָן דער הימן פון נאַציסטישן דייטשלאַנד) און אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין ייִדיש, „אַ חלום אין אַ ווינטער־נאַכט״, אָדער „בייטאָג אויפן נייעם מאַרק״.

די זאַכן זענען פאַרשווונדן געוואָרן נאָכן צונעמען זייער מחבר. צי האָט מען אינאיינעם מיטן מחבר אויך פאַרניכטעט זיינע ווערק, צי האָט ער זיי באַוויזן ערגעץ צו פאַרשטעקן, ווייסן מיר נישט: מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז ד״ר ציפּור האָט אויך אין אוישוויץ וויטער געדיכטעט, אָבער צו אונדז זענען די שאַפונגען נישט דערגאַנגען, נישט אין קיין שריפטלעכער און נישט אין קיין מינדלעכער פאָרעם.

אפשר געדענקט עמעץ פון די געוועזענע לאַגעריסטן עפּעס נאָך פון זיי? אפשר געפינט זיך ערגעץ־ווו, בכתב עפּעס פון זיינע דעמאָלטיקע שאַפונגען?

ובכן, דאָס „גיהנום־ליד״, אָדער ריכטיקער „טאַצן״ (אַזוי האָט עס זיכער גערופן דער דיכטער גופא), הגם געזונגען אין גיהנום, האָט אין זיך גאָר נישט טייוולאָנישעס; פאַרקערט, עס דערמאָנט אונדז אַנדערע יידישע לידער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט („זיי פריילעך, זיי פריילעך, וויש אָפּ אַ טרער״, „מיר ווייִנען נישט פאַר אייך...״), אַזוי צו זאָגן „טראַץ־לידער״, צו להכעיסדיקע: „אויף צו פּיקעניש דעם שוואַרצן״. דאָס ליד דאַרף דאָך וועקן די האָפענונג, „קנייפּן די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין״, ווי ס׳דריקט זיך אויס דאָס (אונטערגעגאַנגענע) פאָלק.

ווער דער „שוואַרצער״ איז, ווער זענען די „המנס״ און ווער די „ציווילע״ (היימישע אונטערהעלפער), דאַרף דער דיכטער נישט זאָגן. דאָס האָבן די דעמאָלטיקע צוהערער אַליין גוט געוווּסט. איבעריקנס, די דאָזיקע נעמען זענען געווען אין אַלגעמיינעם באַנוץ כמעט אויפן גאַנצן, — אויף ווי ווייט מיר ווייסן — באַזעצטן געביט דורכן „שוואַרצן״, צי „המנען״. דאָס ליד איז דעריבער געווען אין יענער צייט פאַרשטענדלעך פאַר יעדן.

דאָס דאָזיקע ליד דערמאָנט אונדז אויך די פאַרמלחמהדיקע פאָלקס־לידער („בערל מיטן פידל, שמערל מיטן באַס״ וכדומה), וואָס זענען אויך געווען פריילעכע און פון וועלכע ס׳האָט געווייעט מיט אומעט און טרויער. נאָך אויב דעמאָלט איז דער טרויער געקומען פונעם סאָציאַלן אומרעכט (געזונגען האָבן די לידער יידן קבצנים, ווען ס׳האָט געפעלט אויף פּרנסה, אויף אַ טאָג איבערצולעבן), זענען די „טאַצן״ אַ רעאַקציע אויף דעם פּאָליטישן אומרעכט, וואָס איז מיט אונדז, יידן, אָפּגעטאָן געוואָרן.

דאָס ליד דערמאָנט אונדז, אין דעם צוזאַמענהאַנג, אויך אין די אַמאָ־ליקע יידישע קאַמפּסלידער, געזונגען דורך די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי, למשל, דער הימן פון דער פּועלי־ציוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע:

שמידט אונדז אין אײַזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע חיות אונדז רייסט!
איר וועט אונדזער קערפּער נאָר טייטן,
אָבער נישט אונדזער הייליקן גייסט!

מיר זענען דאָ נישט אויסן צו געבן די פולע גענעאַלאָגיע פון דעם ליד, (דער דייטשער מקור געדענקט נאָפּאַלעאָנס צייטן), מיר האָבן נאָר געוואָלט אָנווייזן, אַז ד״ר ציפּורס ליד „טאַצן״ פּאַסט זיך גוט אַריין אין דעם שנירל פּערל פון אונדזערע פאָלקסלידער, וואָס זענען געזונגען גע־וואָרן בימי השואה אויפן לאַנגן וועג פון אונדזער געשיכטע, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען באַדעקט מיט קיין רויזן.

אַ וואָרט וועגן אָרט, ווו דאָס ליד איז אַנטשטאַנען.

אין בעלגיע, ווי אין פראַנקרייך, האָט מען די יידן בעת זייער אויס־זידלונג, קודם געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ מין געפענקעניש (קאַסערן צי אַמאָליקע פאַרלאָזטע פריצישע שלעסער) ביז ס׳האָט זיך נישט אָנגע־זאַמלט די געהעריקע צאָל יידן, וואָס זאָל געניגן אויף אַ טראַנספּאָרט. און אַ טראַנספּאָרט האָט געהייסן אין מערב־אייראָפּע אַ 1.000 מענטשן, ד״ה יידן. אין מזרח־אייראָפּע האָט דאָס באַטייט פיל, פיל מערער. ווייל פון מערב־אייראָפּע איז מען געפאָרן אין פּאַסאַזשיר־צוגן, מיט שייגע פּעק־לעך, ווי אויף אַ שפּאַציר — אין די טויטן־לאַגערן פון מזרח, פון די מזרח־געביטן איז מען געפאָרן אָנגעשטאָפּט און אָנגעפּראָפּט אין פאַרפלאָמביר־טע משא־וואַגאָנען צו הונדערט מאַן אין אַ וואַגאָן (אויב נישט נאָך מער, קינדער האָבן זיך גלאַט נישט גערעכנט!). אין אַזעלכע וואַגאָנען זענען אין אַ צוג, וואָס איז אָפּגעגאַנגען צו אַ פאַרניכטונג־שטעל, געווען געוויינט־לעך פון 50 ביז 60 פּערזאָן.

און פון בעלגיע, דערהויפּט פון מאַלין, זענען אָפּגעגאַנגען פון 4טן אוי־

גוסט 1942 ביזן 31סטן יולי 1944 — 26 אַזעלכע טראַנספּאָרטן, מיט אַ 26 טויזנט בעלגישע ייִדן, אַזוי גערופענע אויפן דייטשן אַמטלעכן לשון: Transportjuden. דעם 20סטן סעפּטעמבער 1943 איז מיט איינעם אַזאַ טראַנספּאָרט — דעם 22סטן, לויט דער ריי, אָפּגעפאָרן אונדזער דיכטער ד״ר ציפּור און... גליקלעך אָנגעקומען קיין אוישוויץ.

דער קאָמענדאַנט פון דעם דאָזיקן לאַגער פלעגט נאָך יעדן טראַנס־פּאָרט טעלעגראַפיש באַשטעטיקן דעם קאָמענדאַנט פונעם אויסגאַנג־לאַגער, אַז דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען בסדר, ד״ה קיינער פון אים איז נישט אַנטרונען געוואָרן. דאָס באַווייזט, אַז קיינער פון די ייִדן האָט נישט גע־ווּסט, וואָס זיי דערוואַרט אין דער נייער קאָלאָניע, אין דעם אָפּרו־אָרט, וווהין מ׳פירט זיי.

**
*

די כוואַליע פון אָפּטימיזם, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבערן אוישווי־צער לאַגער סוף 1943, אָנהייב 1944, האָט אויך פאַרפלייצט זיינע נעבן־לאַגערן. דאָס באַווייזט אונדז די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די דאָזיקע לאַגערן, שאַפונגען אין ייִדיש: ייִדן האָבן אויך דאָ געשאַפן אין אַנדערע שפּראַכן: פּויליש, דייטש, פראַנצויזיש, אונגאַריש. אין מאָנאָוויץ, אַ קליין דערפל, 5 ק״מ פון אוישוויץ, איז געווען אַ פאַבריק פאַר כעמישע אויס־אַרבעטונגען, וועלכע האָט, אַגב, פאַר דער מלחמה געהערט צו אַ ייִדן. אָט די פאַבריק האָט איבערגענומען די באַקאַנטע דייטשע אַקציען־געזעל־שאַפט מיט אַ וועלט־נאָמען: I. G. Farbenindustrie און זי האָט אָנגע־הויבן פּראָדוצירן די אַזוי נייטיקע פאַר דער דייטשער קריגסמאַשין קינסט־לעכע גומי: בונאַ.

האָט די דאָזיקע דייטשע פירמע זיך געניייטיקט, פאַרשטענדלעך, אין אַרבעטער, בפרט אַז ס׳איז געווען קריגסצייט און די פאַבריק האָט גע־מוזט אַרבעטן מיט דער פולער פּאַרע ובפרט אַז די אַרבעטפעיִקע פּוילי־שע אַרבעטער האָט מען געשיקט אויף אַרבעט אין רייך.

די דאָזיקע דייטשע פירמע איז, פאַרשטענדלעך, געווען פאַראינטע־

רעסירט אין ביליקע אַרבעטער, וואָס מ׳קען אויסנוצן ביז צולעצט און זיי כמעט גאָר נישט געבן.

ווי זשע נעמט מען אַזעלכע אַרבעטער און וואָס דער עיקר — אין אַן אומבאַגרענעצטער צאָל? פאַרשטענדלעך, פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ, וואָס האָט געווימלט פון ייִדן, וואָס זענען מיט אַלץ נייע טראַנספּאָרטן אָנגעקומען און מ׳האָט פשוט נישט באַוויזן זיי צו פאַרגאַזעווען אין אַזאַ שנעלן טעמפּאָ.

די קרעמאַטאָריע־אויוונס, אויפגעשטעלט דורך אַ דייטשער סאָלידער פירמע (פון ערפורט) פלעגן, צוליב זייער איבערפּראָדוקציע, האַלטן אין איין פלאַצן. די דאָזיקע הפסקות אין דער אַרבעט פון די קרעמאַטאָריעס האָבן צייטווייליק אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן אַזוי וויכטיקן פּראָצעס פאַרן דריטן רייך — דער פּראָצעס פון אומברענגען ייִדן. האָט מען דעריבער באַשלאָסן אויסצונוצן די אַרבעט־קראַפט פון די אַרבעטפעיִקע ייִדן אין די קריגסוויכטיקע אונטערנעמונגען און זיי לאָזן אויסגיין ביי דער אַרבעט.

אי ס׳איז עקאָנאָמישער (פאַר דער אַרבעט פון די ייִדן האָבן די אונטערנעמונגען געצאָלט... דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער), אי ס׳ברענגט דאָך נוצן דעם פאָטערלאַנד: עס וואַקסט די קריגס־פּראָדוקציע; ד״ה אי מ׳פאַרדינט, אי מ׳איז גלייכצייטיק אַ גוטער דייטש! האָט מען דעריבער, צווישן אַנדערן, אויך די פאַבריק אין מאָנאָוויץ באַזאָרגט מיט ייִדישע אַרבעטקרעפטן, ווי ס׳ווערט אויפן דייטשן אַמטלעכן לשון באַצייכנט. און אַזוי ווי שלעפּן יעדן טאָג די אַרבעטער פון לאַגער צו דער פאַבריק און צוריק האָט פאַרנומען צו פיל צייט און זיך אָפּגערופן נעגאַטיוו אויף דער אַרבעטצייט און אַרבעטקראַפט פונעם העפטלינג, האָט מען באַשלאָסן אויפצושטעלן נישט ווייט פון דער פאַבריק אַ לאַגער פאַר די העפטלינגען, וואָס אַרבעטן דאָ. „אונטערקונפט און פערפלעגונג״, ווי דאָס ווערט אָנגערופן, האָט געגעבן די פירמע; די לאַגער־באַוואַכונג, די אָרדענונג אין איר גופא — האָט געהיט די קאָמענדאַנטור פון אוישוויץ, ביז דער לאַגער אין מאָנאָוויץ איז זיך אַזוי צעוואַקסן (צען טויזנט אַרבעטער!), אַז ער איז געוואָרן אויטאָנאָם, זעלבשטענדיק! אַ נייער קאָנצענטראַציע־לאַגער: .KL Monowitz, (Konzentrationslager)

די אַרבעט־שטעלע האָט מען גערופן אַמטלעך „בונאַ־ווערקע“ און דער נאָמען „בונאַ“ האָט זיך אָנגענומען פאַרן גאַנצן לאַגער, פאַר די דאָר־טיקע העפטלינגען, זיינע איינריכטונגען, „בונאַ־זופּ“ אאַז״וו.

ווי אַזוי די העפטלינגען האָבן געלעבט אין דעם לאַגער, איז אַ קאַ־פּיטל פאַר זיך. אַלנפאַלס עטוואָס בעסער, ווי אין אוישוויץ גופא; פאָרט געווען אַ „נוציקע“ אַרבעט און געקומען אין קאָנטאַקט מיט נישט־יידישע אַרבעטער, געהאַט די מעגלעכקייט פון שמוגלען אאַז״וו. אָבער דער עיקר: אין מאָנאָוויץ האָט מען נישט געזען ביינאַכט די ריזיקע פלאַמען, וועלכע האָבן געזעצט פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס און האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די לאַגער־איינוווינער, דער עיקר אויף די ניי־צוגעקומענע טראַנס־פּאָרטן, „צוגענגע“, וואָס זענען נאָך דערצו נישט געווען צוגעוווינט.

האָט מען דאָ אַוודאי געקאָנט רויק לעבן, דערציילן זיך מעשיות, זינ־גען לידער, אַלטע און נייע.

די באַוועגונג פון די העפטלינגען אויפן שטח פון לאַגער גופא איז אויך געווען אַ מער פרייערע, האָבן זיי זיך געקאָנט גיכער טרעפן און צו־נויפקומען און ממילא איז געוואַקסן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און מיט אים אינאיינעם — די יידישע קולטור.

אַלס אויסדרוק דערפון איז דער באַזונדערער הימן פון דעם לאַגער, גערופן געוואָרן דורך די לאַגעריסטן גופא: „בונאַ־מאַרש“. דערמיט איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן זייער אומאָפּהענגיקייט פון אוישוויץ. און אָט איז דאָס ליד:

בונאַ־מאַרש

פון אָסטן, זידן, וועסטן און נאָרוועגיען
שלעפּט מען יידן אויף אַלע בייזע וועגן,
געשלאָגן אין שפּאָט סיי גוף און נשמה
דער שונא האָט אין ווילדער נקמה.

ר ע פ ר י י ן:

נחמן בלומענטאַל

דאָך זינגט, ברומט להכעיס דעם פיינט,
ווייל פרייהייט קומט, מאָרגן צי היינט.
אויף מזרח די זון שוין שיינט,
אויף מזרח — אַ רויטע שיינט.

פלאָגט מען ייִדן אויף בונאַס בלאָטע־וועגן,
בויען, שמידן, טאָרן גאָר נישט פרעגן.
פאַרצוימט, פאַרפאַרקט, ווי פאַריער, ווי טמא.
קיין קלעפּ נישט געקאַרגט מיט שטעקנס און גומי.

ר ע פ ר י י ן:

עס קומט דער פרידן אַ היים אויף נייע וועגן
אָן אונטערשיד די פרייהייטס־פאָן אַנטקעגן,
שטראַלן פון גליק, אוי, ס׳איז דאָ די נחמה,
נאָך אַן אויגנבליק און — אַ סוף צו מלחמה...

ר ע פ ר י י ן:

דאָס ליד האָבן מיר פאַרצייכנט פון די ברידער ישראל און מאיר לע־וועגטאַל, וואָס זענען אַליין געווען אין דעם לאַגער. ווי דעם מחבר פון ליד גיבן זיי אָן משה פּאָטאַשינסקי, אַן אַקטיאָר פון דער ייִדישער בינע אין פּוילן, וואָס האָט שפּעטער־צו אויסגעוואַנדערט קיין בעלגיע און בימי היטלער צוריקגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן. (אַ „שטאָטענלאָזער יודע", דאָס מיינט ס׳רוב אַ בירגער פון געוועזענעם פּוילן און אויף אַזאַ ייִדן איז דאָך אַוודאי נישט געווען וואָס זיך מרחם צו זיין. אין די מערב־מדינות זענען די דאָזיקע ייִדן געווען פון די ערשטע דעפּאָרטירט צו ווערן). אָט דער אַקטיאָר האָט, צווישן אַנדערן, געזונגען אויף די האַלב־עפּנטלעכע פאַראַנטשטאַלטונגען אין לאַגער אויך דעם „בונאַ־מאַרש".

לויט אַן אַנדערן עדות (מענדל באָרג, אויך אַ העפטלינג פון דעם לאַ־

גער), זאָל דאָס ליד האָבן פאַרפאַסט אַ ייִד מיטן נאָמען גאָלדבערג, אַ גע־וועזענער „שטיקל חזן", וואָס האָט אין די יאָרן 1943־1944 געאַרבעט אין די „בונאַ"־ווערק און אין דער פרייער צייט פאַרפאַסט און געזונגען פאַרשיידענע לידער.

פאַראַן אויך אַן אַנדער סברה, אַז דאָס ליד האָט פאַרפאַסט אַ דריי־טער, נאָר ווער קען די פלוגתא היינט אַנטשיידן?

האָבן מיר יוצא געווען, דערמאָנענדיק די עווענטועלע נעמען פון מחבר פון ליד, אָבער דאָס פּראָבלעם אַליין? תּיקו.

און איצט וועגן אינהאַלט פון ליד.

דער מחבר און דער זינגער פון ליד זענען אַזוי איבערצייגט אין נאָענטן זיג, אין נאָענטן סוף פון דער מלחמה. אַז דעם גאַנצן אַרום, — אי דעם לאַגער, אי די אויסראָטונג־מאַשין, — זעט ער כמעט נישט. ער זעט פאַר זיך נאָר די אויפגייענדיקע שיין און טאַנצט איר אַנטקעגן אין התלהבותדיקע אויסרופן.

דאָס ליד צייכנט זיך אויס נישט נאָר מיט אָפּטימיזם, נאָר מיט עפּעס אַ מין האָפערדיקייט, שאין כמוה.

איך בין זיך מודה, ווען איך לייען היינט צו טאָג (anno Domini 1963) דאָס דאָזיקע ליד, געשריבן און געזונגען טאַקע באמת אויפן דעק פונעם אָפּגרונט, נעמט מיך אויך אַרום עפּעס פון יענער פרייד, פון יענער זי־כערקייט, אַז ס'איז באמת אַ סוף צו דער מלחמה און אַז ס'האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן די עפּאָכע פון שלום אויף דער וועלט.

אויב צו יענע צייטן האָט מען געקענט זינגען אַזאַ מין ליד, טאָ וואָס פעלט אונדז היינט?

פאַרגלייכן מיר דאָס ליד מיט די פריִערדיקע צוויי לידער פון צוויי מחברים, וואָס זענען געשטאַנען אויפן ראַנד פון אומקום און טאַקע אומ־געקומען — דעם „בונאַ־מאַרש" מיט די „טאַצן", זעען מיר כמעט די זעלבע בילדער, כמעט די זעלבע ווערטער. די זעלבע סיטואַציע האָט זיי דאָך אַרויסגערופן און זיכער דער זעלבער גלויבן אין דער צוקונפט, אין גליק פון מענטשן אויף דער ערד. די זעלבע זיכערקייט און איבערצייגונג, אַז

— נצח ישראל לא ישקר!

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטירלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...

36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן

39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) **שלום אַש** — פעטערבורג ־ וואַרשע ־ מאָסקווע (אויספאַר(קויפט)

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אַשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — מעשהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק** — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקייפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע, 1937
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך
82—83) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספאַרקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות) (אויספאַרקויפט)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראַקע)
95—96) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)
101) י. הירשהויט — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) מיכאל באָרוויטש — אָרישע פּאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאַנד, פּאַריז, 1958).
108—109) מרדכי שטריגלער — געצעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110—111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד, ניו־יאָרק, 1956).
112) ברוך האָגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, בוענאָס־איירעס, 1956).
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײַדע זײַטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באַריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־אײַרעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײַדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווונדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרײַאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פאַרהאַנג (אויספאַרקויפט)

153) שיינע־מרים בראַדערזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאַלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברייענסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
158־157) אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — ייִדן אין אַלטן פּוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
(פּרעמירט דורך דער צבי־קעסעל־פּרעמיע, מעקסיקע 1962)
162) ישראל עמיאָט — פּאַרדעקטע שפּיגלען
164־163) הערשל ה. ווייגרויך — קאַמיסאַרן (ראָמאַן)
165) ישעיה טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
166) אברהם זאַק — אין אָנהייב פון פרילינג
167) שלמה שאַפּיראָ — זכרונות פון אַ מאַראַן
168) ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אַמו־דאַריאַ
169) ד. זאַקאַליק — אין שטורעם
170) נ. קאַנטאָראָוויטש — פאַרשוואונדענע ייִדישע ישובים
171) מלך ראַוויטש — צווייטער באַנד פון זכרונות
(פּרעמירט דורך דער ערשטער ש. ניגער־ליטעראַטור־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס)
172) קהת קליגער — די שיינע רויז...
173) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — אויף מיין וועג...
174) אַברהם זאַק — אויף וועגן פון גורל (דערציילונגען)
175) נחמן בלומענטאַל — ליטעראַטור אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע

עס גרייט זיך צום דרוק:

מלך ראַוויטש — וואַרשע (זכרונות)
דוד לעדערמאַן — די לעצטע טריט
ד״ר ל. וואָלמאַן — ייִדישע דאָקטוירים אין פּוילן
יעקב צינעמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן
אירענע קרוק — זכרונות

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע
„דאָס פּוילישע ייִדנטום"
ויך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 - Buenos Aires (Argentina)

Este libro se terminó de imprimir el día
29 de marzo de 1966 en los Talleres
Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L. -
Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires,
República Argentina.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 175

Copyright by
NACHMAN BLUMENTAL, Jerusalem

The publication of this volume was made possible by a grant from the Memorial Fundation for Jewish Culture.

Hecho el depósito que marca la Ley

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

NACHMAN BLUMENTAL

COLOQUIOS SOBRE LA LITERATURA JUDIA BAJO LA OCUPACION ALEMANA

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1966